STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06011

FUN KROKHMOLNA BIZ KOLIMA

Chaim Babitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים באַביץ

פון קראָכמאַלנע ביז קאָלימאַ

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון :

ייִדישן שרײַבער־פּאַראיין אין ישראל,
קרן תל־אביב לאמנות וספרות ע״ש י. רבינוביץ׳,
אליעזר פּינעס־פאָנד פאַר ליטעראַטור און קולטור,
לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל
„ישראל־בוך״ — הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג,
און חברים פון אויסלאַנד

חיים באַביץ

פון קראָכמאַלנע ביז קאָלימאַ

נסיונות און איבערלעבונגען

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג
תל־אביב, תשמ"ה — 1985

CHIM BABITZ
FROM KROCHMALNA TO KOLIMA

חיים בביץ
מרחוב קרוכמלנה עד האי קולימה

חיים באַביץ
פון קראָכמאַלנע ביז קאָלימאַ

פאַרלאַג „ישראל-בוך״, הילפספאָנד פאַר ייִדיש-שאַפונג אין ישראל
תל-אביב, רחוב איתמר בן-אבי 4
Publisching House Israel-Book
Tel-Aviv, P.O.B. 1777

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel, 1985 נדפס בישראל

דפוס „אורלי״ — פרידמן, תל-אביב



צוויי מאָל געבוירן געוואָרן

ביז דער היטלערישער מגיפה און דער פאַרברעכערישער סטאַליניסטישער אָבסעסיע איז געווען אָנגענומען, אַז בלויז געוויסע פיזישע קראַנקייטן זענען עפּידעמיש און זענען עלול זיך איבערצוטראָגן אויף מרחקים און אָנשטעקן מיליאָנען מענטשן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אויך באַזעסנקייט מיט פּאָליטישער צי אידעאָלאָגישער מאָטיוואַציע קאָן אָנשטעקן מיליאָנען מענטשן און עס זאָל געשאַפן ווערן אַן אַפּאַראַט פון צענדליקער טויזנטער פאַר אַכזריות און אוממענטשלעכקייט. אַנדערש איז אוממעגלעך צו דערקלערן וואָס עס איז פאָרגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד אין די צײַטן ווען דאָרט האָבן געהערשט די פּאַראַנויער סטאַלין, זשדאַנאָוו, בעריאַ און זיי ענלעכע. דאָס האָבן זיי דעם צאַרישן שקלאַפן־סיסטעם אויף סיבירער קאַטאָרגע פּערפעקציאָנירט צו אַ סיסטעם פון אַ דאַנטעיִשן גיהנום אויף דער ערד.

הונדערטער ביכער זענען ביז איצט דערשינען אויף דער טעמע : גע—פּע—או, ען—קאַ—ווע—דע, לאַגערן, אויספאָרש־קעלערן, „מאָסקווער טראָיקע", „סטאָלי־פּינישע וואַגאָנען" און דער „סליעדעוואַטעל", דער קאַלטער אַכזר, וואָס ווייסט אַז זײַנע באַשולדיקונגען זענען שקר וכזב. אָבער די טעמע איז ווײַט נישט אויסגעשעפּט. ווײַל דער דאַנטעיִשער גיהנום אויף דער ערד האָט אַרומגענומען די גאַנצע ריזיקע סאָוויעטישע טעריטאָריע פון סיקטיווקאַר ביז מאַגאַדאַן, פון טאָבאָלסקער ראַיאָן ביז דעם האַלב־אינדזל סאַכאַלין, מיט דער באַטייליקונג פון צענדליקער טויזנטער אָבסעסיווע פּײַניקער־סאַדיסטן — אַן עפּידעמיש משוגעת, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערן מיט לאָגיק.

צו די אַלע הונדערטער ביז־איצט־דערשינענע באַשרײַבונגען אויף דער טעמע טראָגט צו חיים באַביץ אַ ווערטפולן דאָקומענט — זײַן בוך „פון קראָכמאַלנע ביז קאָלימאַ". כ'האָב דאָס בוך פאַרן דרוקן איבערגעלייענט מיט איין אָטעם. און הגם איך האָב אויף ענלעכע תפיסה־און לאַגער־טעמעס געלייענט צענדליקער ביכער, בין איך פון חיים באַביצעס בוך באַרײַכערט געוואָרן מיט נײַע זײַטן פון אָט דעם גיהנום.

ס'שײַנט מיר, אַז חיים באַביץ איז דער איינציקער פּוילישער ייִד וואָס אויף זײַן גורל איז אויסגעפאַלן פאַרשיקט צו ווערן אויפן האַלב־אינדזל קאָלימאַ אין אַ גאָלד־גרובן. אָבער איידער באַביץ איז אָנגעקומען אין יענעם וויסטן עק־וועלט, ווו עס איז קײַן אײַנגעזעסענער ייִשוב נישטאָ, איז ער דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן וועג פון תפיסות, אויספאָרשונגען, לאַגערן, עטאַפּן, וואָס האָבן געדויערט פערצן לאַנגע יאָרן. פיר יאָר האָט ער „געלעבט" אין מאַגאַדאַן, בײַ אַ גאָלד־גרובן.

פיר יאָר ! ווו געפינט זיך קאָלימאַ ? ווי אַ געבוירענער און דערצויגענער אויפן פּלעצל אויף קראָכמאַלנע גאַס אין וואַרשע, האָט באַביץ מסתמא פריִער נישט געהערט וועגן קאָלימאַ, מאַגאַדאַן. דער האַלב־אינדזל קאָלימאַ געפינט זיך בײַם אויסגוס פונעם טײַך מיט דעם זעלבן נאָמען, אַ דרײַ טויזנט קילאָמעטער מזרחדיק פון צענטראַל־סיביר, הינטער דער צירסקי בערג־קייט, אויפן צפונדיקן ברעג פונעם אָכאָצקער ים. אַהין איז חיים באַביץ אָנגעקומען מיט אַן עטאַפּ, וואָס אין אָנהייב פון זײַן חדשים־לאַנגן מאַרש האָט ער געציילט 5000 מאַן.

כּדי צו וויסן אַז אַ מענטש קאָן צוויי מאָל געבוירן ווערן, מוז ער לייענען דאָס בוך פון חיים באַביץ. אין דעם בוך דערציילט ער זײַן געשיכטע מיט פּשוטע ווערטער, אָן וועלכע עס איז פּרעטענסיעס צו זײַן ליטעראַריש. איין מאָל איז ער געבוירן געוואָרן אויף דער קראָכמאַלנע גאַס אין וואַרשע און דאָס צווייטע מאָל איז ער אין יאָר 1953 געבוירן געוואָרן אין ריגע, נאָך דער באַפרײַונג פון קאָלימאַ. אין זײַן צווייטן געבורט האָט ער נישט געגלייבט ביז ער האָט פאַרלאָזט די גרענעצן פון דעם ראַטנפאַרבאַנד. פערצן יאָר האָט חיים באַביץ דורכגעמאַכט אָט דעם גיהנום פון אויספאַרשונגען, תּפיסות, לאַגערן, דערנידעריקונגען, וואָס ער האָט זיך זיי קעגנגעשטעלט מיט אַ מאָראַל, וואָס דאַכט זיך אַז נאָר אַ פּוילישער ייִד האָט געקאָנט זײַן באַשענקט מיט איר, מיט דעם מאָראַלישן כּוח פון ווידערשטאַנד.

באַביץ שרײַבט נישט בלויז וועגן זיך. אַ גרויסער טייל פון זײַן בוך זענען אָבסערוואַציעס אין די פאַרשיידענע סביבות וואָס ער גייט אַדורך. ער איז פון די ווייניקע וואָס שרײַבט אויך וועגן די אָרעמע רויטאַרמייער, וואָס נאָך דעם ווי זיי האָבן מיט זייער בלוט געקעמפט אין דער „פאָטערלענדישער מלחמה" און דערגאַנגען ביז בערלין, באַפרײַענדיק די וועלט פון היטלעריזם, האָט זיי דער פאַרשאָלטענער אָבסעסיווער רעזשים נישט דעמאָביליזירט צו זייערע פרויען און קינדער, נאָר זיי פאַרשיקט אין שקלאַפן־לאַגערן, און אויך אין די גאָלד־גרובנס אין קאָלימאַ. רירנדיק איז באַביצעס באַשרײַבונג פון דעם פאַל מיט איוואַן וואַסיליעוויטש: אויך ער איז ווי אַ „דעמאָביליזירטער" זעלנער אין בערלין פאַרשיקט געוואָרן אויפן אינדזל קאָלימאַ. אָבער זײַן פרוי, ערגעץ אין אייראָפּעיִשן טייל רוסלאַנד, האָט נישט געקאָנט גלייבן, אַז נאָך דעם ווי איר מאַן האָט געקעמפט אין דער מלחמה און דערגאַנגען ביז בערלין, זאָל לסוף האָבן פאַרשיקט געוואָרן הינטער די הרי חושך, ווי אַ פאַרברעכער. זי איז געווען זיכער, אַז איר מאַן וויל נישט צוריקקומען צו איר און זײַנע קינדער. ער האָט געפונען אַ צווייטע — בײַם אָכאָצקער ים — און זי האָט אים אָנגעקלאָגט אויף אַלימענטן. דאָס סאָוויעטישע געריכט פון צדק און יושר האָט געפסקנט, אַז ווײַל איוואַן וואַסילעוויטש „וויל נישט" צוריקקערן צו זײַן ווײַב און קינדער, איז ער מחויב צו צאָלן אַלימענטן דער פאַראַטענער פרוי זײַנער, זי זאָל האָבן פון וואָס אויסצוהאַלטן זײַנע קינדער.

דאָס בוך פון חיים באַביץ „פון קראָכמאַלנע ביז קאָלימאַ" דאַרף יעדער אינטעליגענטער מענטשן לייענען, כּדי זיך צו איבערצײַגן, אַז די אָבסעסיע מיט פּאָליטישער צי אידעאָלאָגישער מאָטיוואַציע איז אַן אָנשטעקנדיקע גײַסטיקע קראַנקייט, וואָס פאַרכאַפּט מיליאָנען אויף ריזיקע לאַנד־שטחים און מאַכט קראַנק אַ וועלט, וו אין מיטלאַלטער האָט אַן עפּידעמיע פון פיזישע קראַנקייטן אַרומגעכאַפּט אַ וועלט און מיליאָנען מענטשן. דורך אַזעלכע ביכער, ווי דאָס פון חיים באַביץ, וועלן מענטשן (הלוואי) אפשר ווערן אימון און נישט דערלאָזן צו אַזעלכע סיסטעמען, אין וועלכע דער מענטש איז ווערט בלויז אַ „סטאָליפּין־וואַגאָן" און דרײַ הונדערט גראַם קלעפּיק ברויט געבאַקן מיט זעגעכץ...

מ. צאַנין

★

איך וועל בלויז פרווון פאַרשטעלן פאַר דעם לייענער — דעם מחבר.

וועגן זײַן שטאַנדהאַפטיקייט, אָפּפערוויליקייט און שטאַרקן כאַראַקטער וועט דער לייענער קאָנען לײַכט אויסגעפינען פון די שורות אין דעם בוך גופא. איך וועל זיך באַגרענעצן צו געוויסע פערזענלעכע מאָמענטן.

איך האָב באַביצן געקענט זייער גוט נאָך פון דער אַלטער היים, פון נאָווידוואָר, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווײַט פון דער גרויסער שטאָט — וואַרשע, וואָס האָט ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגן צו זיך די מענטשן פון שטעטל מיט גרעסערער איניציאַטיוו, וואָס האָבן געוואָלט „זען די וועלט".

פון פאַך אַ סטאָלער, האָט ער באַוויזן דורך זײַן נאַטירלעכער אינטעליגענץ צו פאַרוואַנדלען זײַן קענטעניש אין אַ קונסט. ווי אַ סך יידישע אַרבעטער פון יענער צײַט האָט ער געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דראַנג נאָך וויסן. ער האָט באַוויזן מיט אייגענע כּוחות און מיט שטאַרקן ווילן צו דערגרייכן אַ גאַר הויכע שטופע פון בילדונג.

עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס ער האָט געפונען זײַן גייסטיקן וועג צום „בונד", דער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. אין אַ גאַנץ קורצער צײַט איז ער געוואָרן דער פירער פון דער אָרטיקער „צוקונפט"-אָרגאַניזאַציע און שפּעטער אויך אַן אַקטיווער בונדישער טוער.

אַ פּאָר יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה באַזעצט ער זיך אין וואַרשע, ווּ ער ווערט גלײַך אַקטיוו אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און אין דעם האָלץ-פאַראיין. אין וואַרשע זיך באַקענט מיט רבקהן, מיט וועמען ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט. אַ מער אידעאַל און גליקלעך פּאָרפאָלק איז שווער צו געפינען.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין 1939 האָבן די באַביצס, ווי פיל טויזנטער אַנדערע יידן, פאַרלאָזט וואַרשע. מען איז געלאָפן צו די מזרח-טיילן פון פוילן, ווּ מען האָט געמיינט, אַז די היטלעריסטישע אַרמיי וועט נישט דערגרייכן. מען האָט אויך דערוואַרט צו געניסן פון דער שוץ פון דער באָלשעוויסטישער „רויטער אַרמיי". באַראַנאָוויטש איז טאַקע געווען די שטאָט ווּ זיי האָבן זיך באַזעצט.

אָבער גלײַך אין 1940 האָט די באָלשעוויסטישע מאַכט דורכגעפירט מאַסן-אַרעסטן פון אַלע וועמען זיי האָבן פאַרדעכטיקט אין פּאָטענציעלער נישט-לאָיאַלקייט צו זייער רעזשים.

ווי פיל צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידן (די מאַכט האָט פאַרדעכטיקט אַלע יידן, ספּעציעל די, וואָס זענען געקומען פון די מערב-טיילן פון פוילן), איז באַביץ און זײַן פרוי געוואָרן פאַרשיקט קיין סיביר.

צום סוף פון 1941, נאָכדעם, ווי היטלער האָט אַטאַקירט סאָוויעט-רוסלאַנד און סטאַלין האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט שיקאָרסקין (דער דעמאָלטדיקער

פירער פון דער פוילישער רעגירונג, וואָס האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן), זענען די ייִדן, מיט געוויסע אויסנאַמען, געוואָרן באַפרייַט פון סיביר.

באַביץ, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, האָבן געפונען דעם וועג צו באַראַנאָווקאַ, אַ קליין שטעטל, נישט וויַיט פון דעם באַרימטן טײַך וואָלגאַ.

דער גורל אָבער האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל נישט זיַין דער סוף פון זיַין פערזענלעכער טראַגעדיע. אין דער שטאָט אַסטראַכאַן איז געשטאָרבן זיַין פרוי, פון טיפוס, וואָס האָט דעמלט אומגעבראַכט פיל געוועזענע פאַרשיקטע.

ער האָט זיך באַדאַרפט פאַרנעמען אויך מיט צוויי קליינע קינדער. אונטער די באַדינגונגען פון יענער צייַט, איז דאָס אַליין געווען אַ פאַנטאַסטישע העלדישקייט.

1945, דאָס יאָר פון שלום אויף דער וועלט, נאָך דער מפלה פון די היטלעריסטן, איז אָבער אויך געווען פאַר באַביצן דאָס יאָר פון זיַין צווייטן אַרעסט. ער איז געוואָרן פאַרשיקט קיַין קאָלימאַ, וואָס איז דער גהינום אַפילו אין דעם פאַרשאָלטענעם און וויסטן סיביר. דאָרט ווערן מענטשן פאַרשיקט צו שטאַרבן מיט אַ שנעלן טויט, נאָכדעם ווי זייערע כוחות ווערן אויסגעשעפּט דורך שווערער אַרבעט אונטער די פּרימיטיוויסטע באַדינגונגען און ברוטאַלסטן פּאָליציייִשן טעראָר.

דאָס בוך באַשרייַבט טאַקע זיַינע איבערלעבונגען און דעם נס פון זיַין באַפרייַונג. דער דאָזיקער נס האָט דאָס מעגלעך געמאַכט, אַז ער זאָל קאָנען דערלעבן זיַין באַפרייַונג נאָך עלף יאָר פון שקלאַפערייַ.

נאָך דער באַפרייַונג האָט באַביץ זיך באַזעצט אין ישראל ווו ער איז דער סעקרעטאַר פון דער אָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

אין ישראל האָט ער אויך געהאַט דאָס גליק צו דערלעבן אַן אַנדערן נס — און דאָס איז אָפּצוגעפינען זיַינע צוויי קינדער, וועגן וועמענס גורל ער האָט פריִער גאָרנישט געוווּסט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די משפחה סעגאַל, וואָס איז מיט אים באַפרייַנדעט געוואָרן, האָט דערצויגן די קינדער, נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן אַרעסטירט.

דאָס זענען די „טרוקענע" עפּיזאָדן אין דעם לעבן פון חיים באַביץ. דער לייענער פון זיַין בוך וועט געפינען מער וועגן דעם דאָזיקן העלדישן מענטש, ווי מיַינע שורות האָבן געקאָנט באַוויַיזן. דאַרף דאָס בוך געלייענט און געלייענט ווערן.

משה לאָקעטש, ניו־יאָרק

פון קראַכמאַלנע ביז קאַלימאַ...

דער געדאַנק וועגן דערציילן מײַן ווײַטן און פאַרפּלאָנטערטן לעבנס־גאַנג, ווײַט אין מרחק און אין געשעענישן, איז בײַ מיר געבוירן געוואָרן אין איינעם אַ געפערלעכן גאַנג, צווישן לעבן און טויט...

דאָס איז געווען אין חודש מערץ 1952, וואָס לויט דער געוווינהייט איז דאָס די צײַט פון ערב־פרילינג, אָבער דאָרט, אין קאָלימאַ, איז עס טיפער ווינטער, מיט שנײַדנדיקע פרעסט פון אַריבער 50 גראַד אונטער נול.

אין איינעם אַזאַ טאָג האָבן מיר, די אַרבעטס־בריגאַדע צו וועלכער איך האָב געהערט, זיך צוריקגעקערט פון אַ שווערן, הונגעריקן אומגעוויינלעך קאַלטן אַרבעט־טאָג. מיר האָבן זיך אומגעקערט פונעם אָרט ווו מיר האָבן געבויט די אַגרעגאַטן צו וואַשן דאָס גאָלד אין אונדזער לאַגער־זאָנע. דער שטח איז געווען, — ווי מען האָט געשאַצט, — ביי אַ 14 ק״מ ווײַט. אָבער אונדזער אַרבעט־פּונקט איז געלעגן אין אַ טיפן טאָל, וואָס דווקא זײַן נידעריקייט און טיפקייט דאַרף דינען פאַר אַ גרעסערער זאַמלונג וואַסער פון דעם זיך־טײַענדיקן שניי. דאָס גיין אַהין צו דער אַרבעט האָט פאַרמאָגט אַ פּשוטע טעכניק: אונדזערע שטריק־פּאַסקעס, מיט וועלכע מיר זענען געווען אַרומגענומען, זענען געווען באַהאָנגען מיט אונדזערע אַרבעטס־מכשירים, ווי העק, זעגן און אַנדערע כלים. דאָס אַלץ האָט געמוזט זײַן אָנגעהאָנגען אויף אונדז, כּדי די הענט זאָלן זײַן פרײַ. ווען מיר זענען צוגעקומען צום אָפּגרונט וואָס האָט געפירט צום אָרט ווו מיר דאַרפן אַרבעטן, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף די הינטנס, אונטערגעלייגט די הענט, די אַרומגענומענע מיט אַזעלכע לאַפּטשעס, שטאָט הענטשקעס, און האַיידאַ! אַראָפּ!... אין דעם אַליין איז געווען נישט ווייניק געפאַר צו פאַרלויפן אין די טיפע, זינקענדיקע שנייען. אָבער הגם

געפערלעך, איז עס אָבער פיזיש נישט געווען שווער. ערגער איז געווען דער וועג צוריק פון דער אַרבעט. אַרויף, אַרויף, העכער, העכער, שווער נישט: „אויב נישט נאָך העכער"... אויפהייבן זיך נאָך אַזאַ אויסמאַטערנדיקן טאָג אַרויף, אַרויף, און דערצו שמעקט עס מיט סכּנות נפשות, איז שוין גאָר נישט געווען אַזוי לײַכט. זײַענדיק אין טאָל, אַז דו האָסט אַרויפגעקוקט צו דער הייך וועלכע דו דאַרפסט גרייכן, האָט זיך דיר אויסגעוויזן אַז דו גייסט „גרייכן" דעם הימל... דאָס וואָס מיר רופן געוויינלעך „וועג", איז געווען אַ סטעזשקע צווישן צוויי אומענדלעכע טויט־צוזאָגנדיקע שנײ־פעלדער. די שמאָלע סטעזשקע — וואָס איז אַ גאָר קלײנער סימן פון לעבן — אין וועלכער דו דאַרפסט זיך נישט נאָר האַלטן, נאָר אויך שלײַכן און גרייכן, האָט דיך געגייט צו געדענקען אַז יעדער קלענסטער קער, לינקס אָדער רעכטס ,איז אָפּגרונט — טויט!

נאָר דער וואָס האָט דאָס געזען קאָן פאַרשטײן דעם זאָג: תּוהו ובוהו. **וויסטעניש!** ווו וועלט? ווער וועלט? וואָס פאַר אַ סימן פון לעבן?! שנײ, און הימל, און דער אײנציקער לעבן־סימן איז די סטעזשקע. און אויב דו ווילסט טאַקע לעבן, טאָרסטו נישט אַראָפּלאָזן פון אויג די שוין דערגרייכטע, די פאַראויסגײענדיקע, וואָס זענען שוין נענטער צו דעם וואָס מען רופט לעבן — **וועלט.**

דראַפּע איך זיך אַזוי מיט די לעצטע כּוחות העכער, העכער, צו וועלט און לעבן. בלויז אויף אַ קלײנער ווײַלע פאַרהאַלט זיך מײַן אָטעם און איך שטעל זיך אָפּ, קוק זיך ווידער אַרום, און הייב אָן רעדן הויך צו זיך אַליין. איך רוף אָן מײַן פולן נאָמען און פרעג זיך אַליין: איז דאָס טאַקע אמת, אַז דו, דאָס ייִנגל, געבוירן אין וואַרשע אויף קראַכמאַלנע 23, האָסט דערגרייכט ביז דעם פּריזסק־אָקטיאַבערסקי, אויפן טויט־אינדזל קאַלימאַ? אויב ס'איז אמת איז עס טאַקע אַ „שטיקל" וועג וואָס לאָזט זיך און דאַרף דערציילט ווערן. — און זאָג זיך צו, אַז אויב איך וועל בלײַבן לעבן, וועל איך דאָס דערציילן פאַר דער וועלט. און דאָס איז געוואָרן מײַן לעבנס־שבועה!

ס'איז אַ זוניק־פּראַסטיקער, שנײ־בלישטשנדיקער פאַרנאַכט. אָט־אָט און עס ווערט פינצטער. און וואָס מיינט דאָ די נאַכט?... אוי,

פרעג נישט! שוין דער געדאַנק שטאַרקט דײַנע כּוחות צו דראַפּען זיך העכער און ווײַטער. און אויף אָט דער שמאָלער לעבנס־סטעזשקע, ווי איך רוף זי, האָב איך הויך אויפֿן קול, אין דעם אָפּקלאַנג פון ווײַטן און טיפֿן עכאָ, אַרײַנגעזונגען סטראָפֿן פון דעם דיכטער י. פּאַפּירערניקאָווס באַרימטן ליד „זאָל זײַן"... „זאָל זײַן, אַז מײַן שיף וועט נישט קומען צום ברעג — עס גייט נישט אין דעם אַז כ'זאָל האָבן דערגאַנגען, עס גייט נאָר אין גאַנג אויף דעם זוניקן וועג"...

און מײַן „זוניקער וועג" איז געווען די שוין דערמאָנטע לעבנס־באַשערטע שניי־סטעזשקע, מיט וועלכער איך האָב גראָד יאָ געוואָלט דערגיין! און אַז כ'בין יאָ דערגאַנגען און בין טאַקע דאָ, דאַרף דער דאָזיקער וועג פון קראָכמאַלנע 23 ביזן פּריזסק־אָקטיאַבערסקי דערציילט ווערן.

★

דער וועג פון קאָלימאַ ביז מדינת ישראל איז אַ שווערער, אַ דאָרנדיקער, אַפּילו פאַר איינעם פון אונדזער שווער־געפּרוּווטן דור. דאָס איז אַ לעבנס־וועג פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, אויף וועלכן כ'בין געווען מיטגייער און מיטמאַכער, אַקטיוו מיטגעלעבט און דורכגעלעבט געשעענישן, אומגליקן, מלחמות און קאַטאַס־טראָפֿעס פון אַלגעמיין־געזעלשאַפֿטלעכן און פון פּערזענלעך, משפּחהדיקן כאַראַקטער. אין אַלע צײַטן און בײַ פאַרשיידענע באַדינגונגען נישט פרײַ געלאָזט דעם געדאַנק פון צו טראַכטן און דאָס אויג פון אָבסערווירן. פאַרמעסט איך זיך נישט אויף עפּעס וואָס איז נישט אין דער רעם און נישט אין מײַנע מעגלעכקייטן. ניין. איך וועל בלויז מיטגיין מיט דעם צײַט־לויף און די געשעענישן, אַזוי ווי זיי זענען פאָרגעקומען. וועל נישט אָפּגעבן צופֿיל אָרט פאַר היים, פאַר קינדהייט און מינדעריעריקייט — איך וועל זיך מיט דעם באַנוצן נאָר אויף אַזויפיל אויף וויפל דאָס איז נייטיק פאַרן אַרויסברענגען אַלץ, אָדער כּמעט אַלץ ביז מײַן אַרײַנקומען אין דער געזעלשאַפֿט. דאָס איז אַ לעבנס־דויער וואָס איז געווען איבער דער רעם פון אַ געוויינלעך מענטשלעך לעבן. אפשר וועלן

מײַנע שורות זײַן נאָר אַ טראָפּן אין גרויסן ים, וואָס זײַן שפּיגל דאַרף אָפּשפּיגלען אונדזער אויסנעמיקע לעבנס־תּקופה.

דאָס יאָר און דער טאָג פון מײַן געבוירן — 15.10.1908 — איז פאַרשריבן און באַשטעטיקט געוואָרן ערשט אין מײַן שפּעטערן עלטער. אין יאָר 1931 האָב איך זיך געגרייט אַרויסצופאָרן פון פּוילן קיין ווין, צו דער 2טער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָלימפּיאַדע און באַדאַרפט האָבן אַ פּאַס — האָבן דעמלט עדות דאָס באַשטעטיקט. וואָס איך אַליין ווייס איז, אַז איך בין

אויפן בילד: צווישן די זיצנדיקע (לינקס) לוציאַן בליט, דעמלסטיקער סעקרעטאַר פון „צוקונפט", דער ערשטער פון לינקס, שטייענדיק, דער מחבר.

געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, אויף קראָכמאַלנע 23. איך דערמאָן אָפּט דעם נאָמען פון דער גאַס, שוין נישט מיט אַ געוויסן שטאָלץ, די קראָכמאַלנע איז כּמעט געווען אַ הויפּט־גאַס אין דעם אַזוי־באַקאַנטן יידישן, נישט־רײַכן האַנדל־און אַרבעט־ראַיאָן פון דער גזשיבאָווער געגנט, וואָס האָט זיך געצויגן ביז טיף אַראָפּ פון דעם באַרימטן יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע. די אַ גאַס איז נאָר

ביז איר ערשטער העלפט געווען באַוווינט — אין איר מערהייט — דורך ייִדן, זי האָט פאַרמאָגט דאָס, וואָס קיין שום אַנדערע גאַס אין וואַרשע האָט נישט פאַרמאָגט: דאָס **פּלעצל**, וואָס איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון ייִדישן לעבן אין וואַרשע. מיר דוכט זיך, אַז דאָס „פּלעצל" אויף דער קראָכמאַלנע איז איינציק און אייגנאַרטיק אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע ענלעכע פּלעצער, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ייִדישער געשיכטע. דער אָ נאָמען פּאַסט זיך ביז גאָר אַרײַן אין דעם געאָגראַפישן פאַרנעם פונעם „פּלעצל", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בײַם נומער 7 און זיך געענדיקט בײַם נומער 13. די פיר הייף האָבן זיך אַרײַנגעטיפט אין אַ טיפן האַלב־קײַלער און געלאָזן אָרט פאַרן **פּלעצל**. זיי האָבן געלאָזט אָרט פאַרן מענטשלעכן געזעמל, פאַר די אומאויפהערלעכע געשרייען פונעם נעבעכדיקן האַנדל: „אַ כמאַל פאַר אַ צווייער!" — (אַ שטיק אַרבוז); „דרײַ פאַר אַ צענער!" — (דרײַ בייגעלעך פאַר אַ צענער); „ס'אימאַ ווויל און גיט" (פון אַ הויף־לידל אין יענער צײַט)...

די שווערע, שטיקנדיקע ריחות האָבן זיך געטראָגן ווינטער און זומער פון ביידע זײַטן, ווײַל אַנטקעגן „פּלעצל" האָט זיך געפונען דער גרויסער האַנדל־הויף, וואָס מ'האָט אים גערופן „יאַנושעס הויף".

דאָס „פּלעצל" איז אייגנטלעך געווען די קליינמדינה פון דער אונטערוועלט אין יענער געגנט, ביז — די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון „בונד" און זײַן יוגנט־באַוועגונג, האָט ביסלעכווײַז געענדערט דעם אויסזען און כאַראַקטער פונעם אָרט. אָבער דאָס וואָס איך דערצייל דאָ באַציט זיך צו די יאָרן פון מײַן קינדהייט, ביזן עלטער פון 9 יאָר. דער טייל פון קראָכמאַלנע וואָס האָט אַרײַנגענומען אין זיך דאָס פּלעצל, האָט געהאַט איר ממשלה נאָר ביז צום ראָג פון דער טשעפּלע־גאַס. דאָ, אין דעם טייל פון דער גאַס, האָבן זיך געזאַמלט אַלע גוטע און ווילע יונגען, „שטאַרקע", וואָס צווישן זיי האָט אויך געפרוווט אַרײַנדרינגען דער נײַער, אפשר נאָך פּרימיטיווער גײַסט פון קעגן סאָציאַלע עוולות, פאַר סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט, וואָס איז דערנאָך אויסגענוצט געוואָרן אין פּאָליטישן קאַמף פון דער אָרגאַניזירטער

אַרבעטער־באַוועגונג. פון דער סביבה שטאַמען אויך צוויי באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע העלדן, וואָס האָבן נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק אויסגעפירט דעם אַטענטאַט אויפן צאַרישן פּאָליציי־אָפיציר קאָנס־טאַנטינאָוו: ברוך שולמאַן און דוד אַפּ. דאָרט, אין דער געדיכטעניש פון דעם דעקלאַסירטן יידישן מאַסן־לעבן, האָט זיך געצייטיקט אַ נייער טיפּ פון אַ יידישן אַרבעטער און פּאָלקסמענטש.

אין מיינע זכרונות פון די קינדער־יאָרן איז די קראָכמאַלנע־גאַס פאַרבליבן מיט אַלע אירע אייגנאַרטיקייטן, מיט אירע טיפּן און העלדן, מיט דעם גאַנצן טרויער און נעבער פון אַ לעבן, וואָס האָט נישט געקאָנט לעבן... פון אַ לעבן, וואָס איז געלעגן אין די שמוציקע רינשטאָקן, פון וועלכע ס'זענען אויסגעוואַקסן „די כּלה'ס" און „חתנים" פון אַ יצחק באַשעוויסעס העלדן אין „מיין טאַטנס בית־דין־שטוב". יאָ, דעם טאַטנס בית־דין־שטוב האָט זיך טאַקע געפונען פּונקט אַנטקעגן דער געדיכטקייט פונעם „פּלעצל". און דאָס ווערק האָט אַ באַזונדערן באַטייט פאַר די וואָס האָבן די קראָכמאַלנע־גאַס געקענט און אין איר געלעבט.

עס גייט מיר נישט אין שילדערן טיפּן, איינער אָבער פון אונדזער הויף איז געבליבן פאַרקריצט אין מיין זכּרון און איך וויל אים אַרויסברענגען אַזוי ווי איך געדענק אים, און — מיט זיין נאָמען „דער באָבע־יידענעס זון". זיין אמתן נאָמען ווייס איך נישט. זיין מוטער איז געזעסן מיט איר קוישל געקאָכטע באָבעס אויפן טראָטואַר. אירע פיס אין ראָוו, און פאַרקויפט אירע באָבעס. זיי האָבן געוווינט אין אַ קעלער און ער, דער איינציקער זון אירער, איז געווען געקליידעט אין אַ מאַרינאַרקע, מיט אַ יידיש היטל, ווי מען האָט עס דעמלט גערופן. ער איז געווען אַ פּול־לייביקער, מיט אַ גראָבן בויך, קיינמאָל נישט געווען באַשעפטיקט ביי וואָסער ס'איז אַרבעט, און רק זיך באַוועגט פון הויף צום פּלעצל און צוריק. אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט. ער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די שטאַרקסטע אויף קראָכמאַלנע־גאַס. דערצו נאָך איז ער געווען אַן עפּילעפּטיקער, פלעגט זייער אָפט אָוועקפאַלן אויפן ברוק מיט אַ ווייסער שוים אויף די ליפּן, מיט אַ טיפן באַדויערן פון דעם געזעמל אַרום, וואָס האָט נישט געקאָנט

פאַרשטיין די שוואַכקייט פון דעם שטאַרקן, פאַר וועלכן די גאַס האָט געציטערט — **דער באַבע־ייִדענעס זון.**

אויך מיט אַ סך יאָרן שפּעטער איז מיר פון צייַט צו צייַט אויסגעקומען צו זייַן אויף דער קראַכמאַלנע־גאַס, דורכגיין דאָס פּלעצל, אָבער שוין אַ גאַנץ אַנדער „פּלעצל"! דאָס איז שוין געווען די צייַט פון „קראַכמאַלנער ראַיאָן", וואָס איז געשאַפן געוואָרן בייַ דער וואַרשעווער „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע, אין איר צעשפּרייטונג פון קינדער־אָרגאַניזאַציעס, יוגנט און עלטערע. דאָס אַריבערגיין די גרענעץ פון קראַכמאַלנע־טשעפּלע, דער גרויסער ייִדישער קולטור־צענטער פון קראַכמאַלנע 36, די ייִדיש־וועלטלעכע שול, דער פאָלקס־אוניווערסיטעט. נייַע צייַטן — נייַע העלדן... שוין ווייַט נישט די פון „מייַן טאַטנס בית־דין שטיבל". יאַנקעלע מענדעלסאָן, יאַנקל צעלעמענסקי, די דעלעגירטע פאַרשטייער צום קראַכמאַלנער ראַיאָן, כאַסקעלע הויקער, — אויסגעוואַקסן פון די אַרטיקע טיפענישן ביז צו אַ העלד פון וואַרשעווער געטאָ, וווּ ער האָט פאַרענדיקט זייַן יונג לעבן.

דאָ, אויף קראַכמאַלנע 23, איז געשטאַנען מייַן וויג, דאָ בין איך געווען דער זעקסטער און לעצטער אין מייַנע עלטערנס געזינדל: גיטל און אברהם באַביץ. דער פאָטער — ר' אברהם — אַ שטרענג־רעליגיעזער, האָט גענומען זייער ערנסט דעם „נעשה ונשמע" פון באַרג סיני און אים געטראָגן מיט אַלע שווערע קאָנסעקווענצן פון אַ גראָדזשעצקער חסיד, וואָס האָט געדאַוונט אין שטיבל אויף קראַכמאַלנע 5, וואָס דאָס הויז האָט געהערט צו דעם זעלבן ווירט — איטשעלע איזאַקסאָן, וואָס איז געווען באַקאַנט אין יענער געגנט ווי אַ בעל־הבית, אָדער ווי מען האָט עס דאָן גערופן: „אַ ווירט" פון אַ סך הייַזער און אונדזערס צווישן זיי.

אונדזער פאָטער איז געווען זייער אָן ענערגישער. מיט אַ שטאַרקן ווילן צו טאָן אַלץ כּדי צו דערנערן די משפּחה, איז זייַן טועונג געווען באַזירט אויף אַזאַ האַנדל־וואַנדל, וואָס זומער האָט די זון געשטערט און ווינטער — די פרעסט און קאַלטע ווינטן, אַזוי, אַז די פּרנסה אין הויז איז אַלע מאָל געווען בדוחק. פון

יענע קינדער־יאָרן איז מיר געבליבן דער גײַסטיקער געטאָ אין וועלכן מיר, די קינדער, זענען געוואַקסן, איבערנעמענדיק דאָס פון אונדזערע עלטערן. געוויינלעך זענען מיר, די קינדער, געוואַקסן אין די פיר קוואַדראַט־מייערן פון די דרײַ הייף, וואָס זענען געווען אָפּגעשלאָסן מיט אַ טויער, וואָס האָט געפירט צו דער גאַס. און די גאַס, אָדער גאַסן, האָבן זיך געטיילט לויט דעם דעמלדיקן ספּעציפישן וואַרשעווער לעקסיקאָן אויף „יענע גאַסן", וואָס דאָס האָט געמיינט אַרויס פון דער ספּעציפישער ייִדישער געגנט מיט איר חושכדיקער אָרעמקייט. אַהין, דאָרט ווו די באַפעלקערונג איז שוין נישט קיין ייִדישע, בכל אופן — אין איר מערהייט. אויך דער אויסזען פון די גאַסן איז געווען אַנדערש. כאָטש אויך דאָרט האָבן געוווינט ייִדן, און געהאַנדלט אויף די מערק, נאָר די מענטשן דאָרט זענען אין זייער מערהייט געווען פּאָליאַקן. די געגנט פון מאַרשאַלקאָווסקע און יעראָזאָלימסקי־אַלעע האָט געהאַט אירע זײַטיקע גאַסן און געסלעך, ווו עס האָבן אויך געוווינט „בעסערע" און רײַכערע ייִדן, איז געווען פאַררעכנט פאַר דער אַריסטאָקראַ־טישער געגנט פון וואַרשע, און אַהין אָנצוקומען פון אונדזערע גאַסן, ווו מיר האָבן אגב געהאַט משפחה, — איז געווען אַ געשעעניש.

— דער טאַטע וועט הײַנט שפּעט אַהיימקומען, ווײַל ער איז אַוועק אין „יענע" גאַסן — האָט מען גערעדט אין שטוב. פאַר אונדז קינדער, איז געווען די לאַקונג — דער זאַקסישער גאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען אין גאַנצן אין אַ פּאָר־מינוטיקן לויף פון אונדז, בײַם „אײַזערנעם טויער" ווי מען האָט עס גערופן. אָבער בײַם „ברייטן טויער" זענען געשטאַנען צוויי וועכטערס און אונדז, מיט דער באַזונדערער ייִדישער קליידונג, מיטן אַבט־קאַנטיקן היטעלע און מיט אַ מאַרינאַרקעלע, ווי עס האָבן געטראָגן די חסידישע קינדער ביז זייער בר־מצווה, האָט מען אין גאָרטן אַרײַן נישט אַרײַנגעלאָזט. איך גלייב נישט, אַז ס'זאָל האָבן געווען אַ ספּעציעלער געזעץ אַזאַ, אָבער פאַר אונדז, שוצלאָזע קינדער, איז דאָס געווען געזעץ. מיר זענען שוין געווען אין עלטער פון 6—7 יאָר, אָבער נאָך נישט געהאַט געזען ווי עס וואַקסט און זעט אויס אַ בוים,

נאָך נישט געהאַט געפּילט דעם ריח פון אַ גרעזל, פון אַ בלימל. געהערט האָבן מיר, אַז אין זאַקסישן גאָרטן שווימען קאַטשקעלעך אויפן וואַסער. האָט דער קינדערישער דראַנג און ווילן אונדז געשטויסן שיער נישט צו אַוואַנטורעס. אין די זומערדיקע שבת־נאָכמיטאָגן פלעגן מיר זיך צונויפנעמען עטלעכע קינדער און געלאָפן צום זאַקסישן גאָרטן דורכן אייזערנעם טויער, וואָס איז געווען דער נאָענטסטער צו אונדז. בײַם אַרײַנגאַנג פלעגן מיר אַראָפּנעמען אונדזערע קאַשקעטן־היטלער, זיי באַהאַלטן און צווישן גרופּן דורכגייערס זיך אויסמישן, אַז די וועכטער זאָלן אונדז נישט באַמערקן. ווען דאָס איז אונדז געלונגען, זענען מיר געווען איבער גליקלעך! מיר האָבן זיך געקוויקט מיט דעם וואָס מיר האָבן געזען און געפּילט. אין גאַנצן בלויז געציילטע מינוטן פון אונדזער גאַס, פון אונדזערע פאַרמאַכטע הויפן־מויערן, — און דאָ אַזאַ שיינע, זוניקע, צעגרינטע וועלט! מיט ביימער, גרעזלער און קאַטשקעלעך אויפן וואַסער...

האָט זיך אַלץ צעבונטעוועט אין אונדזערע יונגע נשמות: פאַר וואָס קאָנען מיר דערפון נישט געניסן פרײַ, ווי אַנדערע? און ווען דאָס איז אונדז נישט געלונגען בײַם אײַזערנעם טויער, האָבן מיר עס געפּרוּווט בײַ אַנדערע טויערן אין ווײַטערע גאַסן.

איינער אַזאַ טויער האָט זיך געפונען אויף דער ניעצאַלע־גאַס, וואָס איז געווען אַ דורכאויס פּוילישע גאַס, און בײַ דעם אַרײַנגאַנג איז נישט געווען קיין וועכטער. פלעגן מיר ריזיקירן און לויפן אַהין אַבי אַרײַנצוקומען אויף מינוטן אין זאַקסישן גאָרטן. פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער ערשטע זינד לגבי די עלטערן...

ווען איך בין אַלט געווען קוים 6 יאָר, איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, מיט אַלע אירע ביטערע באַגלייט־דערשײַנונגען, באַזונדער פאַר אונדז וואַקסנדיקע קינדער און יוגנט. שוין דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער צעשטערט לעבן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן מיט גרעסערע און קלענערע איבעררײַסן. מיר דאַכט זיך, אַז דער דור, דער געבוירענער נאָענט צו דער ערשטער וועלט־מלחמה אָדער אין די יאָרן פון איר פאַרלויף, איז דער

צומערסטן געטראָפענער אין אונדזער געשיכטע. די מלחמה־יאָרן האָבן גורם געווען אַן אונטער־דערנערונג, באַזונדערס אין די גרויסע שטעט. אינעם שטעטל נאָווידוואָר האָט אונדזער פּאָטער געהאַט צוויי שוועסטער, ביידע נישט שלעכט איינגעאָרדנטע, משפּחות מיט גוטע באַזירטע פּרנסות. זענען זיי געווען די צוציִונגס־קראַפט פאַר אונדזער פאַמיליע. האָבן מיר אין האַרבסט 1917 פאַרלאָזט וואַרשע און געפאָרן קיין נאָווידוואָר. פון אַט דער איבערוואַנדערונג, פון אין גאַנצן 31 קילאָמעטער, האָט מען גערעדט וואָכן לאַנג, זיך געגרייט און אויסגעזוכט דעם בעל־עגלה ר׳ יידל פון קראַכמאַלנע 34, וואָס האָט געשפּאַנט זיין פערד אין אַ פּלאַטפאָרמע, אויפגעלאָדנט דאָס ביסל אָרעמקייט, די קינדער איינגעוויקלט און צוגעדעקט, און געלאָזט זיך אין וועג אַריין אויף אַ גאַנצער לאַנגער ווינטער־נאַכט, כּדי דורכצומאַכן די 31 ק״מ פון וואַרשע ביז נאָווידוואָר...

ביים אָנהייב פונעם גרויען טאָג־שיין זענען מיר אָנגעקומען אין דער נייער דירה, פאַר יענער צייט נישט קיין שלעכטע, צוויי גרויסע צימערן אויף דער וואַרשעווער גאַס. אין שטעטל האָבן מיר גלייך באַקומען דעם צונאָמען „די וואַרשעווער״. פאַר די עלטערע קינדער פון אונדזער שטוב איז דער איבערגאַנג פון וואַרשע קיין נאָווידוואָר געווען זייער אַ שווערער. באַזונדערס פאַר אונדזער עלטסטער שוועסטער, וואָס איז שוין געווען אַריינגעטאָן אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. זי איז שוין געווען אַ זייער אַפּטע אַריינגייערין אין דער וואַרשעווער אָפּערע און אין טעאַטער בכלל. זי איז שוין דעמלט געווען אַ קוואַליפיצירטע אַרבעטערין. ווען זי איז געקומען צו אונדז קיין נאָווידוואָר דעם ערשטן שבת, איז זי אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען ביים פענצטער און געוויינט: געקוקט אויפן דרויסן און געוויינט פאַר זיך און פאַר אונדז אַלע: וווּהין דער גורל האָט אונדז נעבעך פאַרוואָרפן!...

ביז דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה פון יאָר 1920 האָבן מיר, די יינגערע קינדער, צוגעהאָלפן דעם טאַטן אין זיין פּרנסה, אין וועלכער אויך איך, דער יינגסטער, האָב אַקטיוו זיך באַטייליקט. די פּויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה האָט אונדז אָבער פאַרוואַנדלט

אין פליטים. אַלע ייִדן זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון נאָווידוואָר, בעת דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט. דאָס איז געווען — שוין נישט צום ערשטן מאָל — צוליב דער נאָענטקייט פון דער מיליטערישער פעסטונג מאָדלין, וואָס איז אין אַלע מלחמות געווען דער וויכטיקסטער מיליטערישער פאַרטיידיקונגס־פונקט פון פוילנס הויפּט־שטאָט וואַרשע.

מיר האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט חדשים־לאַנג אין וואַרשע בײַ משפּחה, ביז דעם באַרימטן „נס בײַ דער ווײַסל״, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן אין פּאַניק און דער פראָנט האָט זיך דערווײַטערט. איך מיט מײַן פאָטער זענען געווען פון די ערשטע אין אונדזער משפּחה, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים אין אונדזער דירה. אונדזער וווינונג איז נאָך געווען באַזעצט דורך פּוילישע סאָלדאַטן, אָבער זיי האָבן אונדז אַרײַנגעלאָזט און באַלד נאָך דעם אין גאַנצן באַפרײַט די דירה.

שפּעטער אַז די עלטערן האָבן זיך צוריקגעקערט קיין נאָווידוואָר, זענען כּמעט אַלע קינדער געבליבן אין וואַרשע, זוכן באַשעפטיקונג, יעדער בײַ וואָס ער האָט געקאָנט. בלויז איך, דער קלענסטער, בין געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהיים מיט די עלטערן. די אַנדערע זענען בלויז געקומען אַהיים אויף שבת־יום־טוב, אָדער אין צײַט פון אַרבעטסלאָזיקייט.

אויפן פאַרלאַנג פון מײַן פאָטער בין איך, אין עלטער פון 14 יאָר, געוואָרן דאָס וואָס מען רופט מיט דעם שיין־קלינגענדיקן נאָמען: **האַנדלס־אָנגעשטעלטער**. כ׳בין געוואָרן אַ „מענטש״ אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט אויף דער גענשע־גאַס אין וואַרשע. פאַר מײַן פאָטער איז דאָס געווען אַן אַרבעט וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ בכּבודיקע: „ער איז אַ מענטש בײַ יענעם״. מען האָט אויך געזאָגט, אַ מעשורעס (פון העברעיִשן „משרת״). דאָס זענען געווען נעמען פאַר די באַלעבאַטיש־געשטימטע יונגעלײַט, וועמען עס האָט נאָך אַלץ נישט געפּאַסט אַ וועלכע ס׳איז פּאַך־אַרבעט, וועלכע נישט אַלע ייִדישע יוגנטלעכע האָבן געקאָנט דערגרייכן.

איך האָב זיך געבונטעוועט פון ערשטן טאָג אָן פון מײַן אַרײַנקומען אין דעם מאַנופאַקטור־געשעפט. איך האָב זיך דאָרט

געלאַנגוויַיליקט בײַם וואַרטן אויף אַ קונה. און די דאָזיקע לאַנגווײַליקייט האָב איך געפּרוּווט אויספּילן מיטן אַרײַנקוקן אין אַ ביכל, וואָס דאָס איז אייגנטלעך געווען דער אָנהייב פון מײַן באַריר מיט וועלט און לעבן. איך בין אַזוי אַרום געוואָרן דער לעצטער פון די קינדער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אַ גאַנצע וואָך אין וואַרשע און אויף שבת אַהיים געקומען. איך האָב אָבער כּסדר פּראָטעסטירט קעגן דעם אויסוויַיל פון דער דאָזיקער באַשעפטיקונג מײַנער.

פון דעם נישטיקן פאַרדינסט איז שווער געווען זיך אויסצוהאַלטן. אויך דאָס וואָס איך האָב באַדאַרפט באַקומען, האָב איך נישט לײַכט באַקומען. האָט עס מיר צוגעשפּילט צו מײַן ווידערווילן צו זײַן בײַ עמעצן אַ... מענטש. אין די שפּעטערע יאָרן האָב איך געלייענט ביי ה. לייוויק דאָס ליד „אַ חלום פון אַ סטאָליאַר־יינגל״, וואָס זעט אין חלום די אויסערגעוויינלעכע דערגרייכונג: ער האָט שוין אַליין געמאַכט אַ טיש... איז דאָס געוואָרן אויך מײַן חלום: אַליין עפּעס צו שאַפן, אַליין צו מאַכן. כ׳האָב זיך געזען ווי דער העלד פון דעם ליד.

איך האָב, מיט אַ פאַרלײַכטערונג פאַר מײַן אייגענעם געמיט, פאַרלאָזט דאָס מאַנופאַקטור־געשעפט אויף דער גענשע־גאַס, אַהיימגעפאָרן קיין נאָווידוואָר און נישט לאַנג וואַרטנדיק, אַפילו נישט פרעגנדיק בײַ קיינעם, אַוועק זיך לערנען סטאָלערײַ. און הגם מײַן פאָטער איז נישט געווען צופרידן פון דעם, האָט ער אָבער דעם פאַקט נישט געקאָנט ענדערן.

אין עלטער פון 15 יאָר בין איך געוואָרן אַ סטאָליאַר, כ׳האָב שוין אָבער געהאַט הינטער זיך יאָרן פון אַרבעט, פון זאָרג צו העלפן אין דער פּרנסה. למען האמת דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז איך האָב אַרויסגעוויזן אַ סך פלייסיקייט בײַם דערפילן מײַנע טעטיקייטן אין די יענערצײַטיקע פּרנסות.

פאַר זיך אַליין האָב איך זיך געגרייסט מיט מײַן אויפטו וואָס כ׳בין געוואָרן אַ סטאָליאַר. ס׳האָט געהייסן אַז איך בין אַרויף אויף דעם ריכטיקן וועג. און זיך אַליין האָב איך אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף זיך לערנען וואָס שנעלער און וואָס בעסער.

צוזאַמען דערמיט איז שוין דאָס בוך, וואָס אין מאַנופאַקטור־געשעפט האָב איך גענוצט ווי אַ צײַט־פאַרטרײַב, מער נישט אַרויס פון מײַן האַנט. איך האָב זיך נאָך אויסגעהיט, אַז בײַ דער אַרבעט זאָל קיינער נישט וויסן, אַז איך לייען ביכער. ווײַל מ׳האָט נישט געהאַלטן פון די לערן־יִינגלער, וואָס פאַרנעמען זיך נאָך מיט אַנדערע זאַכן, וואָס איז נישט שייך זייער לערן־אַרבעט. דערצו נאָך מיט לייענען ביכער...

די אַרבעט האָט מיך גלײַך געפירט אין „פאַראיין" אַרײַן, ווי מען האָט אין שטאָט גערעדט. געמיינט האָט דאָס: אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וואָס האָט אַרײַנגענומען אַלע פאַך־פאַראיינען, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט, צוזאַמען מיט זייערע יוגנט־סעקציעס. צו יענער צײַט האָט יעדער פאַך געהאַט אַ באַטײַטנדיקע טייל באַשעפטיקטע יוגנטלעכע, און זייער אָרגאַניזירונג איז געווען ממש אַ נויטווענדיקייט. (ביזן עלטער פון 18 יאָר האָט דער יוגנטלעכער אַרבעטנדיקער געהערט צו דער יוגנט־סעקציע בײַם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין). פאַרשטייט זיך, אַז אויך איך בין געוואָרן איינער פון די, און דאָס האָט מיך גלײַך געפירט צו דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". וואָרעם אַלץ איז **דאָרט** געווען קאָנצענטרירט אין איין־און דעם זעלבן אָרט, וואָס מ׳האָט אין נאָווידוואָר גערופן „דער פאַראיין".

צוויי דערינערונגען זענען נאָך ביז הײַנט פריש אין מײַן זכרון.

די ערשטע: —

דער 9טער יאַנואַר 1923, ווען די גאַנצע בונדישע באַוועגונג האָט געטרויערט נאָך איר גרויסן פירער **וולאַדימיר מעדעם**. נאָווידוואָר האָט דעמלט געהאַט אַ טאָפּלטן טרויער. אין דעם זעלבן טאָג איז געשטאָרבן דער יונגער וואַקסנדיקער גאון פון אָרטיקן „בונד" — לעאָן גראַבמאַן. אַ ריזיקער טרויער־צוג, מיט רויטע פענער, האָט אים באַגלייט אויף זײַן לעצטן וועג. איך האָב נאָך דעמלט נישט געהאַט די זכיה צו זײַן צווישן די מאַרשירנדיקע אין צוג, אָבער אַ מיטלויפער פון דער זײַט בין איך יאָ געווען. כ׳בין געגאַנגען מיט גרויס מיטגעפיל און איבערגענומען פון טרויער.

די צווייטע דערינערונג:

דער 21טן יאַנואַר 1924, כ'בין שוין דעמלט געווען אַן אַנטיילנעמער אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט", ווו מען האָט באַערט מיט אויפשטיין דעם פאַרשטאָרבענעם **וולאַדימיר איליטש לענין**... דעם גרעסטן קעגנער פון בונד!

די אַ צוויי געשעענישן, לויט דער זכּרון דינט מיר, באַטראַכט איך פאַר מײַן אָנהייב אינעם אַרײַנטריט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אמת, אויך מײַן עלטערער ברודער, משה, וואָס געפינט זיך שוין איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט אין מאָנטעווידעאָ, האָט געהאַט זײַן חלק איז דעם. געווען אין דער באַוועגונג פאַר מיר, האָט שוין געהערט צו די אַקטיווע, געאַרבעט אין וואַרשע, און שבת, אַהיימקומענדיק, געווען אַקטיוו אין נאַווידוואָר. ער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט מיך אַרײַנגעפירט אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט".

מײַן נאָווידוואָרער פעריאָד באַטראַכט איך — מיט אַלע פּײַנען און לײַדן — פאַר דעם בלײַענדיקסטן און גליקלעכסטן אין מײַן לעבן. נישט נאָר ווײַל איך בין געווען יונג, נאָר ווײַל דער דאָזיקער פעריאָד צייכנט מײַן פערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע געשטאַל־טונג, מײַן גלייבן אין אַן אידעע, מײַן אויפריכטיקע איבערגעגעבנ־קייט צו דעם וואָס איך גלייב, און אַפילו די פּערזענלעכע לײַסטונג פאַר דעם. קנאַפּע אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר בין איך געווען פאַרבונדן מיט נאָווידוואָר, אַפילו דעמלט, ווען איך בין שוין דאָרט נישט געווען, ד. ה. ווען איך בין שוין צוריק געווען אין וואַרשע, האָב איך אַלץ נאָך מיטגעלעבט און אַפילו מיטגעמאַכט דאָס, וואָס קומט דאָרט פאָר. פערזענלעך געווען פאַרבונדן מיט אַ דור וואַקסנדיקע יוגנטלעכע פון שטאָט, מיט זייערע שוועריקייטן און פּראָבלעמען — און אַזעלכע האָבן דעמלט נישט געפעלט. דאָרט האָב איך זיך דערוואָרבן מײַנע נאָענטסטע חברים אויפן גאַנצן לעבנס־דויער, אויב נאָר זיי געפינען זיך ערגעץ ווו און לעבן.

אויב עס גייט מיר אין געזעלשאַפטלעכע פונקציעס און אַמטן

ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון „בונד" אין יאָר 1929 אין נאָווידוואָר, עס רעדט י. רודאָווסקי

וואָס איך האָב דאָרט געהאַט, באַטראַכט איך מײַן אמת ווי דער פּאַרזיצער פון דער אַרטיקער „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע, וואָס איך האָב אײַנגעהאַלטן איבער צען יאָר, פאַר דעם וויכטיקסטן און מיר צום נאָענטסטן. דערפאַר בין איך תמיד געווען מיט דער יוגנט, אַפילו ווען איך בין שוין נישט געווען קיין יוגנטלעכער.

אַלע מײַנע ווײַטערדיקע פונקציעס זענען געקומען אין לויף פון יאָרן. זיי האָבן מיך, דעם פיל ייִנגערן אין יאָרן, דערנענטערט און באַפרײַנדט און געשטעלט מיך בײַ דער זײַט פון דעם גוט באַקאַנטן אָרטיקן געזעלשאַפטלעכן און פּאַרטייאישן טוער, **חיים יצחק רודאָווסקי**, וואָס איז ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען פּאָפּולער און באַקאַנט ווי אַ טוער וואָס האָט געהאַט אַ סך אויסגעקעמפטע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע דערגרייכונגען פאַרן „בונד", טראַגנדיק אַפילו דעם אַמט פון וויצע־פּרעזידענט פון שטאָט. זײַן רום און נאָמען זענען אַרויס ווײַט איבער די גרענעצן פון דער שטאָט.

עס וועט מיר נאָך אויסקומען אין די ווײַטערע קאַפּיטלען צו ברענגען פיל אינטערעסאַנטע שטריכן מיט וואָס נאָווידוואָר האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט און זענען ווערט באַשרײַבן צו ווערן. דאָ וויל איך זיך בלויז באַגנוגענען מיט אויסדריקן מײַנע, נאָך־אַלץ־דויערנדיקע, סענטימענטן און געפילן פאַר דעם באַצויבערנדיקן אָרט, צײַט, מענטשן און סביבה, מיט איר נאַטירלעכער שיינקייט, וואָס האָט זיך געפונען צווישן צוויי פליסנדיקע טײַכן — פון רעכטס דער נאַרעוו, פון לינקס די ווײַסל, באַגלייט מיט הויך־באַוואַקסענע לאָנקעס, פעלדער און וועלדלעך, וואָס אין זיי און מיט זיי האָב איך געשטילט מײַן מידקייט פון פיזישער אַרבעט, געאָטעמט פרישע לופט און זיך באַפרײַט פון גײַסטיקע און געזעלשאַפטלעכע שווערקייטן.

נאָווידוואָר האָב איך פאַרלאָזט סוף יאָר 1935. די עלטערן האָבן זי נאָך מיט יאָרן פריִער פאַרלאָזט. איך בין מיט זיי נישט מיטגעגאַנגען, ווײַל איך האָב זיך נישט געוואָלט שיידן מיט מײַן יוגנט. איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי דאָ וועט אויסזען אָן מיר — און ווי איך אָן דעם אָרט. די עלטערן, הויפּטזאַכלעך מײַן מוטער און די שוועסטערן, די ברידער זענען שוין געווען אויף

עמיגראַציע, — האָבן מיר, ווי דעם מוזיניקל, שטאַרק געוואָלט האָבן לעבן זיך. איך בין שוין אָבער געווען דערוואַקסן און אַרײַנגעוואַקסן אין דער געזעלשאַפטלעכקייט, אַז עס האָט מיר קוים געקלעקט אַ קורצער שבתדיקער באַזוך בײַ זיי, און טיילמאָל — דאָס אויך נישט. כ'האָב נישט נאָר געהאַט ווייניק צײַט פֿאַר דער משפּחה, נאָר אַפילו פֿאַר מײַן ליבנדיקער רבקה... זי האָט דאָך באַוויזן צו זײַן די עיקרדיקע צוציִונגס־קראַפט פֿאַר מײַן באַזעצן זיך אין וואַרשע און אָנהייבן דאָס תכליתדיקע צוזאַמענלעבן פֿון אַ יונגע, גליקלעכע פּאָר.

מײַן פֿרוי רבקה, די מוטער פֿון אונדזערע קינדער, אין די 30ער יאָרן

דאָס איז אָבער, לײדער, געווען אויף בלויז אַ קורצער צײַט, צוליבן אָנקום פֿון דער מלחמה־קאַטאַסטראָפֿע. אָבער אַפֿילו אונדזערע אַזוי־גערופֿענע האָניק־טעג, האָבן נישט פֿאַרמיטן די גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן פֿאַר אונדזערע ביידנס עלטערן,

וואָס האָבן שטאַרק געליטן פון מײַן אידעאָלאָגישער קאָנסע־קווענטקייט און אויסגעהאַלטנקייט... — פון נישט וועלן מיטמאַכן אַלע אָנגענומענע רעליגיעזע צערעמאָניאַלן. לסוף בין איך דאָך אײַנגעגאַנגען אויף געוויסע פשרות וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט נחת און פרייד פון אונדזביידן, וואָס איז אָבער, ווי שוין געזאָגט, — אַזוי שנעל און ברוטאַל צעשטערט געוואָרן.

קלאָר אַז אויך אין וואַרשע בין איך געוואַקסן מיט מײַנע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע בין איך שוין געווען באַקאַנט פון מײַן נאָווידוואָרער סטאַזש. טאַקע דאָס — צוליבן כסדרדיקן קאָנטאַקט און נאָענטקייט — סײַ בײַ דער יוגנט אין וואַרשע, וועלכע האָט אָפט געגאַסן פון אונדזער גאַסטפרײַנטלעכקייט און פאַרברענגונג, און סײַ די וואַרשעווער פאַרטיי־חברים, וואָס האָבן זיך געגרייסט מיט אונדזערע דער־גרייכונגען אין נאָווידוואָר, האָבן דאָ אַ סך צוגעהאָלפן. אַזוי, אַז קומענדיק קיין וואַרשע, בין איך נישט געקומען ווי אַ „פּראָווינצער" און פרעמדער. דער וועג פאַר מיר איז געווען פרײַ לויט מײַן געזעלשאַפטלעכער גראַדאַציע.

אַלע מײַנע יאָרן האָב איך אָנגעהערט צו דער לינקער ריכטונג אין „בונד", וואָס איז באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען „די צווייער־ריכטונג", אָדער, פאַרקירצט, — „די צווייער". פאַרשטייט זיך, אַז די חברים זענען געווען פאַראינטערעסירט כ׳זאָל באַקומען דאָס אָרט און די פּאָזיציע וואָס עס קומט און פּאַסט מיר. בין איך געוואָרן אַ מיטגליד אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער „צוקונפט" און אויך פאַרנומען אַנדערע פּאַרטייאישע און געזעלשאַפטלעכע אַמטן און פונקציעס, וואָס איך האָב ערנהאַפטיק דערפילט. דער עיקר, איך בין געווען שטאַרק אַרײַנגעוואַקסן, פּערזענלעך באַקאַנט, און באַפרײַנדט מיט פיל, פיל חברים פון וואַרשע און פון אַנדערע ערטער.

אָנהייבנדיק פון דער 2טער קולטור־קאָנפערענץ פון דער „צוקונפט", אין יאָר 1926, ווען כ׳בין צום ערשטן מאָל געשיקט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט פון דער נאָווידוואָרער אָרגאַניזאַציע, האָב איך זיך באַטייליקט אין אַלע שפּעטערדיקע צוזאַמענפאָרן, און

קאָנפערענצן פון דער יוגנט, ווי פון דער פּאַרטיי, וואָס זענען פאָרגעקומען ביזן אויסברוך פון דער 2טער וועלט־מלחמה. שוין אָפּגערעדט פון פאַרשידענע ראַיאָן־קאָנפערענצן, יוגנט־צוזאַמענ־פליִען, אין פאַרשידענע צײַטן און ערטער, וואָס יעדער איינער פאַר זיך איז אײַנגעקריצט און מײַן זכרון. זיי דערמאָנען מיך ווי טיף איך בין געווען אַרײַנגעטאָן אין שפּרודלדיקן לעבן, וואָס האָט נישט נאָר אַרומגענומען „מײַנס גלײַכן" ווי מען זאָגט, נאָר אויך די אָנפירנדיקע טוערס פון דער באַוועגונג, וואָס הײַנט קלינגען זייערע נעמען ממש לעגענדאַר. די טוערס פון „צוקונפט"־יוגנט, און באַזונדער די אויטאָריטאַטיווע טוערס פון „בונד" אין פּוילן, צווישןביידע וועלט־מלחמות, זייערע נעמען דערמאָנען, אַז נישט נאָר האָב איך זיי געקענט, נאָר אויך אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן בין איך געקומען מיט זיי אין קאָנטאַקט, געווען אויף באַזוכן אין זייערע היימען, — אין געזעלשאַפטלעך־פּאַרטייאישע־ענינים — און יעדער איינער פון זיי איז פאַר מיר נישט נאָר אַ טוער, אַ פירער, וואָס איך קען פון אַ פאָטאָגראַפיש בילד, נאָר אַז די אַלע לעבן אין מיר, אין מײַן זכרון, און דערמאָנען מיך אַזעלכע און אַנדערע באַגעגענישן, צוזאַמענטרעפן, ווו כ'בין געווען פנים־אל־פנים מיט זיי; נישט נאָר געזען אָדער זיי געהערט פון טריבונעס, נאָר אָנגעבונדן אָדער פאַרבונדן מיט זיי פערזענלעכע קענטשאַפט און פרײַנדשאַפט און דערפון געשטאַרקט געוואָרן אין לויף פון יאָרן.

איך וויל דאָ דערמאָנען צוויי וואָס זענען אַוועק פון אונדז אין מײַנע פריִע יאָרן, אין יונגן עלטער.

יוסף לעשטשינסקי־כמורנער, ווען איך פלעג באַזוכן אין זײַן וווינונג אויף קאַרמעליצקע 15, אויפן לעצטן שטאָק, ווו דער קראַנקער, לונגען־לײַדנדיקער כמורנער פלעגט מוזן מיט זײַנע לעצטע כוחות אַרויפגיין — קיין ווינדע איז דאָרט נישט געווען — מײַנע קורצע באַזוכן בײַ אים אין הויז האָבן מיר מעגלעך געמאַכט נענטער צו באַקענען די גרויסע אינטעלעקטועלע פערזענלעכקייט. זײַן פשוטקייט און די טיף מענטשלעכע באַציִונג צו יעדן איינעם, אפילו צו דעם, מיט וועמען ער האָט געשטרײַט, האָט געלאָזט אין

מיר אַן אייביקע פאַרערונג. מיט ליבע און כּבוד לעבט אין מײַן זכּרון זײַן פּערזענלעכקייט, זײַן גרויס געשטאַלט.

אַבראַשע ווײַנער האָט געוווינט מיט זײַן פרוי אויף מוראַנאָווסקע 3. דאָ בין איך געווען אַן אָפטער אַרײַנגייער. אַבראַשע איז יאָרן־לאַנג געווען דער אָפיציעלער אַדרעס און פאַרבינדלער פון דער „צווייער"־ריכטונג. באַזונדערס, זינט עס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען דער „קעגן שטראָם". קוים אין 40טן יאָרצענדליק פון זײַן לעבן האָט ער דאָס יונגע לעבן זײַנס פאַרענדיקט אין אַ שווערן צושטאַנד פון אַ האַלבן, אָדער מער נאָך, פּאַראַליזש.

אַבראַשע איז געווען אַ טיפּ פון אַן אידעאַלן רעוואָלוציאָנער. אַ טיפּ גלויביקער אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט און גערעדט צו אַנדערע. אַ קאָמפּראָמיסלאָזער אין די שטרייטפּראָבלעמען פון דעם אַקטועלן פּאָליטישן קאַמף אין יענע טעג. דערבײַ אַן עטישער און הומאַנער מענטש אין זײַן פּערזענלעכן לעבן. אין אים האָב איך צום ערשטן מאָל אין אונדזערע קרייזן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ חבר, וואָס איז פּרינציפּיעל געווען אַ וועגעטאַריער און דאָס שטרענג אָפּגעהיטן.

איך האָב דערמאָנט די דאָזיקע צוויי נאָר דערפאַר, ווײַל זיי זענען אַוועק אין דער אייביקייט אַ סך פריִער איידער אונדזער גרויסן חורבן. דאָס דאַרף אָבער נישט אויסגעטײַטשט ווערן, אַז בלויז די אַ צוויי האָבן דאָס אַזוי שטאַרק געווירקט אויף מיר, בשום אופן נישט. איך דערמאָן מיט גרויס פּיעטעט און אַכטונג דעם אָנדענק פון אַלע אונדזערע טוערס, וועמען איך האָב פּערזענלעך געקענט און געקומען מיט זיי אין קאָנטאַקט — גאָר באַזונדער די לעגענדאַרע פיגור פון חבר **נח**. כ'האָב דערמאָנט זיי, ווײַל זיי זענען אַוועק אין מײַן פריסטן עלטער.

איך וויל אויך דערמאָנען אַ געשפּרעך וואָס כ'האָב געהאַט מיט איינעם פון אונדזערע טוערס, וואָס איז אין די שפּעטע 30ער יאָרן שוין נישט געווען אין דער צענטראַלער אָנפירונג, אָבער פריִער, איז ער געווען אַ גרויסע, רעפּרעזענטאַטיווע פּערזענלעכקייט אין וואַרשעווער „בונד". איך מיין דאָ דעם חבר **גרשון זיבערט**. דאָס איז געווען אַ זייער באַאַבטער און קלוגער מענטש, פון

ווען איך בין שטאַרק באַאײַנדרוקט געוואָרן און דער סיפּור־המעשה האָלט זיך אויף אין מײַן זכּרון שוין איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט. ער האָט דערציילט וועגן זײַנעם אַ צונויפטרעף מיט מעדעמען אין אַמעריקע, ווען ער אַליין, זיבערט, איז נאָך געווען לינק געשטימט און מעדעם, וועלנדיק אים איבערצײַגן, האָט אים דעמלט פּאָראויסגעזאָגט, אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועט אויסוואַקסן — ער האָט נישט געזאָגט ווי — אַזאַ נאָך־נישט־געזעענער ברוטאַלער רעזשים, וועלכער וועט איבערנעמען די הערש־מעטאָדן פון באַלשעוויסטישן רוסלאַנד, פון ג.פּ.או. און „טשערעזוויטשאַיקע" און חרוב־מאַכן און ליקווידירן די אַרבעטער־באַוועגונג און די דעמאָקראַטיע. די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן לאַנג פאַרן רעאַקציאָנערן פּוטש אין דײַטשלאַנד אין 1922.

— „די ווערטער, — האָט מיר זיבערט געזאָגט, — טראָג איך מיט זיך אַלע מײַנע יאָרן, און וועל זיי טראָגן ביזן סוף פון מײַן לעבנס־אָטעם ווי אַ הייליקע קמיעה". הײַנט, זעכציק יאָר שפּעטער, האָבנדיק הינטער זיך די טרויעריקע און ביטערע דערפאַרונג פון אונדזערע פאַרגאַנגענע יאָרן, מײַן איך, אַז ס'איז כּדאַי זיי צו ברענגען ווי ווערטער פון גרויסער פּאָליטישער נבואה, וואָס עס האָט אַרויסגעבראַכט דעמלט וולאַדימיר מעדעם.

איך בין נישט אויסן זיך צו פאַרנעמען מיט געשיכטע, אַרויסהייבן געשעענישן, גרויסע פּאָליטישע אַקציעס, נצחונות און דורכפאַלן, קאַמפן מיט רעכטס און לינקס אין וועלכע איך בין געווען באַטייליקט. דאָס וואָס איך דערמאָן איז נאָר אָנצוואַרפן שטריכן פון אַ לעבן, מיט וועלכן איך בין געגאַנגען ביז דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, — ביז דעם אויסברוך פון דער 2טער וועלט־מלחמה.

*

דער גאַנג פון דער 2טער וועלט־מלחמה האָט בײַ מיר געדויערט אַ סך מער ווי בײַ אַנדערע. נעמענדיק אין באַטראַכט דאָס אַלץ וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען אין רעזולטאַט פון דער מלחמה, האַלט איך דאָס יאָר 1956, ווען איך בין אָנגעקומען קיין ישראל און געקאָנט אָנהייבן טראַכטן וועגן צוריק אײַנשטעלן אַ וועלכעס

איז סטאַביל לעבן, — פאַרן סוף פון מײַנע מלחמה־אומוואַנדלונגען.
איך וואָלט אויך נישט געזאָגט, אַז די ערשטע באָמבאַרדירונגען פון די דײַטשישע עראָפּלאַנען אין וואַרשע — איידער נאָך מיר האָבן געוווּסט אַז די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, — זענען געווען פאַר אונדז אין גאַנצן אומדערוואַרט. פאַר אונדז, מײַן איך די וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו געזעלשאַפטלעכע קרייזן און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, און גראָד די האָבן געהאַט געוויסע אינפאָרמאַציעס פון די רעגירונגס־קרייזן, וואָס זענען נישט געווען פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע, וועגן עווענטועלע צוגרייטונגען צו מלחמה, וואָס מען האָט זי געהאַלטן פאַר אומפאַרמײַדלעך. אָבער ווי אַזוי ס׳האָבן אויסגעזען די צוגרייטונגען אין דערווירקלעכקייט, וועגן דעם וועלן מיר דאָ נישט אַרײַנגיין.

נענטער צו די טעג פון מלחמה־אויסברוך האָבן די רעגירונגס־קרייזן אין וואַרשע דערנענטערט צו זיך די פּ.פּ.ס.אישע אָנפירונג, געטיילט זיך מיט איר וועגן געוויסע פאַרטרוילעכע ענינים און אַ טייל פון דעם איז אויך דערגאַנגען צום אַקטיוו פון די בונדישע קרייזן אין וואַרשע. אומדערוואַרט אָבער איז פאַר אונדז געווען די שנעלקייט און פּלוצימדיקייט, אַז שוין געפינען מיר זיך אין צושטאַנד פון פאַרניכטונג. מען האָט טאַקע גערעדט, אַז עס קאָן און ס׳וועט געשען, אָבער שוין ?... דערפאַר האָבן טאַקע אַ סך מענטשן אין וואַרשע, בײַ דער ערשטער באָמבאַרדירונג געמיינט, אַז דאָס איז בלויז אַ פּרוּוו־מאַנעוווער פון דער פּוילישער לופט־פאַרטיידיקונג. די אַלגעמיינע אײַנשטעלונג אונדזערע איז געווען באַזירט אויף די פריִער־דערמאָנטע אינפאָרמאַציעס, אַז די פּוילישע אַרמיי וועט נישט זײַן בכוח צו פאַרטיידיקן וואַרשע און אַז די דײַטשישע אַרמיי וועט אָקופּירן די שטאָט אויף אַ קורצער צײַט, ביז די אַליאירטע מלוכות וועלן אַרײַנטרעטן אין קריג און דער זיג איז אַ זיכערער און אַ שנעלער. אַזוי, אַז די יונגע מענטשן בכלל און אַוודאי די, וואָס באַטראַכטן זיך פאַר אַקטיווע אַנטי־נאַצי־קעמפערס, דאַרפן אויף דערווײַל פאַרלאָזן די שטאָט.

די ערשטע צוויי־דרײַ טעג זענען אַדורך אין צעטומלעניש און אין נישט־באַהערשטקייט. די אַקטיווע חברים האָבן זיך געזאַמלט

פאַרן טויער פון נאַוואַליפּיע 7, ווו עס האָט זיך געפונען די רעדאַקציע „פאָלקסצײַטונג" און דער זיצאָרט פון צ.ק. און דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד". דאָרט האָבן אַ סך פון אונדז באַשטימט זייער ווײַטערדיקן גורל. פאַרשטייט זיך, אַז נישט מיט ווייניק וואַקלונגען, יעדער לויט זײַנע משפּחה־אַנגעלעגנהייטן. דאָס לעצטע מאָל ווי איך האָב זיך מיטפאַרזאַמלט אויפן הויף פון נאַוואַליפּיע 7, איז געווען דעם 6טן סעפּטעמבער אין די פאַרנאַכט־שעהען. דעמלט איז פאַרגעקומען די לעצטע באַראַטונג פון די נאָך־פאַרבליבענע חברים פון צ.ק. און וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד".

פון דעם וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען איז קלאָר געוואָרן, אַז עס בלײַבט אַפילו נישט מער קיין צײַט אויף צו טראַכטן — מען דאַרף האַנדלען!

איך בין אַוועק אַהיים, שוין אין דער נאַכטיקער פינצטערקייט, מיטן געדאַנק און באַשלוס, אַז איך געהער צו די וואָס דאַרפן פאַרלאָזן וואַרשע. די פראַגע איז נאָר: מיט אָדער אָן רבקהן? דאָס בלײַבט צו באַשליסן פאַר אונדזביידן. געוווינט האָבן מיר דאַן אויף דזשעלנע 31, גלײַך אַנטקעגנאיבער דער באַרימטער וואַרשעווער טורמע, דער פּאַוויאַק. די פינצטערקייט און די כסדרדיקע אַליאַרם־סיגנאַלן האָבן זיך אַרײַנגעשניטן אין אונדזער שווײַגנדיקער פינצטערקייט אויף נישט צו לאָזן אונדז פאַרגעסן ווו מיר געפינען זיך.

דער שמועס צווישן מיר און מײַן פרוי איז געווען אַ קאָנקרעטער: ווי אַזוי זאָלן מיר האַנדלען, און אַוודאי האָט איר שטאַרק אינטערעסירט צו וויסן, וואָס זאָגן וועגן דעם אַנדערע חברים? איך האָב, פאַרשטייט זיך, איר דערציילט די לעצטע נײַעסן וואָס איך האָב געוווּסט און מיר האָבן זיך אָן שוועריקייטן צונויפגערעדט, אַז איך גיי אַליין, ביז?... אָבער ווי מאַכט מען דאָס מיט דער משפּחה? מיט די עלטערן? מיט די שוועסטערן? צום שווערסטן וועט זײַן מיט דער מאַמען. איר צו זאָגן אַז איך גיי אַוועק ערגעץ־ווו אין דער אומבאַקאַנטקייט אַרײַן און זי וועט מיך מער נישט קאָנען זען — ווי מאַכט מען דאָס? אָבער זײַן מוז

איך בײַ זיי. ס'האָט נאָך דעמלט קײנער פון אונדז נישט געטראַכט אַז דאָס וועט זײַן אַ לעצטע זעונג. אָבער צוליב דער שפּעטער צײַט האָב איך דאָס געמוזט אָפּלייגן אויף אין דער פרי, און במילא אויך מײַן פאַרלאָזן וואַרשע.

די נאַכט וואָס האָט אָפּגעלייגט אונדזער צעשיידונג און פאַרלענגערט מיט עפּעס אונדזער צוזאַמענזײַן, איז געווען אַ פרייד פון געווינס און אַ באַדויערונג פאַר יעדער אַוועקגייענדיקער מינוט.

צומאָרגנס, דעם 7טן סעפּטעמבער 1939, בין איך אַרויס פון שטוב שוין מיט מײַן רוקזאַק אויף דער פּלייצע און מער אַהין זיך נישט אומגעקערט. די גאַסן וואָס האָבן געפירט צו מײַנע עלטערן זענען געווען פול מיט בהלהדיקן טומל און פּאַניק. אַלע גאַסן פון געדיכטן יידישן וואַרשע זענען געווען אָנגעפּילט מיט טרויעריקער פאַרלוירנקייט. איבעריק צו דערציילן, ווי מ'האָט זיך מיט אונדז דערפרייט אין שטוב בײַ מײַנע עלטערן. אַלע, אַלע, גרויס און קליין, גלײַך זיי וואָלטן געפילט אַז דאָס איז אונדזער לעצטע זעונג, — הגם איך האָב זיי פריִער צוגעגרייט, אַז איך וועל דאַרפן פאַרלאָזן וואַרשע, — זענען געוואָרן דערשיטערט פונעם פאַקט, אַז שוין איצט דאַרפן זיי זיך מיט מיר געזעגענען.

פאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע איז געווען די צומערסטן געטראָפן. די וואָס האָט צום שטאַרקסטן איבערגעלעבט. הגם איך האָב איר אײַנגערעדט, אַז דאָס וועט נאָר דויערן אַ קורצע צײַט. די מלחמה וועט נישט לאַנג דויערן און איך וועל זיך אומקערן אַהיים. דאָס איינציקע וואָס האָט זיי אַ ביסל פאַרלײַכטערט דאָס געמיט איז געווען דאָס, וואָס רבקה גייט נישט מיט מיט מיר און אין איר וועלן זיי האָבן אויך מיך. דאָס איז געווען אַ טראַגישע צעשיידונג אויפן שוועל פון זייער הויז אויף נאַלעווקעס 23. אין דעם טאָג האָט זיך געענדיקט מײַן לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט זיי.

דערווײַל איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיר זענען אַוועק צו מײַן עלטסטער שוועסטער, אויף מילע 11, צו איר מאַן און קינדער, נישט נאָר זיך געזעגענען נאָר אויך זיי איבערצײַגן, אַז פאַר מיר איז נישט פאַראַן קיין אַנדערער אויסוועג ווי פאַרלאָזן וואַרשע.

אויך דאָ איז עס געווען די לעצטע טרעפונג און זעונג — פאַר דער אייביקייט...

אין אָט דער נאַכט איז געמאַכט געוואָרן דער באַקאַנטער רוף צו אַלע יונגע מענער פון וואַרשע, צו פאַרלאָזן און עוואַקוּירן זיך צו פוילנס מזרח־געביטן (גרענעצן), און פון דאָרט וועט זיך אָנהייבן פוילנס פאַרטיידיקונג און אָנגריף קעגן דעם שונא. דאָס האָט מער פאַרגרעסערט די פאַניק אין שטאָט, בעת מ'האָט געמאָלדן אַז 6 אַזייגער אין דער פרי וועט די קערבעדזשער בריק אויפגעריסן ווערן.

4 אַזייגער פאַרטאָג האָב איך פאַרלאָזט דאָס לעצטע הויז פון מײַן משפחה אין וואַרשע און מיט דעם אָנגעהויבן מײַן 18יאָריקע נע־ונדע אומוואַנדלונג.

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין די פרימאָרגן־שעהען פון 8טן סעפּטעמבער 1939 אין וואַרשע, וועגן דעם זענען פאַראַן גענוג באַשרײַבונגען. איך וויל נאָר אין געציילטע ווערטער דערמאָנען: אַ געדראַנג פון אַ מענטשן־מאַסע, פון פיל צענדליקער טויזנטער, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין שטיק, מיט דעם איינציקן באַגער: צו באַווײַזן אַריבערצוגיין די ווייסל מיט דער קערבעדזשער בריק, איידער זי ווערט אויפגעריסן. וואָס נענטער צו דער בריק — אַלץ גרעסער און שטאַרקער דער געדראַנג. איך האָב דעריבער געבעטן מײַן רבקהן זי זאָל זיך צוריקקערן אַהיים. מיט אַלע שווערע געפילן מײַנע און מיט נאָך שווערערן געמיט זיך געזעגנט מיט שטיקנדיקע, נישט־דערזאָגטע ווערטער, און אַוועק אין די ווײַטע אומבאַקאַנטע ווײַטן. אַפילו קוקן אויף צוריק איז נישט מעגלעך געווען, ווײַל יעדער איינער איז ממש געווען אין געדראַנג און געשטויס פון דער נאָכקומענדיקער מאַסע.

גייענדיק אַהין האָב איך אויף נאָוויניאַרסקע־גאַס באַגעגנט מײַנעם אַ גוטן חבר חיים עלנבויגן, שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען **באַלעק** פון זײַן טעטיקייט אויף דער „אַרישער" זײַט. מיר האָבן זיך ביידע דערפרייט וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן און אַזוי גייענדיק אַ צוויי גאַסן, ווען מיר זענען צוגעקומען צום

קעניגלעכן שלאָס בײַם דערנענטערן זיך צו דער בריק, װענדט ער זיך צו מיר פּלוצלונג און טוט אַ זאָג:

— חיים, איך גײ צוריק!

ס׳איז נישט געװען קײן צײַט אױף אױפצוקלערן און איבער־צוצײַגן. דער צװײטער חיים איז אַװעק אױף צוריק און איך אין מײַן װעג — פּאַראױס... חיים עלנבױגן, באַלעק, האָט זיך זײַן געשיכטע־בלעטל, װאָס איז שױן דערציילט געװאָרן. איך װיל נאָר דאָ דערמאָנען, אַז סוף 1944, פֿאַר מײַן לעצטן אַרעסט, האָב איך באַקומען פֿון אים אַ בריװל פֿון לובלין, באַלד נאָך זײַן ניסימדיקן אַריבערשװימען די װײַסל נאָכן פּױלישן אױפֿשטאַנד, אין װעלכן ער האָט אָנטײל גענומען. ער האָט געפֿרעגט בײַ מיר, צי איך װײס עפּעס װעגן זײַנע שװעסטערן. איך האָב טאַקע געהאַט באַקומען אין יענער צײַט אַ בריװ פֿון זײַן שװעסטער רחלע, װאָס האָט זיך געפֿונען אין דעם דרום־טײל פֿון סאָװיעט־רוסלאַנד, און דערמיט דערמעגלעכט זײער פֿאַרבינדונג.

חיים מיט זײַן משפּחה לעבן אין ניו־יאָרק און אונדזערע טרעפֿונגען אין די נאָך־מלחמה־יאָרן זענען אַלעמאָל שטאַרק מיט זײערע דערינערונגען.

דאָס איז נישט געװען די אײנציקע טרעפֿונג אין דער ריזיקער מאַסע, װעמענס ציל ס׳איז געװען דאָס מאָל: אַ װײַטער װעג, ביז אַריבער דעם טײַך בוג, ד.ה. דערגרײכן די שטאָט בריסק, בערך אַ 180 ק״מ פֿון װאַרשע. און אַלץ מוז זײַן אױסגערעכנט, פֿריִער פֿאַר אַלץ — װעגן די אײגענע פֿיס, װאָס זײ װעלן דיך דאַרפֿן טראָגן, און אױך מכּוח דײַן װידערשטאַנד־פֿעיִקײט צו אַלץ, װאָס באַגלײַט אַזאַ װעג.

האָבן די ערשטע טעג באַגלײַט אונדזער װעג די דײַטשישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, װאָס האָבן ממש געשניטן איבער אונדזערע קעפּ. דער ערשטער טאָג איז געװען זײער אַ הײסער, מיט זוניקן ברי, און מיט ברענענדיקע שטיקער מעטאַל פֿון באָמבע־שפּליטערס. מיר, די אַנטלױפֿנדיקע, זענען געװען דער אומגע־שטערטער אָביעקט פֿאַר די ערשטע נאַצישע הריגות. פֿאַרנאַכט־צו האָבן מיר דערגרײכט דאָס ערשטע שטעטל מינסק מאַזאָװיעצק

מיט דעם איינציקן באַגער צו באַקומען אַ שלוק וואַסער. אָבער אַלע ברונעמס אין שטאָט זענען שוין געווען טרוקן, אויסגעטרונקען דורך די פּרוּערדיקע דורכגייערס...

אויף נישט צו פאַרלירן צײַט האָבן מיר געוואָלט אויסנוצן דאָס צופאַלן פון דער נאַכט, וואָס דעקט אונדז אַ ביסל צו פאַר די דײַטשישע פליִערס. איך האָב געהערט צו די וואָס האָבן אַוועקגעשפּאַנט ווײַטער און אין די שפּעטע נאַכט־שעהען אָנגעקומען קיין קאַלושין, וואָס טראָג אַלע צרות און פאַרלוירנקייטן בײַ די אָרטיקע חברים האָבן מיר דאָרט דאָך אָנגעטראָפן אַן איבערגעגעבנקייט צו אַלץ און צו אַלעם וואָס איז מעגלעך געווען אין יענע טעג. פאַר די וואָס ווייסן דאָס נישט, דאַרף מען זאָגן, אַז דאָס יִדישע קאַלושין איז געווען דער מוסטער פון וואַרשעווער ראַיאָן מיט זײַנע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע און קולטור־דערציערישע אָרגאַניזאַציעס. אַלץ איז אין קאַלושין געווען. פון דער אַ שטאָט זענען אַרויסגעקומען אויך טייל מיט נעמען וואָס זענען ווײַט אַריבער די לאָקאַלע גרענעצן פון קאַלושין. אין דער ערשטער ריי פון „בונד״ און טײַלווײַז אויך פון די לינקע „פּועלי ציון״. ס׳איז דערפאַר קיין וואונדער נישט, וואָס אַ גרויסער טייל פון אונדזערע מענטשן האָבן געפונען זייער ערשטן מקום־מקלט אין קאַלושין.

דאָס איז אָבער נאָר געווען אַ קליינע אָטעם־איבערכאַפּונג. אין די אַ טעג האָבן זיך דאָרט פאַרהאַלטן אויך אייניקע טוערס פון צ.ק. פון „בונד״ און צווישן זיי חבר ערליך, פאַר וועמען ס׳איז געלונגען צו באַקומען אַ פערד און אַ וואָגן פאַר זייער ווייטערדיקן וועג. אויך די טוערס פון די לינקע „פּועלי ציון״ זענען אין אַ גרויסער צאָל געווען דאָרט. די פּרײַטיקדיקע נאַכט האָבן מיר באַוויזן איבערצונעכטיקן אין קאַלושין און צומאָרגנס, שבת, אין אַ טיפער פינצטערניש פון דער נאַכט, זיך געלאָזן אין ווײַטערדיקן וועג.

אַ לחלוטין שווײַגנדיקע שטילקייט. די נאָך צעבײַלטע און נישט־אויסגעהיילטע פיס פון פּרוּערדיקן מאַרש האָבן געפירט צו

מאַטערנדיקע געדאַנקען: וועלן מיר באַוויַיזן? וועט אונדז טאַקע געלינגען צו אַנטלויפן, און וווּהין? דערוויַיל איז אונדזער וועג צו לוקאָוו־שעדלעץ־מעזריטש. אָבער לוקאָוו ברענט, וואַרפט פון זיך פיַיער־צונגען. דאָס פיַיער באַליַיכט די פינצטערניש אויף צענדליקער קילאָמעטער. מיר שפּאַנען אין געאָרדנטע רייען, אַוודאי אַ הונדערט מענטשן. פון די וועלכע איך געדענק זענען געווען צווישן אונדז פון די „פּועלי ציון" יאָסל ווראַנסקי, מיט וועמען עס האָט מיך ביז זיַין לעצטן לעבנס־טאָג געבונדן אַ משפּחהדיקע נאָענטקייט; דער חבר לוזער סטאַליאַר, דער פירער פון דעם פּועלי־ציוניסטישן האַלץ־פאַראיין אין וואַרשע. ווער ס'האָט אים געזען און געקענט ווייסט, אַז זיַין גאַנג און זיַינע פיס זענען וויַיט נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַזעלכע מאַרשן... איז טאַקע אַזוי געשען, אַז פון דעם ערשטן נאַכט־מאַרש איז חבר לוזער אַרויס פון דער ריי, זיך אַוועקגעזעצט אויפן שאָסיי־ברוק און געזאָגט קאַטעגאָריש: איך גיי נישט וויַיטער...

אונדזער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן. די הינטערשטע רייען האָבן אין דער נאַכט־פינצטערניש נישט געוווּסט וואָס עס איז געשען. ביז ס'איז געלונגען אַ גרופּע חברים צו ברענגען דעם חבר צו אַ געוויסן פּונקט, ווו ער איז פאַרבליבן און געטיילט דעם גורל פון די מיליאָנען קרבנות.

איך בין אין דעם מאַרש שוין געווען איינער פון אַ גרופּע פון 7 חברים, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַ נאָמען געגעבן „די זיבן געהאָנגענע" לויטן נאָמען פון דער באַקאַנטער רוסישער פּיעסע פון לעאָניד אַנדרייעוו. איך האָב אין דער גרופּע געהאַט מיַין גאָר־נאָענטן חבר נאָך פון מיַינע נאַווידוואָרער יאָרן — הערצל דובניקאָוו. ס'וואָלט פון מיר געווען אַן עוולה צו באַגנוגענען זיך לגבי דעם חבר הערצל, ווי מיר האָבן אים גערופן — בלויז מיט דער באַצייכענונג חבר. ער איז געווען פאַר מיר, ווי פאַר אַ סך פון אונדזער יוגנט און נישט נאָר יוגנט, — אַ לערער און דערציִער, וועמען מען האָט געליבט און געאַכטעט. אַפילו אין די שפּעטע דריַיסיקער יאָרן, ווען מיר זענען בײדע געווען וואַרשעווער איַינוווינער, האָבן מיר אָנגעהאַלטן גאָר פריַינטלעכע באַציִונגען.

אַפילו ווען איך בין שוין נישט געווען קיין יונגטלעכער, האָב איך אָרויפגעקוקט צום חבר הערצל מיט גרויס דרך־ארץ.

מיט אַ טאָג פריִער פאַרן פאַרלאָזן וואַרשע, האָבן מיר געהאַט באַשטימט ביידע זיך צו טרעפן אויף אַ געוויסן פונקט און פון דאָרט אָנהייבן אונדזער מאַרש. אָבער צוליב דער אַנטשטאַנענער בהלה איז דאָס נישט צושטאַנד געקומען און מיר האָבן זיך באַגעגנט אויפן וועג. זאָלן אָט די געציילטע ווערטער זײַן דער אָנדענק אויף דעם אומבאַקאַנטן קבר פון חבר הערצל דובניקאָוו, זיין פרוי געניע פערטשיקאָוו און זייער יונג זונדל.

אין דער גרופּע זענען אויך געווען עטלעכע חברים פון דער דרוקערײַ און אַדמיניסטראַציע „פאָלקסצײַטונג". צווישן זיי חבר הערשל באַכראַך, (היינט אין מעלבורן), אגב, אַ שוואָגער פון חבר הערצל דובניקאָוון; ביידע גאָלדשטיינס, דער פאָטער מיטן זון, דער דעמלט נאָך יונגער גאָלדשטיין. הײַנט אין ניו־יאָרק. יעדער נאָכ־מלחמהדיקע טרעפונג אונדזערע פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טיפער און שטאַרקער איבערלעבונג און דערמאָנונג פון יענע טעג. די אַנדערע, אויך באַקאַנטע, אָבער איך דערמאָן זיך נישט זייערע נעמען. פאַר יעדן פאַל — די „גרופּע זיבן" האָט געפּרוּווט זיך האַלטן צוזאַמען ביז דער גאַנג פון די געשעענישן האָט אונדז צעוואָרפן, יעדן לויט זײַן גאַנג און גורל. אין דעם נאַכט־מאַרש פון קאַלושין, לוקאָוו, מעזריטש, ביזן אַריבערגיין דעם טײַך בוג, ביז אונדזער אָנקומען קיין בריסק־ליטעווסק, האָבן מיר זיך געהאַלטן ווי אַ גרופּע, מיטמאַכנדיק שווערע טעג און נעכט אויף די ברענענ־דיקע וועגן פון פּוילנס שטעט. הײַנט ווייסן שוין אַלע, אַז נאָר אין די ערשטע פליטים־טעג איז דער גאַנג געווען אויך אין די טעג. אָבער דעמלט האָבן מיר גאָר זיך געלערנט, אַז די טעג זענען נישט פאַר אונדז און זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער פאַר די באָמבאַרדירונגען, און בײַנאַכט האָבן מיר פאָרגעזעצט אונדזער גאַנג. מיר האָבן דערגרייכט די שטאָט מעזריטש. ווידער געפונען אַ שטאָט אין פלאַמען. אַ שטיקעניש פון רויך — נישטאָ מיט וואָס צו עטעמען. ווידער באָמבאַרדירונגען. נישטאָ ווו זיך אויס־צובאַהאַלטן. אַן אָנלויף פון פליטים.

טראָץ די אַזוי פיל צוריקגייענדיקע וואָס מיר האָבן אַנגעטראָפן אויף די וועגן, האָט אונדזער גרופּע זיך אַלץ געריסן פאָרויס קיין בריסק-ליטעווסק, וואָס איז אין יענע טעג געווען אונדזער ציל. מיר זענען געגאַנגען נענטער צום שטעטל טעראַספּאָל, וואָס געפינט זיך אַ 7 ק״מ פון בריסק און אַ 4 ק״מ פונעם טײַך בוג. דאָרט האָבן מיר שוין אָנגעטראָפן אַ סך, אַ סך צוריקגייערס, וואָס האָבן אונדז געזאָגט, אַז די דײַטשן זענען שוין אין בריסק. זיי האָבן נאָך צוגעגעבן, אַז טיילן פון דער פּוילישער אַרמיי וואָס געפינען זיך אין בריסקער פעסטונג, שטעלן נאָך אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. זיי האָבן כּמעט מיט שפּאָט געקוקט אויף אונדזער פאָרויס גיין ביז מיר זענען פאַרנאַכט דאָך אָנגעקומען אין שטעטל טעראַספּאָל — אַ קליין ייִדיש שטעטל, וואָס איז שוין לייִדער געווען אויסגעליידיקט פון אירע אָרטיקע ייִדן, וואָס האָבן נישט געהאַט ווײַט צו אַנטרינען ווי אין דער פּאַר זיי גרעסערער שטאָט בריסק.

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט און די אָפּהילכן פון די האַרמאַטן-שאָסן זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און דראָענדיקער. די אָפּהילכן מישן זיך אויס מיט די אָנגרײַפנדיקע דײַטשישע האַרמאַטן און מיט די לעצטע פאַרטיידיקונגס-שאָסן פון די באַלאַגערטע טיילן פון דער פּוילישער אַרמיי, און מיר, צווישן זיי, האָבן נישט קיין וועגן נישט אַהין און נישט צוריק.

מיטן אָנקום פון דער נאַכט האָבן זיך צעצונדן די הימלען רויט-פײַערדיק איבער אונדזערע קעפּ. מיר האָבן געזוכט שוין נישט צו בלײַבן אויף דער גאַס און זענען אַרײַן אין אַ שטוב, אַן אויסגעליידיקטער פון מענטשן, אָבער אין פולער אָרדענונג, ווי די באַלעבאָסטע וואָלט נאָר-וואָס אַרויס אויף אַ ווײַלע צו אַ שכנה. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, כּדי זיך צו שיצן פון האַרמאַטן-שפּליטערס. אַ גאַנצע נאַכט איז אַנגעגאַנגען די שיסערײַ. פאַרטאָג איז געוואָרן שטילער. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז די שלאַכט איז פאַרענדיקט. אָבער אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר דערהערט דאָס גערויש פון מאָטאָציקלען און פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען די ערשטע אַרײַנדרינגלער פון דער דײַטשישער אַרמיי.

פון דער גאַס דערגייט נישט צו אונדז קיין שום קלאַנג

עס הערט זיך אַפילו נישט דער אַרײַנמאַרש פון אַן אַרמיי, וואָס זאָל פאַרנעמען די שטאָט. זענען מיר פול מיט צווייפל און שרעק: וואָס קומט דאָרט פאַר אויסער די ווענט פון אונדזער הויז?

אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר פון נײַגעריקייט פאַרזיכטיק געעפנט די טיר. מיר זענען אַרויס אין גאַס — די שטאָט איז ווי אויסגעשטאָרבן, אָן מענטשן, אָן לעבן. פון דאָ און דאָרט קריכן אַרויס מענטשן פון זייערע באַהעלטענישן און באַוועגן זיך נאָר אין איין ריכטונג אַרײַן. אויף די ווענט זענען אויסגעקלעפּט ריזיקע וואָרענונגס־פּלאַקאַטן אין דער דײַטשישער און פּוילישער שפּראַך: אַלע וואָס געפינען זיך איצט אין שטעטל טעראַספּאָל, אַרטיקע ווי פרעמדע, דאַרפן זיך מעלדן ביז 9 אַזייגער פרי אויף דעם אָנגעוויזענעם פּונקט! פאַר נישט אויספירן די פאַראָרדענונג — טויט־שטראָף!

איז טאַקע אמת, אַז די אַרמיי האָט נישט אַרײַנמאַרשירט אין שטעטל און זיך באַגנוגנט בלויז מיט אַ קאָמאַנדאָ־אָפּטיילונג. אָבער אָט די אָפּטיילונג האָט אויך באַוויזן וואָס דײַטשן קאָנען...

שוין דער זיבעטער טאָג, ווי מיר אַנטלויפן פון וואַרשע. נישט געטאָגט און נישט גענאַכט. מיר אַנטלויפן פון די דײַטשן און אָט זענען די דײַטשן אונדז גאָר אַנטקעגן געקומען!... אין יענעם טאָג האָט נאָך קיינער פון אונדז נישט געוווּסט, וואָס עס באַדײַט אַ דײַטשישער זאַמל־פּונקט־לאַגער. אָבער בײַ די געגעבענע באַדינגונגען האָבן מיר אים נישט געקאָנט אויסמײַדן. מיר זענען אַוועק אַהין, צום זאַמל־פּונקט, ווו ס׳האָבן זיך שוין געפונען טויזנטער מענטשן, דער עיקר פּאָליאַקן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון וואַרשע און אומגעגנט, — לויט דעם רוף פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען, — קיין בריסק, און אַהין נישט דערגאַנגען. איצט געפינען זיך די אַלע אויפן דײַטשישן זאַמל־פּונקט אין טעראַספּאָל.

פאַרנאַכט האָט מען דעם גאַנצן לאַגער מיט מענטשן אײַנגעשטעלט אין רייען, באַגלייט מיט אַ פּאַטרול־וואַך, אונטער דער דראָאונג צו שיסן יעדן איינעם וואָס וועט אַרויס פון דער ריי — אונדז באַגלייט צום שאָסיי־וועג, וואָס פירט צוריק קיין וואַרשע,

און באַפּוילן גיין אין דער ריכטונג אַהיים און זיך נישט אומקערן אויף צוריק.

אונדזער גרופּע, די זיבן, האָט אָבער נישט געוואָלט גיין צוריק. זענען מיר, נאָכן אָפּגיין אַ וועלכע 3 ק״מ, ווען מ׳האָט שוין די וואָך נישט געזען, ווייל ס׳איז צוגעפּאַלן די טונקלקייט פון דער נאַכט, אַרויס פון דער ריי, אַראָפּ פון צענטראַלן וועג, און דורך אין גאַנצן פּאַר אונדז אומבאַקאַנטע וועגן, זיך געלאָזט צוריק אין דעם שטעטל וואָס האָט אין יענער נאַכט נישט געהאַט קיין שום סימן פון לעבן, ווי מען זאָגט: אַ שטילקייט ווי אין אַ קבר...

מיר האָבן זיך דערקליבן צו דער זעלבער דירה „אונדזערער״, אַריין אין איר, דאָס מאָל זיך געשטיקט מיט דער שטילקייט, און איינגעזונקען אין שלאָף. צומאָרגנס האָט נישט באַדאַרפט נעמען אַ סך צייט, כּדי מיר זאָלן זיך איבערצייגן ווי געפערלעך עס איז אונדזער זיין דאָ איצט. די מעגלעכקייט צו גיין ווייטער און זיך דערשלאָגן קיין בריסק איז געווען אַן אויסזיכט: נישטאָ קיין מענטשן דאָ. מיר זענען כּמעט די איינציקע אין שטעטל. נישטאָ אַפילו פון וועמען עפּעס־וואָס זיך צו דערוויסן. מיר ווייסן אַפילו נישט צי מיר האָבן אַ נייע מאַכט, און וואָס באַדייט פאַר אונדז די נייע מאַכט?

האָבן מיר ווידער איבערגעוואָרט אַ טאָג, מיט זיין אומבאַקאַנטער לאַנגווייליקייט און שרעק, און פאַרנאַכט בדלית ברירה זיך געלאָזט אויפן וועג צוריק קיין ביאַלי־פּאָדליאַסק. דאָ זענען מיר צוריק אַריין ווי אין אַ גרויסער שטאָט, מיט מענטשן, מיט לעבן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען אין די טעג פון אָנהייב גרויזאַמער 2טער וועלט־מלחמה. אַלע מענטשן זענען אויפן גאַס. קיין מאַכט איז נישטאָ אין שטאָט. מען איז אין דערוואַרטונג און גרייטקייט צו די קלאַנגען וואָס קורסירן, דער עיקר אַרום דעם, ביז וואַנען די דייטשן וועלן גיין. דערווייל גיט מען זיך אַן עצה אַן אַ וועלכער ס׳איז מאַכט. אפשר מעג איך דאָ צוגעבן: איידער אַ שלעכטע מאַכט, בעסער אַן איר... נאָר אַלע, אַלע באַמיִען זיך צו אַנטלויפן און פאַרלאָזן זייערע היימען. דאָ האָט זיך געמערקט אַז עס איז נישט נאָר מלחמה — עס איז אויך אַ משוגעת, וואָס האָט באַפאַלן די

מענטשן. אַן אמתער דור־הפלגה, ווי פאַרצייַטן אין חומש. מיר לויפן פּאַרויס, פּאַרויס, וואָס ווייַטער פון וואַרשע, נענטער צו דעם טייַך בוג, וואָס דאַרף זייַן אונדזער פאַרטיידיקונגס־ליניע, און פון דאָרט באַגעגענען אונדז שוין ווידער צוריקגייער, וואָס טענהען צו אונדז: וווּהין גייט איר? וווּהין אַנטלויפט איר? איר אַנטלויפט פון די דייַטשן? זיי זענען שוין דאָרט, וווּהין איר גייט...

מיר פאַרבלייַבן ערגעץ־ווו אין מעזריטש. פאַרנאַכט־צו לאָזן זיך אַלע אין וועג אַרייַן. באַלד קרייצן זיך די וועגן און אפשר אויך די מענטשלעכע גורלות. ביאַליסטאָק, ווילנע פון איין זייַט, בריסק, באַראַנאָוויטש — פון דער צווייטער זייַט. דאָ אויף דעם שיידוועג האָב איך געזעגנט אַ לעצטע געזעגענונג מייַן פירנדיקן חבר פון נאָווידוואָר, ביי וועמענס זייַט איך בין געוואַקסן און אין אַלע נאָר מעגלעכע צייַטן און יאָרן געווען מיט אים פאַרבונדן מיט איבערגעגעבנקייט. זייַן פנים און געשטאַלט האַלט זיך בייַ מיר אויף פון יענעם קרייץ־וועג אַן וואָס האָט אונדז צעשיידט און מער האָב איך אים, ליידער, נישט געזען — חיים־יצחק רודאָווסקי. ער, מיט זייַן ליבער פרוי מלכה, שפּעטער די קינדער, האָבן דורך דעם וועג דערגרייכט אַמעריקע, אָבער אַפילו אַמעריקע האָט אים נישט געגעבן קיין אריכות ימים און שוין אין 1945 האָט ער פאַרענדיקט זיין יונג, דינאַמיש, שעפעריש לעבן.

אונדזער טראַגישער גראַנגל מיטן נאַציסטישן טייַוול אויף די וועגן — כּסדר צווישן יאָ און ניין — האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביזן 17טן סעפּטעמבער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער א.ג. באַפרייונג־מאַרש פון דער רויטער אַרמיי. מיר, די גרופּע פון זיבן, האָבן זיך דעמלט געפונען אויפן וועג קייַן ביאַלי־פּאָדליאַסק.

פּלוצים האָבן זיך איבער אונדזערע קעפּ באַוויזן אַן אַנדער סאָרט עראָפּלאַנען, וואָס האָבן אָנשטאָט באָמבעס געוואָרפן פלוגבלעטלער. נאָר איינער פון אונדז האָט זיי געקענט לייענען און פאַרשטיין. דאָס איז טאַקע געווען מייַן לערער און חבר הערצל דובניקאָוו. און די ווערטער וואָס ער האָט אונדז פאַרטייַטשט און איבערגעגעבן פון די פלוגבלעטלער, זענען פאַר אונדז נישט נאָר געווע איבערראַשנדיק, נאָר פּשוט נישט צו באַנעמען אין זייער

ווענד־פונקט, נישט נאָר אין דער געשיכטע וועגן וועלכער מיר וועלן איצט נישט רעדן, נאָר פשוט אַפילו פאַר אונדזער ווײַטערדיקן גאַנג. מיר האָבן זיך אַלזאָ דערוווּסט, וועגן דער באַרימטער רעדע פון פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערן־ענינים מאָלאָטאָוו, אַז לויטן באַשלוס א.א.וו. האָט די רויטע אַרמיי אָנגעהויבן איר מאַרש צו באַפרײַען די ברידער פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווײַסרוסלאַנד. אַזוי, אַז מיר וועלן שוין נישט דאַרפן ווײַטער גיין כּדי זיך צו באַפרײַען פון דער נאַציסטישער געפאַר. די „באַפרײַער" קומען אונדז אַנטקעגן — זיי קומען צו אונדז!

מיר האָבן דערגרייכט די שטאָט ביאַלי־פּאָדליאַסק און דאָרט זיך אַ ביסל פאַרהאַלטן. מיר, די זיבן, זענען געווען אײַנקוואַרטירט בײַ אַ באַקאַנטער בונדישער משפּחה אין שטאָט. איך דערמאָן זיך נישט דעם נאָמען, אָבער דער חבר איז געווען באַקאַנט אין שטאָט. ער איז אויך געווען דער פאַרשפּרייטער פון דער „פאָלקסצײַטונג". דערווײַל זענען אָנגעקומען די ימים נוראים און די יום־טוב־טעג. אונדזער קאָמונע פון „די זיבן געהאָנגענע" האָט נאָך באַוויזן, הגם שוין פאַר די לעצטע גראָשנס, צו פּראָווען דאָס לעצטע יום־טובדיקע היימישע מיטאָג. דאָרט, אין דער שטאָט, האָבן מיר זיך דעם 21טן סעפּטעמבער 1939 דערוואַרט אויפן אַרײַנמאַרש פון דער רויטער אַרמיי און אונדזער „באַפרײַונג". פון די אַלע זינד וואָס די סאָוויעטישע מאַכט האָט מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן צוגעשריבן, האָט נאָר אַרײַנגעפּעלט דאָס, אַז איך בין אומלעגאַל אַריבער די גרענעץ... אין מײַן פאַל איז געווען פאַרקערט: דאָס איז די רויטע אַרמיי אַריבער די גרענעץ, און דאָס איז אייגנטלעך דער אָנהייב פון מײַן געפינען זיך אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע.

זענען געקומען עטלעכע הפקרדיקע טעג אָן אַ מאַכט. די אַלטע איז שוין נישט געווען, די נײַע איז נאָך נישט געקומען. ווען די רויטע אַרמיי איז אַרײַן אין שטאָט מיט אַ גרויסן פּאַראַד, וועלכער איז פריִער געמאַכט, אָדער אינסצעניזירט געוואָרן, דורך די ווייניקע אין צאָל אָרטיקע קאָמוניסטן, זענען אָבער אויף די גאַסן געווען באַטייליקט ריזיקע מאַסן, און איך מיט מײַנע חברים צווישן זיי. איך וואָלט נישט געזאָגט אַז מיר האָבן געיובלט, אָבער לפי שעה,

ווי מען זאָגט, זענען מיר געווען צופרידן און באַרויקט, עס איז אונדז אָבער גלײַך אַדורך אַ טיפע שטילשווײַגנדיקע אַנטוישונג, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל מיט אונדזערע אייגענע אויגן דערזען די „ניקיעם ניעפּאָביעדימאַיאַ" — די דורך קיינעם נישט באַזיגבאַרע רויטע אַרמיי, מיט די זיך שלעפּנדיקע, אויסגעמאַטערטע, באַדעקטע מיט שטויב פערד און וועגעלער; די אַראָפּהענגענדיקע גרויע שינעלן אויף די אויסגעבלייכטע און כּמעט פון לעבן אויס־געלאָשענע פּנימער. אַ זאַך וואָס האָט ווײַט נישט דערפרייט אונדזערע הערצער, און דער עיקר — צעשטערט אונדזער גרויסע וויזיע פון וואָרט, ליד, ליטעראַטור און פילם, דורך וועלכע אָט די אַרמיי איז ביי אונדז דערהויבן געוואָרן און אַרײַן אין אונדזער פאָרשטעלונגס־קראַפט.

די ערשטע טעג פון דער נײַער מאַכט זענען געווען אומבאַשטימטע, נישט קלאָרע. מען האָט גערעדט וועגן אַ דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דער דײַטשישער און סאָוויעטישער אַרמייען; איינער האָט געזאָגט בײַם טײַך בוג, דער צווייטער — בײַ דער ווײַסל ביז פּראַגע; און געווען אַפילו אַזעלכע, וואָס דערהערנדיק „פּראַגע", האָבן זיי שוין געוואָלט לויפן אַהיים. מיט איין וואָרט — טעג פון אומקלאָרקייט און אומבאַשטימטקייט.

פּאַקטיש איז די רויטע אַרמיי געגאַנגען ווײַטער אין דער ריכטונג צו וואַרשע, מעזריטש, שעדלעץ און אפשר נאָך ווײַטער. אין איינעם אַזאַ טאָג בין איך מיט מײַן חבר הערצל אַוועק אויף אַן אַרבעט צו פּאַרדינען „גראַשנס". די נײַע סאָוויעטישע מאַכט אין שטאָט האָט געשיקט אַרבעטן אין די תבואה־שפּײַכלערס, איבערצושיטן און איבערצולופטערן די דאָרט אָנגעזאַמלטע תבואה. אמת, אין שטאָט זענען געווען קלאַנגען, אַז ס׳קאָן זײַן, אַז די מאַכט וועט זיך בײַטן. אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן, צי דאָס איז עפּעס מער ווי קלאַנגען.

זענען מיר אין אַזאַ פרימאָרגן, אַרום 8 אַזייגער אַרײַן אין אַזאַ שפּײַכלער־מאַגאַזין, וואָס איז געווען פאַרמאַכט, אָן פענצטער, און דאָרט ערלעך אָפּגעאַרבעט אונדזער אַרבעטס־טאָג, נישט וויסנדיק, אַז אין דרויסן, אין גאַס, קערט זיך איבער אַ וועלט,

וואָס באַדראָט ווידער אונדזער לעבן, וואָס ווערט אָפּהענגיק פון די נאָענסטע שעהען אונדזערע.

מיר זענען אַרויס פון שפּײַכלער בערך אַזייגער 5 פאַרנאַכט, און נישט דערקענט די גאַסן, וואָס זענען געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן. דאָ און דאָרט האָט מען געקאָנט זען בהלהדיקע דורכלויפערס. מיר האָבן דערפילט אַז עפּעס וויכטיקס איז דאָ געשען פאַר דער צײַט פון אונדזער אַרבעט אין דעם פאַרמאַכטן שפּײַכלער. מיר אײַלן צו דעם אָרט ווו עס געפינען זיך די אַנדערע פון אונדזער גרופּע, און דערוויסן זיך דאָס שטוינענדיקע פאַר אונדז וועגן אַ נײַעם אָפּמאַך צווישן ביידע אַרמייען, אַז די סאָוויעטישע אַרמיי ציט זיך צוריק ביז בריסק און שוין מאָרגן קומען דאָ אַרײַן די דײַטשן. און ווידער איז אונדזער לעבן אָפּהענגיק פון דעם, צי ס'וועט אונדז געלינגען אין געציילטע שעהען צו דערגרייכן און אַריבערגיין דעם טײַך בוג. דער מהלך איז בערך איבער 30 ק"מ. איז ווי אַזוי דערגרייכט מען דאָס, ווען צײַט איז אַזוי ווייניק? מען דאַרף דאָך פּשוט לויפן און דו ביסט נישט זיכער צי די דײַטשן וועלן דיר נישט נאָך אַ מאָל אַנטקעגן קומען אויפן וועג. קאָמוניקאַציע, באַן, פערד־און וואָגן — אַלץ איז אַ פראַגע פון צײַט און פון קאָנען דאָס דערגרייכן. דערווײַל רוקט זיך אונטער נאָך אַ גאָר ערנסטע פּראָבלעם, וואָס ווערט פאַר אונדז אַ פראַגע פון מאָראַל און געוויסן. אין יענע טעג איז אין ביאַלע־פּאָדליאַסק געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער פון אַ באָמבע־שפּליטער, דער באַקאַנטער און ביז־גאָר געאַכטעטער שרײַבער און ליטעראַטור־קריטיקער לעאָ פינקלשטיין. ער איז פאַרוווּנדעט אין אַ פוס, און ליגט אין אַ פּריוואַטער שטוב. מיר האָבן אים באַזוכט און אונטערגעהאַלטן מיט אים קאָנטאַקט, אים געהאָלפן מיט וואָס נאָר מיר האָבן געקאָנט. האָבן מיר איצט גלייך באַשלאָסן, אַז מיר נעמען מיט מיט זיך דעם פאַרוווּנדעטן לעאָ פינקלשטיין.

ווען מיר זענען געקומען צו אים אין שטוב און אים איבערגעגעבן אונדזער באַשלוס, האָט ער מיט איבערגענומענקייט און גערירטקייט אונדז געדאַנקט פאַר אונדזער גרייטקייט און גוטן ווילן אים צו העלפן, — אָבער, — האָט ער געזאָגט צו אונדז, —

איצט איז נישט קיין צײַט פֿאַר אַזאַ טיף־מענטשלעכער איבער־געגעבנקייט. מײַן זײַן צווישן אײַך וועט פֿאַרקלענערן אײַערע שאַנסן זיך צו ראַטעווען... איך וועל פֿילן זיך ווי אַ באַלאַסט פֿאַר אײַך, ווי אַ באַשווערונג פֿאַר אײַערע מעגלעכקייטן צו ראַטעווען אײַערע לעבנס. ניין, לאָזט מיך אויפֿן אייגענעם גורל און איר אַלע, יעדער ווי ער קאָן, ראַטעוועט אײַערע לעבנס...

דאָס איז געווען אין די לעצטע מינוטן, ווען מיר האָבן געמאַכט אַלע באַמיִונגען צו געפֿינען עפּעס אַ פֿערד־און־וואָגן, וואָס וואָלט געקאָנט זײַן די איינציקע רעטונג. אָבער ווען עס איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז אוממעגלעך צו דערגרייכן, זענען מיר נאָך אַ מאָל אַוועק צו פֿינקלשטיינען אין שטוב — דאָס מאָל מיט דער פֿולער אַנטשיידנקייט נישט צו פֿאַרלירן אַפֿילו קיין מינוטן — און נעמען אים מיט זיך דאָס הייסט: 2 חברים נעמען אים אונטער די אַקסלען און לאָזן זיך מיט אים אין וועג אַרײַן.

פֿינקלשטיין האָט נאָך אַלץ זיך קעגנגעשטעלט און געוואָלט אונדז איבערצײַגן, אַז ער איז גערעכט. אָבער ווען מיר האָבן אים קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אָן אים וועלן מיר נישט גיין, און מיר בלײַבן אַלע דאָ, — האָט ער זיך געלאָזט אַרויסנעמען פֿון בעט, און גייט מיט אונדז דעם ביז גאָר צווייפֿלהאַפֿטן וועג, וואָס קיינער פֿון אונדז האָט נישט געוווּסט וווּהין ער פֿירט און צו וואָס ער פֿירט.

דער איינציקער פֿאַרבליבענער רעטונגס־וועג איז געווען דער אַרטיקער באַן־וואָקזאַל. דאָס מיינט: דער געוועזענער וואָקזאַל. ס'איז געווען אַ וויסטע, נאַכטיקע פֿינצטערניש, מיט אַ שרעקנדיקן פּחד פֿאַר אַלץ וואָס לעבט נאָך און אָטעמט. מיר האָבן זיך געשלעפּט צום געוועזענעם באַן־וואָקזאַל, וואָס געפֿינט זיך אַ 7 ק״מ פֿון שטאָט, מיט דער צווײַפֿלהאַפֿטער אויסרעכענונג, אַז אפֿשר איז נאָך פֿאַרבליבן עפּעס אַ סאָוויעטישער באַן־לאָקאָמאָטיוו מיט אַ וואַגאָן, צי וואַגאָנען, וואָס האָבן זיך נאָך נישט עוואַקויִרט צו דער צווייטער זײַט. דאָס מיינט קיין בריסק. אַוודאי קאָן מען נישט פֿאַרלאַנגען נישט פֿון זיך און נישט פֿון אַנדערע דאָס אָפּצושאַצן. מען דאַרף נאָר געדענקען, אַז דאָס איז נאָך אין אונדזער אָנהייב,

און וואָס עס איז אַלץ מיט מיר פּאַרגעקומען אין אַלע שפּעטערדיקע יאָרן, האָט נישט קיין פאַרגלײַך, עס בלײַבט דאָך דער אויסטערלישער גאַנג אין דער טויט־שווײַגנדיקער פינצטערניש פון דער נאַכט, מיט דעם פאַרוווּנדעטן לעאָ פינקלשטיין, אַנגעהאַנגען לויט דער ריי אויף אונדזערע אַקסלען, און אונדזער צערײַצטע נערוועזיטעט בײַם הערן אַ סאַפּענדיקן לאָקאָמאָטיוו מיט אַ פײַף, וואָס פאַרלאָזט אונדזער שטח. אונדז דאַכט זיך און מיינט זיך, אַז דאָס איז זיכער דער לעצטער! און דאָס מיינט אפשר אויך פאַרשפּילט אונדזערע לעבנס... און דער הענגענדיקער אויף אונדזערע אַקסלען פאַרוווּנדעטער חבר מורמלט בעטנדיק: לאָזט מיך... לאָזט מיך!... לויפט שנעלער! ראַטעוועט זיך! מעג דערפאַר און דאַרף דער דאָזיקער עפּיזאָד פאַרצייכנט ווערן.

מיר האָבן דערגרייכט דעם באַן־וואָקזאַל און אַוועקגעלייגט זיך אויפן ברוק, יעדער מיט זײַן נאָגנדיקן צווייפל, צי מיר וועלן זיך אויף עפּעס דערוואַרטן. בערך אַ צוויי שעה זענען מיר אַזוי געלעגן אין אייגענעם גראַנגל מיט זיך. ס'איז אָנגעקומען אַ לאָקאָמאָטיוו מיט דרײַ וואַגאָנען: 2 אָפענע פּלאַטפאָרמעס און איינער אַ פאַרמאַכטער. מיר זענען, פאַרשטייט זיך, אַרײַן אין פאַרמאַכטן פראַכט־וואַגאָן, צוגערוקט זיך צו אַ ווינקל אויף צו פילן זיך זיכער און האָבן אַן אָנשפּאַר אין עפּעס, וואָס מיר האָבן כסדר געזוכט...

ליגנדיק אַזוי צונויפגעקוועטשט אין שווײַגעניש, מן הסתם האָבן מיר געטראַכט מיט פרייד וועגן אונדזער גרויסן נס, אַז מיר האָבן זיך דאָך געראַטעוועט, האָב איך זיך דערמלט געפונען צום נאָענטסטן צו לעאָ פינקלשטיין. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך, ווי אַן איבערגעוועקטער פון אַ חלום, זיך געוואָנדן צו מיר מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— אוי, האָב איך זיך איצט געקריגט מיט שלמהען!... (געמיינט האָט ער זײַן גאָר נאָענטן און אינטימען חבר און פרײַנד שלמה מענדלסאָן, פאַר וועמען ער האָט זיך פאַרקלאָגט און אויסגעדריקט זײַן כעס און פאַרביטערונג פון אַ גאָר שווערער איבערלעבונג, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט אין די טעג).

אין די אַ טעג האָט זיך אויך געפונען אין ביאַלע־פּאָדליאַסק אַן אַזוי גוט־באַקאַנטער שרײַבער און נאָענטער חבר פון לעאָ פינקלשטיין, מיט זיין פרוי. ער האָט געוווּסט פון פינקלשטיינס מצב, אים אַפילו באַזוכט און געווען מיט אים אין קאָנטאַקט. זיי האָבן אויך פּראָיעקטירט צו גיין ווײַטער צוזאַמען. אָבער אין טאָג ווען ס'איז אויסגעבראָכן די בהלה, אַז די דײַטשן קומען מאָרגן צוריק, האָבן די דאָזיקע פרײַנד, צוזאַמען מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן פּוילישן פּראָפעסאָר, געדונגען אַ פערד־און־וואָגן און פאַרלאָזט די שטאָט, איבערלאָזנדיק דעם פאַרוווּנדעטן אַן אַ זײַ־געזונט, ווי מען זאָגט...

זייער האַנדלונג האָט שטאַרק באַליידיקט און געטראָפן דעם פאַרוווּנדעטן פינקלשטיין, וואָס האָט נישט נאָר געליטן פון דעם וואָס איז מיט אים געשען, נאָר אויך פון גרויסן מאָראַלישן ווייטיק. דאָס האָט אַפילו אויך משפיע געווען אויף זײַן קעגנשטעלן זיך צו גיין מיט אונדז, ווי אַ פּראָטעסט־אויסדרוק קעגן דער האַנדלונג פון יענע. ער האָט דערנאָך קאָנפראָנטירט די גרויסע מאָראַלישע און עטישע דערהויבנקייט פון דער גרופּע חברים, וואָס האָבן אים בלויז געקענט פון זײַן גרעזלשאַפטלעכער פּאָזיציע, אָבער נישט פּערזענלעך, און דאָך האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַזויפיל גרייטקייט און הילף אויף צו ראַטעווען זײַן לעבן...

דאָ דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז אין גאַנצן עטלעכע טעג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה איז אין דער דעמלטדיקער „וואָכנשריפט" געווען אַ גרויסער אַרטיקל פון לעאָ פינקלשטיין א.נ. „דער מיטאָס פון 20טן יאָרהונדערט", וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ שאַרפן אַנגריף קעגן נאַציסטישן היטלעריזם, און געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן רושם. אַזוי, אַז אויך דער פּרט האָט געקאָנט נאָך מער פאַרשטאַרקן די געפאַר פאַר זײַן לעבן.

פינקלשטיין האָט זיך דערווײַל איבערגעוועקט און אין זײַנע רעיונות און איבערטראַכטונגען — אין ווינקל פון וואָגאָן וואָס האָט אונדז געפירט קיין בריסק — האָט ער געזען די עוולה וואָס איז קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן פון זײַנס אַ נאָענטן מענטש, אין

אַזעלכע גורלדיקע מינוטן. ער האָט, מיט רעכט, אויסגעקליבן שלמה מענדעלסאָנען, פאַר וועמען זיך צו פאַרקלאָגן און אָנצוקלאָגן.

דאָס הויכע געקלאַפּעריי פון די באַן־רעדער האָט אָנגעזאָגט, אַז מיר פאָרן אַריבער דעם טייך בוג און מיר קומען אָן אין דער נאָענטסטער שטאָט אין פאַרבאַנד פון די סאָוויעטישע סאָציאַ־ ליסטישע רעפּובליקן, און דאָס איז געווען בריסק־ליטעווסק.

לויט דעם וואָס איך האָב פריִער דערציילט איז דאָס געווען פאַר מיר שוין דאָס צווייטע מאָל, אין געציילטע טעג, ווי איך בין אויף סאָוויעטישער טעריטאָריע.

בריסק איז דעמלט געווען אַן אָנלויף פון דורכגייענדיקע פּליטים. וועמען האָט איר דאָרט נישט געטראָפן? און אַלע האָבן געצויגן ווייטער. זייער ווייניק פון אונדזערע מענטשן האָבן געטראַכט וועגן פאַרהאַלטן זיך אין בריסק, אַלע האָבן געצויגן דער עיקר קיין ווילנע, ביאַליסטאָק, באַראַנאָוויטש און ווייטער. אָבער פאַר אַלע האָט בריסק געדינט ווי דאָס ערשטע אָרט „איבערצוכאַפּן דעם אָטעם".

אויך אַ טייל טוערס פון צ.ק. פון „בונד" האָבן זיך דעמלט אויף אַ ווייל פאַרהאַלטן אין בריסק, און צווישן זיי דער חבר הענריק ערליך, שרה שוועבער, שלמה מענדעלסאָן, קאַזשדאַן, פון די וואָס איך געדענק, און אויך אַ סך אַנדערע. זיי אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין הויז פון דער גוט־באַקאַנטער, צו יענער צייט, בונדישער משפּחה אין בריסק, חוה און דוד שניידער, וואָס איז געווען באַוווּסט ווי אַ לערער, ראַטמאַן אין שטאָט־ראָט, און געזעלשאַפטלעכער טוער. אָבער שוין אין די ערשטע טעג, האָט זיך אָנגעהויבן דער טייוול־געיעג פון דער נ.ק.וו.ד. נאָך זייערע קרבנות.

די פריִער דערמאָנטע טוערס האָבן אין דעם זעלבן טאָג פאַרלאָזט בריסק, דורך פאַרשיידענע זייטיקע וועגן. דאָס האָט אָבער, ליידער, נישט באַוויזן דער חבר ה. ערליך, וואָס איז פריִער אַרעסטירט געוואָרן, — ווי מען האָט דעמלט אין בריסק געזאָגט, — לויט דער אָנווייזונג פון אַ וואַרשעווער ייִדישן קאָמוניסט, יאָסל משה ווײַנערס, וואָס איז אַ סך יאָרן געווען טוער און פאָרזיצער

פון קאָמוניסטישן האַלץ־פּאַראַיין אין וואַרשע און האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן ערב דער מלחמה געפונען אויף ניסקע 78. יאָסל משה ווײַנערס האָט געהערט צו דעם טיפּ קאָמוניסטישע טוערס אין וואַרשע, וואָס האָבן מיט זייער באַגרענעצטקייט און פּרימי־טיווקייט מיטגעמאַכט און געווען אַפילו פּאַראויסגייער אין שווערע און ביטערע צווישן־פּאַרטייאישע צוזאַמענשטויסן אין דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין וואַרשע, פון „בונד" און פון „לינקע פּועלי־ציון", באַזונדערס צווישן די וואַרשעווער האָלץ־אַרבעטער.

ס'איז דעריבער אָנצונעמען די וואַרשײַנלעכקייט, וואָרעם שוין אין די ערשטע טעג האָט ער אין בריסק געטראָגן די רויטע אָרעם־באַנד מיט אַ ביקס פון דער אַזוי־גערופענער בירגער־מיליץ, וואָס האָט זיך פריִער פאַר אַלעמען רעקרוטירט פון די אָרטיקע און צוגעקומענע אַהין יידישע קאָמוניסטן.

די ערשטע ידיעה וועגן אַרעסט פון חבר ערליך האָט אונדז אַלעמען שווער געטראָפן. מיר האָבן דעמלט נאָך גאָר נישט געקאָנט באַנעמען, אַז דאָס וועט זײַן די באַציִונג פון דער ראַטן־מאַכט צו די אַנטלאָפענע סאָציאַליסטישע טוערס פון פּוילן, פון „בונד" און פּ.פּ.ס. אין ערשטן מאָמענט האָבן אַ סך פון אונדז געמיינט, אַז דאָס איז בלויז אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס וועט זיך גיך אויפקלערן. געוווּסט האָבן מיר, אַז חבר ערליך געפינט זיך אין אַרעסט־הויז אויפן באַן־וואָקזאַל. איך בין אַוועק, צוזאַמען מיטן באַקאַנטן וואַרשעווער בונדישן טוער חבר לייבעטשקע בערמאַן, אויפן באַן־וואָקזאַל — אפשר וועלן מיר עפּעס קאָנען באַמערקן, זיך עפּעס דערוויסן.

נאָך שעהען זיך אַרומדרייען דאָרט האָבן מיר איין מאָל באַוויזן צו זען דעם אַרעסטירטן, ווי מען האָט אים באַגלייט פון איין צימער אין אַ צווייטן, און דאָס איז בײַ מיר געווען דאָס לעצטע מאָל זען דעם לעבעדיקן חבר ערליך.

דעם זעלבן גורל האָט אויך געטיילט, אַ ביסל שפּעטער, די משפּחה שנײַדער, וועלכע מיר האָבן פריִער דערמאָנט. דוד שנײַדער איז אַרעסטירט און שפּעטער דערשאָסן געוואָרן אין

לאַגער; זײַן פרוי חוה מיט די קינדער זייערע זענען פאַרשיקט געוואָרן. אין פאַרשיקונג — אַרעסטירט און געמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר, שפּעטער באַפרײַט געוואָרן און געפינט זיך איצט אין ישראל, מיט אירע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

צווישן די באַקאַנטע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך דעמלט געטראָפן אין בריסק, האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער „צוריקגאַנג" — ווי מען האָט עס גערופן, — און יעדער האָט זיך געהאַט זײַן סיבה. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געזען מער באַדראָט פון סאָוויעטישן רעזשים; אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געוואָלט אומקערן צו זייערע פאַרלאָזטע משפּחות. צו די צוריקגייער האָט אויך געהערט דער שפּעטערדיקער העלד פון וואַרשעווער געטאָ, אינזשיניער מיכאל קלעפּפיש, וואָס האָט זיך דאָ, אין בריסק, געטראָפן מיט ביידע שוואָגערס זײַנע, הערשל באַכראַך און הערצל דובניקאָוו. ביידע זענען געווען אין אונדזער גרופּע פון די זיבן, וואָס האָט זיך אָגב דאָ צעשיידט און צעשפּרייט, יעדער אויף זיין גורל־וועג.

אָסקאַר, אַרטוסקי — איז אַוודאי געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך געפילט באַדראָט צוליב זיין פאַרלאָזן די פּוילישע קאָמוניסטישע פאַרטיי און אַרײַנטרעטן אין „בונד" מיט עטלעכע יאָר צוריק. ער האָט זיך אין יענע טעג פאַרלאָזט אַ באָרד און וואָס ווייניקער זיך געוויזן אין גאַס. מיר האָבן אָנגעהאַלטן אַ נאָענטן קאָנטאַקט, ווײַל מיר זענען שוין געווען באַפרײַנדט פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט אין דעם הינטערשטאָטישן קאָמיטעט בײַם וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד" — ביז צום אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה. אָסקאַר האָט אויך גוט געקענט און געווען באַפרײַנדט מיט מײַן רבקהן. ווען ער האָט באַשלאָסן צוריקגיין קיין וואַרשע, איז דאָס געווען די בעסטע געלעגנהייט זיך מיט רבקהן צו קאָנטאַקטירן און איר לאָזן וויסן, אַז מײַן וועג פירט קיין באַראַנאָוויטש, וווּהין עס זענען שוין פריִער אַוועק די ברידער עזרא און מאָטקע לאַטאָוויצקי, וואָס זענען געווען אונדזערע גאָר נאָענטע פרײַנד פון וואַרשע. זיי זענען אַוועק קיין באַראַנאָוויטש צו זייערע עלטערן, און געהאַט דאָרט אַ ברייט צעצווײַגטע, אײַנגעזעסענע משפּחה. פון צווישן די באַקאַנטע יענע טעג, וואָס האָבן זיך געפונען אין בריסק, וויל

איך דאָ דערמאָנען יאַנעק גראָס (גראָספּאָטער), פֿון וועמענס אומגליק, מיר, די חברים, האָבן שוין געוווּסט און ער אַליין נישט; זײַן פֿרוי און קינד זענען אומגעקומען אין שעדלעץ בעת אַ באָמבאַרדירונג.

בײַ דער פֿאַמיליע שנײַדער, האָב איך צווישן אַ סך אַנדערע באַגעגנט דעם נאַר־וואָס דעמאָביליזירטן, אייגנטלעך — באַפֿרײַטן פֿון סאָוויעטישן „פּלען", דעם אונטער־אָפֿיציר פֿון דער פּוילישער אַרמיי, דעם מיר אַזוי־נאָענטן חבר יאָסל גוטגאָלד, וואָס האָט נאָך אַלע שווערע און טראַגישע פּראָנט־איבערלעבונגען מיר דערציילט וועגן נאָך אַ שווערער איבערלעבונג; ווען די פּוילישע אַרמיי־אָפּטיילונגען זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם אַזוי־גערופֿענעם „סאָוויעטישן פּלען", האָט מען זיי אַלע צונויפֿגעזאַמלט, אויס־געשטעלט אין רייען און אויסגערופֿן: ייִדן און אוקראַינער זאָלן אַרויס פֿון די רייען. זיי ווערן באַפֿרײַט. און — די פּאָליאַקן זענען פֿאַרבליבן. גוטגאָלדס געוויסן איז דאָס מאָל נישט געווען אַזוי רויִק און באַפֿרידיקט מיט זײַן ייִדישער „פּריווילעגיע". עס האָט אים געשראָקן און ווי געטון דער גורל פֿון זײַנע פּוילישע קאַמפּס־חברים. איך געדענק גוט, ווי גוטגאָלד האָט דאָס אין יענע טעג איבערגעלעבט...

געווען אויך טרעפֿונגען און באַגעגענישן מיט חברים פֿון אַ גאַנץ אַנדערן מין. ווי, אַ שטייגער, געוועזענע אַקטיווע ייִדישע קאָמוניסטן פֿון וואַרשע, וועמען איך האָב געקענט און זיי האָבן מיך געקענט. נישט נאָר געקענט, נאָר אויך געקומען מיט זיי אין באַרירונג. דאָס זענען געווען די פֿאַרוואַלטונג־מיטגלידער פֿון קאָמוניסטישן האַלץ־פֿאַראיין אין וואַרשע, וווּ איך בין אין די לעצטע יאָרן געווען דער איינציקער בונדיסט אין אַ פֿאַרוואַלטונג פֿון 11 קאָמוניסטן. איך האָב דאָ אויך באַגעגנט קאָמוניסטן פֿון אַ גאַנץ אַנדער קוואַליטעט, מענטשן מיט אַ באַשטימט פּאָליטיש וויסן, מיט געוויסע קולטור־קוואַליפֿיקאַציעס און ווי אַרבעטער האָבן זיי זיכער געהאַט זייער אָרגאַניזאַטאָרישן און פּאָליטישן ווערט און וואָג.

כ'האָב דאָ געטראָפֿן דודשען פֿון „בוי" און דעם „שוואַרצן ישראל" פֿון „מעבל" און אַנדערע. דאָ, אין די אַ טעג, זענען זיי,

פאַרשטייט זיך, עולה לגדולה געוואָרן און קרוב למלכות. זיי האָבן מיך זייער פריינטלעך און חבריש באַגעגנט. וואָס שייך דער „שוואַרצער ישראל", איז ער פאַר די לעצטע יאָרן פאַרן מלחמה־אויסברוך שוין געווען מער צוגעלאָזן, אַפילו ביז צו חברן זיך מיט מיר. אויך דודטשע האָט געהערט צו די מער ערנסטע און סאָלידערע, — אין דער לעצטער צייט פלעג איך אין געוויסע פאַלן זיין פאַרבינדלער צווישן די טוער פון דער פאַרוואַלטונג פון האַלץ־פאַראיין און דער אָנפירונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון וואַרשע, וואָס איז, ווי באַקאַנט, געווען אין איר איבערוועגנדיקער מערהייט אין די הענט פון „בונד".

אַוודאי איז אונדזער פרייד פון טרעפן זיך לעבעדיק און גאַנץ, נאָך אַזעלכע טעג און וואָכן, געווען נאַטירלעך און מענטשלעך. אָבער גיי רעד וועגן מענטשלעכקייט, ווען דו פילסט, אַז די פלאַמען ברי̇ען און יאָגן אויף דיר פון ביידע זייטן... יאָ, צום לויב פאַר די ביידע דאַרף געזאָגט ווערן, אַז גראַד זיי האָבן אָנגעהויבן מיט מיר רעדן וועגן די אַקטועלע און קאָנקרעטע ענינים... זיי האָבן צו מיר געזאָגט: דו דאַרפסט נישט מורא האָבן פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט. זיי האָבן געטענהט: דיר וועט קיין שלעכטס נישט געשען. נישט דיך מיינט מען.. אַ רמז, אַז אַנדערע מיינט מען יאָ. — פון אונדזער זייט, — האָבן זיי געזאָגט, — זענען מיר גרייט אַפילו צו העלפן דיר מיט איינאָרדענען זיך ביי אַרבעט. זיי זענען שוין דעמלט געווען אויך די אָנפירער פון אַ קאָאָפּעראַטיוון סטאָלערײַ־וואַרשטאַט, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין דעם געוועזענעם „אָרט"־וואַרשטאַט אין בריסק. זיי האָבן מיר פאַרגעלייגט דאָרט צו אַרבעטן. האָב איך אַפילו באַוויזן עטלעכע טעג צו אַרבעטן דאָרט, ביז ס'איז געוואָרן אַ מעגלעכקייט זיך אַריבערצופּעקלען קיין באַראַנאָוויטש. אין באַראַנאָוויטש האָב איך געהאַט כמעט מיין צווייטע היים. כ'בין אַריין צו דער משפּחה לאַכאָוויצקי, ווו איך האָב אַ גרויסע טייל פון זיי געקענט פון זייערע באַזוכן אין וואַרשע, און זיי האָבן מיך געקענט. איך האָב זיך דאָרט גוט געפילט און טאַקע פון דאָרטן האָב איך דערוואַרט און אויפגענומען, אין געציילטע וואָכן שפּעטער, מיט ניסימדיקער

פרייד, מײַן פרוי רבקה, צוזאַמען מיט איר איז געקומענען לובע, וואָס איז געוואָרן עזרא'ס פרוי, און מיט זיי אונדזער חברטע עטע, וואָס איז באַלד אַוועק צו איר מאַן קיין פּינסק.

זיי האָבן דורכגעמאַכט דעם שווערן און געפערלעכן וועג פון שמוגלען די גרענעץ פון וואַרשע קיין באַראַנאָוויטש, מיט אויסערסט ריזיקאַלישע און דראַמאַטישע שריט. די פרייד פון אונדזער צוריק־זײַן צוזאַמען איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'האָט זיך אונדז שיִער נישט אויסגעדאַכט, אַז דערמיט ענדיקן זיך אונדזערע מלחמה־צרות.

באַראַנאָוויטש, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסער זאַמל־פּונקט פאַר פּליטים, האָט אויך אײַנגעזאַמלט אין זיך אַ באַדײַטנדיקע גרופּע חברים, באַקאַנטע פון וואַרשע. מיר האָבן זיך ווי ווײַט מעגלעך געהאַלטן נאָענט און צוזאַמען, כ'וואָלט געזאָגט, — זיך געטוליעט איינער צום צווייטן. מיר האָבן אָנגעהויבן לעבן אונדזערע טעג מיטן וואַרטן אויפן מאָרגן. מיר האָבן געפילט אַ גרויסע הילפס־זאָרג פון אונדזערע באַראַנאָוויטשער אידעע־חברים.

איך מיט מײַן פרוי זענען אַריבער וווינען צום באַקאַנטן בונדישן ראַטמאַן און לערער אין שטאָט, געזעלשאַפטלעכן טוער, ווער־ביאַווסקי, וועמענס לעבנס־גורל ס'האָט כּסדר זיך געוואַקלט, און געלעגן אויף דער וואָג־שאָל אין יענע טעג. איך דאַרף מיט ליבע און פאַרערונג דערציילן וועגן דער איבערגעגעבנקייט און טיף־מענטשלעכע עטישע געפילן, מיט וועלכע די משפּחה ווערביאַווסקי האָט אונדז באַגלייט די גאַנצע צײַט פון אונדזער וווינען בײַ זיי, און ווער שמועסט נאָך, די ממש אין בלוט־געווייקטע טרערן פון דער פרוי ווערביאַווסקי בעת די נ.ק.וו.ד. האָט אונדז אַרויסגעפירט פון זייער הויז אין מיטן נאַכט און געפירט צום באַן־עשאַלאָן וואָס גייט קיין סיביר. מיר זענען שוין דעמלט געווען אין דרײַען — מיט אונדזער 4 חדשימדיק זונדל. זיי האָבן אים געקושט און געגלעט און אַזוי צערטלדיק נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל פאַרדעקט און צוגעדעקט, פאַר דער שאַרפקייט פון דער ערשטער נאַכט־לופט אויפן וועג קיין סיביר.

אינגאַנצן 7 חדשים האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן אין

באַראַנאָוויטש און דאָך אַזוי באַדײַטנדיק איז דאָס געווען אין אונדזער וואַנדער. מיר זענען געוואָרן פּליטים צוליב נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע רדיפות פון נאַציזם. אָבער די נײַע מאַכט האָט אונדז נישט געגעבן קיין איין רויִקן טאָג. דאַכט זיך, אַז שוין אין אָקטאָבער פון דעם זעלבן יאָר זענען די פּאַרנומענע געביטן פון מערב־ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע אײַנגעשלאָסן געוואָרן צום פּאַרבאַנד פון די סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, און שוין איז דאָ פאַרוואָרפן געוואָרן נאָך אַ שטריק אויף אונדזער האַלדז, — די סאָוויעטישע מאַכט האָט אונדז גלײַך אָנגעוואָרפן מיט צוואַנג און רדיפות די סאָוויעטישע בירגערשאַפט.

מיר אַלע האָבן זיך באַטראַכט בלויז ווי פּליטים (ביעזשענצעס), וואָס ווילן נאָר, און בעטן, די רעכט אויף איבערצוּוואַרטן אָדער אויסוואַרטן דעם מלחמה־דויער. צווישן די טויזנטער ייִדן־פּליטים אין באַראַנאָוויטש, האָט אונדזער גרופּע געזוכט און געפונען אַרבעט־פּלעצער אין פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיווע אַרטעלן און פאַבריקן, אָדער גאָר אַנדערע באַשעפטיקונגען. איך האָב געאַרבעט אין אַ מעבל־אַרטעל וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „17טער סעפּטעמבער“, אויפן נאָמען און לזכר דער „באַפרײַונג“. זענען מיר דאָרט געווען אַ ספּעציעלע בריגאַדע פון וואַרשעווער סטאָליאַרעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט עפעקטיווקייט און קוואַליטעט בײַם אַרויסגעבן אַרבעט. בריגאַדיר איז געווען מײַן נאָר נאָענטער חבר און גוט־קוואַליפיצירטער פאַכמאַן, יודל קאָרמאַן, מיט וועמען ס'האָט מיך געבונדן יאָרן פרײַנטשאַפט, ביז אין גאַנג פון דער מלחמה און אויך נאָך איר. אויך הײַנט האַלטן מיר אָן אונדזער גוטע פרײַנשאַפט, פון ישראל ביז אין גאָר ווײַטן מעלבורן.

דער מעבל־אַרטעל „17טער סעפּטעמבער“ האָט אָבער געהאַט נאָך אַ גרויסן יִחוס, וואָס זײַן דירעקטאָר איז געווען דער גוט־באַקאַנטער אין שטאָט חבר הערשל דאָבקאָווסקי. ער איז געווען באַקאַנט ווי אַן ערלעכער אַרבעטס־מענטש, פון אַ צעצווײַגטער משפּחה, אַ פאָטער פון 5 קינדער, מיט אַ פרוי וואָס האָבן געלעבט אין אַ הײַזקע וואָס איז ווײַט געווען פון רחבות. ווי אַן אַקטיווער

אַרבעטער־טוער איז ער ביז דער מלחמה שטאַרק גערודפט געוואָרן דורך די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען, אַפילו געווען פאַרשיקט אין דעם טרויעריק־באַרימטן לאַגער קאַרטוז־בערעזע. אָבער אַפילו דאָס האָט אים נישט געפּשרט פאַרן סאָוויעטישן רעזשים. אין איינעם אַ טאָג — שוין נאָך אונדזער פאַרשיקונג, — האָט מען אים אַרעסטירט, געמשפּט און פאַרשיקט. ער האָט מער נישט געזען זײַן פרוי, די קינדער און די משפּחה. ווײַל אַז עס איז אויסגעבראָכן די סאָוויעטיש־דײַטשישע מלחמה זענען זיי אַלע, לײדער, אומגעקומען. הערשל איז נאָך דער מלחמה געקומען קיין לאָדזש, אַן איינציק־איינזאַמער, דאָרט זיך פאַרבונדן מיט זײַן צווייטער פרוי בלומע, און אויך אין ישראל איז ער ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. די הילף, וואָס די משפּחה דאַבקאָווסקי האָט אין יענע פּליטים־טעג אַרויסגעוויזן צו אַ סך פון אונדזער קרייז מענטשן, איז נישט נאָר אומפאַרגעסלעך, נאָר דאַרף ערגעץ און מוז פאַרשריבן ווערן.

ווי שוין דערמאָנט האָט זיך פאַר דער צײַט פון די אומרויִקע וואָכן און חדשים אונדזער פאַמיליע־באַשטאַנד געביטן. דעם 30טן יאַנואַר 1940 איז בײַ אונדז געבוירן געוואָרן אונדזער זון יוסף. דער נאָמען איז נישט געווען קיין צופעליקער, אַפילו נישט קיין נאָכפאָלג אין דער משפּחה, דאָס איז געווען אַ פאַרערונג פאַר אַ גרויסן און גאָר־ווערטפולן מענטש אין דער בונדישער באַוועגונג, צו וועמען איך האָב אַלע מײַנע יאָרן געטראָגן אַ באַזונדערע ליבע און אַכטונג: יוסף לעשטשינסקי־כמורנער. די חברים פון דער בריגאַדע האָבן געמאַכט אַ וויגעלע פאַרן קינד, ווי אַ חברישע מתנה, און דאָס איז געווען כּמעט די גאַנצע פרייד וואָס מיר האָבן אין יענע טעג איבערגעלעבט. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער געראַנגל פאַר אַ שטיקל אָרט אונטער גאָטס גרויסן הימל. די סאָוויעטישע מאַכט האָט אָנגעהויבן איר ערשטן פּאַספּאָרטן־געזעץ פאַר די פּליטים, מיטן אײַנגלידערן די מערב־געביטן צו זיך. פאַרן רוב פון די א.ג. „ביעזשענצעס״, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געגנט, איז דאָס געווען דער ערשטער גרויסער פּסיכאָלאָגישער און אויך פיזישער קלאַפּ וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די היים וואָס

מיר האָבן איבערגעלאָזט און וואָס יעדער איינער פון אונדז גלייבט און וויל זיך צו איר אומקערן, אַז די דאָזיקע היים, לויטן סאָוויעטישן אײַנזען, עקזיסטירט נישט מער פאַר אונדז.

אמת, דער אַ קלאַפּ איז געקומען אַ סך, אַ סך פריִער, איידער מיר האָבן נאָך געוווּסט וועגן דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון אונדזערע היימען. דאָך וויל איך זיך דאָ באַוואָרענען, און זאָגן אַז ביז הײַנט האָב איך נאָך אין ערגעץ נישט אָנגעטראָפן אויף וועלכער ס׳איז סטאַטיסטיק אָדער אָפּשאַצונג, וויפל פון די פּליטים האָבן יאָ גענומען סאָוויעטישע פּעסער. דער אמת איז, אַז די פּאַספּאַרטיזאַציע איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ גרויסער ווערבירונגס־קאַמפּאַניע פון אַרבעטס־קאַדערן אין דער טיף פון דער מאַטושקאַ ראַסעיאַ, ווי מען האָט, ווי באַקאַנט, אַלץ צוגעזאָגט און גאָרנישט געגעבן. אָבער די ווערבירטע האָבן גלײַך באַקומען די פּעסער, וואָס האָבן אַנטהאַלטן אין זיך די באַגרענעצטע פּאַראַגראַפן, ווי פאַר אַ באַזונדערן טיפּ בירגער.

אויף וויפל איך האָב געקאַנט און געהאַט אינפאָרמאַציעס, איז עס געווען אַ גאָר קליינער פּראָצענט פון די פּליטים, און אפשר איז כדאי דאָ צוצוגעבן, אַז דאָס זענען פריִער פאַר אַלץ געווען יונגע מענטשן אָדער יוגנט, וואָס האָבן אין די שטעט און שטעטלעך געהאַט קאָמוניזירנדיקע סימפּאַטיעס. זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן רעאַליזירן זייערע פאַנטאַזיעס. פאַר אונדז, דעם רוב פון די פּליטים, איז דאָס געווען אַ טראַגישער גוראַנגל, צו וועלכן מיר זענען נאָך דעמלט נישט געווען צוגעוווינט.

וואָס שייך מיר — אין מײַן גאַנצן פיזישן און גײַסטיקן וועזן בין איך געווען אַרומגענומען מיט טיפער שׂנאה און אַבסאָלוטער איבערצײַגונג, אַז איך וויל נישט און טאָר נישט זען קיין דײַטש פאַר מײַנע אויגן. און אַז איך טאָר זיך נישט געפינען דאָ, ווו ס׳זענען דאָ די דײַטשישע נאַציס. און עס זענען זיכער געווען אַ סך אַזעלכע ווי איך. און דאָך, ווען עס איז אַרויס די פאַראָרדנונג, אַז אַלע פּליטים דאַרפן ביז אַ געגעבענעם טערמין נעמען סאָוויעטישע פּעסער אָדער זיך פאַרשרײַבן אויף צוריקצופאָרן אַהיים, אין נאַציסטישן פּוילן, האָב איך געהערט צו די וואָס זענען אַוועק

אין דער ריי זיך צו פאַרשרײַבן אויף צוריק פאָרן אַהיים, הגם איך האָב געגלייבט און פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט נישט צושטאַנד קומען, צוליב כמה וכמה טעמים. און דאָך. קאָן ווער פאַרשטיין די אינערלעכע צעריסנקייט פון אונדזערס אַ מענטש אין יענע טעג? דעם אַזוי טראַגישן געראַנגל מיט דער מאַכט, וואָס דער 126טער פונקט פון איר „סטאַלינסקע קאָנסטיטוציע" זאָגט בפירוש, אַז זי גיט רעכט און נעמט אויף אַלע נאַציאָנאַל אָדער פּאָליטיש גערודפטע מענטשן? געווען עטלעכע פונקטן אין באַראַנאָוויטש וואָס זענען געווען באַשטימט אויף צו פאַרשרײַבן זיך אויף צוריק צופאָרן, און אומעטום גרויסע רייען. ווײַל — פאַרשריבן האָט מען פּאַקטיש נישט.

די ערשטע צוויי טעג בין איך געשטאַנען פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט און בין צוריק אַהיימגעקומען מיט גאָרנישט. אינעם דריטן טאָג, שוין אָוונטצײַט, איז אָנגעקומען דער „טשאָרני וואָראָן" (שוואַרצער ראָב) — דאָס שוואַרצע קעטשל פון נ.ק.וו.ד., האָט אַלעמען אַרומגערינגלט און אָפּגעפירט אין טורמע. דאָס איז געווען מײַן ערשטער אַרעסט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אַז עס גרייט זיך עפּעס קעגן אונדז, האָט מען געפילט אין דער לופט. אָט זענען אַלע אין איין טאָג, אַלע אַרבעטנדיקע פּליטים וואָס האָבן נישט גענומען קיין פּעסער, אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער. די באַראַנאָוויטשער טורמע איז געוואָרן פול. וועמען האָט מען דאָרט אַלץ נישט געטראָפן? ווען מײַן רבקה איז צומאַרגנס זיך געקומען פרעגן אויף מיר, איז געקומען דער צינישער ענטפער: אַז איך בין פון איר אַנטלאָפן מיט אַן אַנדערער...

דערנאָך האָט זיך אין דער טורמע אָנגעהויבן אַ סעלעקציע. די וואָס האָבן געהאַט פרויען און אַנדערע משפּחה־מענטשן, האָט מען אַרויסגעלאָזט, און די איינצלנע זענען פאַרבליבן ביז צו דער פאַרשיקונג.

נאָך עטלעכע טעג האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט פון טורמע, אָבער די צערייצטקייט און נערוועזיטעט איז בײַ מיר שטאַרקער געוואָרן צוליב די פאַרשידענע פאַנטאַסטישסטע קלאַנגען. איך בין געווען אין בסדרדיקן קאָנטאַקט מיט אַ גרופּע באַקאַנטע חברים. דערווײַל

אָבער איז מיט מיר פּערזענלעך געשען אַן אומגליק: אין דער נאָענט פון אונדזער הויז איז אין איינעם אַ טאָג אויסגעבראָכן אַ שריפה און איך בין געלאָפן ראַטעווען און בין דאָרט ערנסט פאַרוווּנדעט געוואָרן. די גיכע הילף האָט מיך צוגענומען אין שפּיטאָל. אין שטאָט האָט מען אַפילו גערעדט, אַז אַ ביעזשעניעץ איז אומגעקומען. אין שפּיטאָל האָט מען מיר געגעבן די נייטיקסטע הילף און אויפן דריטן טאָג בין איך אַרויס מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. מען האָט מיר אָנגעזאָגט צו זײַן זייער פאָרזיכטיק. אָבער אין צוויי טעג אַרום, דעם 29טן אויפן 30טן מאַי 1940, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע נ.ק.וו.ד.־אַקציע פון אַרעסטירן און פאַרשיקן אין די לאַגערן אַרײַן אַלע ביעזשענצעס, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די געביטן פון מערב־ווײַסרוסלאַנד און אוקראַינע. עטלעכע נעכט האָט זיך אין אַ קאַמער פון אונדזער הויף אויסבאַהאַלטן אונדזער גוטער שטוב־פרײַנד און חבר פאַנטל יעשאָנאָוויטש, הײַנט אין טאָראָנטאָ. און ווי נאָר ר׳איז אַרויס אין גאַס, איז ער אַרעסטירט געוואָרן. צוליב דער באַזונדערער לאַגע אין וועלכער איך מיט מײַן פרוי און 4חדשימדיק קינד האָבן זיך געפונען, איז געווען בײַ אַ טייל באַקאַנטע אַ מיינונג אַז איך זאָל זיך באַמיִען צו בלייבן אין באַראַנאָוויטש, אויב דאָס וועט מעגלעך זײַן. 12.30 בײַנאַכט איז פון אונדזער צימער אַרויס דורכן פענצטער אין הויף־גאָרטן אַרײַן, כּדי צו גיין אַהיים צו זיך, פּישקע ניימאַן. ער האָט איבערגעגעבן וועגן די באַקאַנטע עס איז שוין אין אַרעסט און וועגן די, וואָס דערוואַרטן דאָס. עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז טראָץ אַלע מעגלעכע שוועריקייטן גייען מיר — איך, מײַן פרוי און קינד, מיט אַלע, אַהין צו יענעם אָרט, וואָס די סאָוויעטן־מאַכט האָט פאַר אונדז צוגעגרייט.

געציילטע מינוטן נאָך פּישקעס פאַרלאָזן אונדזער צימער, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. עס זענען אַרײַן דרײַ מאַן, איינער פון דער נ.ק.וו.ד., דער צווייטער — פון פּאַרטיי־קאָמיטעט און דער דריטער — אַ מעדיצין־פאַרשטייער. דער לעצטער איז גראָד געווען פון די, וואָס האָט מיט עטלעכע טעג צוריק זיך באַשעפטיקט מיט מיר אין שפּיטאָל. ער האָט זיך געפילט עפּעס אין אַ פאַרלעגנהייט

און אָנגעהויבן זיך שטילערהייט מיט די צוויי אַנדערע פּאַרטנערן באַראַטן. איינער פון זיי האָט געפרעגט ווי איך פיל זיך? דער פּאַרטיי-פאַרשטייער האָט געפרעגט, צי איך וואָלט געוואָלט בלייבן נאָך אַ פּאָר טעג? איך האָב אָן שום סימן פון וועלכער ס׳איז וואַקלונג דריסט געענטפערט: ניין! איך וויל פאָרן און זיין צוזאַמען מיט אַלע פון מיינס גלייכן... זיי זענען געווען איבערראַשט פון מיין דעצידירטן ענטפער, און דער פון דער סאַניטאַר-אָפּטיילונג האָט מיר צוגעזאָגט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג אין עשאַלאָן, אַז ער וועט מיר געבן אַ ספּעציעלן בריוו צו דער קאָמענדאַנטור פון עשאַלאָן.

איינס דרייסיק ביינאַכט האָבן אונדזערע אין פיין-צעוויטיקטע בעל-הבתים, די וויערביאַווסקיס, געריסן זייערע הענט און פנימער צו אונדז, בעת מיר זענען שוין געזעסן איינגעקוועטשטע אין דער לאַסט-מאַשין, אין דער אייביקייט אַריין.

דאָס בילד אויף דעם באַראַנאָוויטשער באַן-וואָקזאַל אין דעם פרימאָרגן איז מן הסתם געווען ענלעך צו דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַלע אַנדערע שטעט פון אונדזערע פּליטים-קאָנצענטראַציעס אויף די אַ געביטן. אין באַראַנאָוויטש האָט די נ.ק.וו.ד. באַוויזן אָנצופילן אַן עשאַלאָן פון 68 פראַכט-וואַגאָנען, לויט אַלע הינטישע, אוממענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס זענען ביז דעמלט געווען פאַר אונדז אומבאַקאַנט.

די נאַכט-אַקציע און איר ברוטאַלער אויסדרוק פון רעזשים איז, אויסער דעם עצם פאַקט פון אַרעסטירן און פאַרשיקן, אויך געווען באַגלייט מיט גרויזאַמע משפחה-טראַגעדיעס פון צעשיידן מענער פון פרויען, קינדער פון עלטערן. אין מערהייט פאַלן איז דאָס געווען אויף אייביק.

היינט, אַזויפיל יאָרן נאָך דעם, אַז דאָס אַלץ איז געבליבן אין שאָטן צו דעם וואָס מיר האָבן שפּעטער געזען, געפילט און מיטגעמאַכט, קלינגט מיר נאָך אַלץ דער שעהען-לאַנגער ווייי-געשריי פון אַ יונגער פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט, וואָס האָט זיך אַלע שעהען וואָס מיר זענען געשטאַנען אויף די באַן-רעלסן, געריסן צו דער טיר-עפענונג און געשריגן פון וואַגאָן אַרויס אין

דער לופט־לײדיקײט אַרײַן איר װײנענדיק, האַרצרײַסנדיק געשרײ, אַז מען זאָל זאָגן איר מאַן, דעם פּיערװשי סקריפּאַטש — ערשטער פידלער אין אײנעם אַן אָרקעסטער, װאָס זי האָט אָנגערופן, — אַז מ׳האָט זי מיטן קינד צוגענומען אין פאַרשיקונג אײדער ער האָט באַװיזן אַהײמצוקומען פון זײַן מוזיקאַלישער נאַכט־שפּיל... זי איז טאַקע געװען די אומגליקלעכסטע, אומבאַהאָלפנסטע און הילפלאָזע. איך װײס נישט צי די פרוי און דאָס קינד האָבן נאָך װען ס׳איז אין זײער לעבן געזען זײער מאַן און פאָטער. אָבער זי איז די גאַנצע צײַט פון אונדזער זײַן אין פאַרשיקונג געװען אױסגעשטעלט אױף פיל צרות פון דעם אַרום. זי איז נישט געװען די אײנציקע.

אין דער גרופּע פון אונדזערע באַקאַנטע איז אױך געװען בײלע צוקער, זי מיט איר טעכטערל. איר מאַן חיים איז געהאַט אָװעק־געפאָרן קײן לעמבערג צו אַ נײטיקער געזונט־הײלונג. מער האָבן זײ זיך לײדער נישט געזען... בײלע איז דערצו נאָך געװען אין אַנדערע אומשטענדן, אָבער גײַסטיק איז זי געװען געשטאַרקט אין איר האַלטונג, מיט אונדזער אַלעמענס אױפמערקזאַמקײט פאַר איר. ס׳איז דעריבער אַ באַזונדערע פרײד אונדזערע טרעפונגען אַלע יאָרן נאָך מײַן באַפרײַונג — אין מאָנטרעאָל, װוּ זײ לעבן, די מאַמע מיט דער טאָכטער, מיט פײַן געאָרדנטע משפחות. און אױב עס איז דאָ עפּעס אַ פאַרגיטיקונג פאַר שװער־איבערגעלעבטע פּײַן און לײַדן, פילן מיר דאָס קעגנזײטיק אין אונדזערע פרײדיקע טרעפונגען אין מאָנטרעאָל אָדער דאָ, װען זײ זענען צו גאַסט אין ישראל.

אונדזער װעג האָט געפירט פון באַראַנאָװיטש צום סיבירער טאַיגע־װאַלד. דער נאָמען פון דעם אָרט איז געװען קורינאָװאָ, טאַבאָרינסקי ראַיאָן, סװערדלאָװסקאַיאַ אָבלאַסט׳. װי אַזױ מיר זענען געקומען אַהין? צען טעג זיך געװאַלגערט אין דער שװערער אומאָרדנונג און אומרײנקײט פון די װאַגאָנען, ביז מיר זענען אַדורכגעפאָרן די אוראַלער בערג און אָנגעקומען קײן סיביר, סװערדלאָװסק, ביז צו אַ באַן־סטאַנציע טאַװדאַ. דאָס איז אױך דער נאָמען פון דעם טײַך, װאָס פליסט דאָרט. אין עטלעכע אָפענע באַרזשעס האָט מען אונדז אָװעקגעפירט צו אַ פּונקט. דאָ איז

דער עשאַלאָן צעטיילט געוואָרן אין עטלעכע פונקטן. אַ ביסל פּאַדוואַדעס האָבן געלאַדנט אונדזער ביסל אַרעמקייט, די פרויען מיט די קינדער, און מיר אַלע זענען געווען זייערע באַגלייטערס — אַ פּראָצעסיע, אַ ביז דעמלט נאָך־נישט־געזעענע און ווײַט אַפילו פון קאָנען עפּעס ענלעכס אויסטראַכטן אין אונדזער דמיון.

די אַלע געקומענע פון גרעסערע און קלענערע שטעט האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז ס'איז דאָ אויך אַזאַ וועלט און אויך אַזאַ מאַכט: אַ טראַנספּאָרט פון איבער 5 טויזנט מענטשן. מען שטעלט אָפּ אין מיטן וועג די באַן, מ'עפנט די טירן, מ'הייסט אַראָפּקריכן פון אַ הויכקייט פון וואַגאָן און אַלע, וואָס „דאַרפן" און „ווילן"... זאָלן טאָן זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן פאַר אַלעמענס אויגן... איך האָב געוווּסט און געקענט פאַלן, ווו מענטשן — פריִער פאַר אַלעם פרויען, — זענען ממש צעפּלאַצט און צעדריקט געוואָרן פאַר ווייטיק, פון נישט קאָנען זיך באַפרײַען פון זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן, אין דעם אַלטן, קולטורלאָזן שטאַנד, פאַר וועלכן עס האָט אונדז אוועקגעשטעלט דאָס גרעסטע — ווי זיי זאָגן — קולטור־לאַנד אין 20טן יאָרהונדערט, מיט דער נקווד־ישער געוווינהייט. און דאָס אַלץ איז געווען בלויז דער אָנהייב פון אונדזערע אומגליקלעכע יאָרן, און מיר האָבן נאָך נישט געוווּסט דאָס, וואָס מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט. דערפאַר איז דאָס אַלץ געווען אַזוי דערשיטערנדיק פאַר אונדז, פשוט — נישט צו באַנעמען!

אָט די פּראָצעסיע פון די פּאַדוואַדעס אין די זומפּיקע בלאָטעס, הגם שוין באַלד אין האַלבן יוני; אויף בערג און אין טאָלן אַרויף און אַראָפּ, בעת אַלץ צעשיט זיך און פאַרלירט זיך, דאָס איז געווען דער גאַנג, דער מאַרשרוט צו אונדזער נײַעם וווין־אָרט. און די נאַטשאַלסטוואָ, וואָס האָט אונדז באַגעגנט און אויפגענומען, האָבן אונדז געזאָגט: „אײַער וווין־אָרט אויף שטענדיק"...

✶

אוראַלטער סיבירער וואַלד. ביימער — נישט די פון קראַשינסקיס גאָרטן אין וואַרשע, צו וועלכע ס'האָט מיך קליינערהייט געצויגן, געלאָקט. אין אָט דעם ריזיקן אור־וואַלד איז אויסגעהאַקט געוואָרן

אַ ביסל ביימער, פון זיי האָט מען געמאַכט קלעצער, געלייגט איינעם אויפֿן צווייטן, און ס׳איז געוואָרן אַ כאַטע, כאַטעס, פֿאַר די, וואָס דאַרפֿן דעם וואַלד באַאַרבעטן. עס האָט, ווײַזט אויס, ווער פֿאַרלאָזט די כאַטעס פֿאַר אונדזער אָנקומען. מ׳האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ לאַגער־זאָנע פֿאַר „ראַסקולאַטשענע (ליקווידירטע) קולאַקעס״.

ס׳איז געווען איין גרויסע געשיכטלעכע מיספֿאַרשטענדעניש. מילא, אַז מיר האָבן זיי — די נאַטשאַלסטווע — נישט פֿאַרשטאַנען, איז דאָס נאַטירלעך. אָבער נאָך וויניקער האָבן זיי אונדז פֿאַר־שטאַנען. דער בײַט צווישן די וואָס האָבן די זאָנע פֿאַרלאָזט, און די וועלכע זענען אין איר אַרײַן, איז באמת געווען אַזוי גרויס, אַז מיט דער אינטעליגענץ וועלכע די אָרטיקע נאַטשאַלסטווע האָט פֿאַרמאָגט, איז זיכער נישט גענוג געווען דאָס צו פֿאַרשטיין.

עס זענען אריבער טעג, די ערשטע וואָכן, און ווי זאָגט אַ ייִדיש פֿאָלקס־ווערטל: מ׳זאָל נישט געפּרוּווט ווערן מיט דעם, צו וואָס מען קאָן זיך צוגעוויינען... עס איז געוואָרן אַן אַדרעס „פּאָסיאָלעק קורעניאַווּאָ, טאַבאַרינסקי ראַיאָן, סווערדלאָווסקאַיאַ אָבלאַסט״, מיט דער געזעלשאַפֿט וואָס מיר קענען און ווייסן, מיט דער גאַנצער וואַלד־פּראָבלעמאַטיק פֿון אונדזער אַרום.

געלעבט האָט מען אין די פֿריִער פֿאַרגעשטעלטע כאַטעס, צו עטלעכע פֿאַמיליעס. ווער מיט וועמען ס׳האָט זיך צונויפֿגעפּאַרט. אַ געוויסער אויסנעם איז געווען אונדזער כאַטע וועלכע האָט געלעבט אין אַ קאָמונע, און אַ קאָמונע אין קאָמוניסטן־לאַנד איז ווײַט נישט קיין לײַכטע זאַך. אָבער מיר זענען געווען אַ צוגעקליבענע גרופּע חברים, מיט אַ פֿריִערדיקער פֿרײַנדשאַפֿט און נאָענטקייט, אַזוי, אַז אין איינעם אַזאַ גרויסן כאַטע־צימער האָבן מיר געוווינט פֿיר משפּחות אין באַשטאַנד פֿון 12 פּערזאָן — צען דערוואַקסענע און צוויי קינדער... די משפּחה: יודל קאַרמאַן מיט עדושען און זייער 3־יעריק חנהלע, אַלע דרײַ היינט אין מעלבורן. ס׳איז גוט צו ווייסן, ווי אַן אייגענע משפּחה־פֿרייד, ווען איך לייען, הער און נעם אָפּ אַזעלכע גוטע גרוסן, אַז חנהלע איז אַ מוטער פֿון שוין דערוואַקסענע קינדער, אַ לערערין אין אַ שול, דערצו נאָך אַ

געזעלשאַפטלעכע טועריןֹ; און, דאַכט זיך, אויך אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פון „בונד" אין מעלבורן. ס'איז באמת מײַן גרויסע פרייד. יודלס ברודער, מענדל קאַרמאַן, וואָס איז דאָ נישט-לאַנג אַוועק אין דער אייביקייט אין ישראל; די משפחה פישקע און יאַקוב נײַמאַן, מיט פעלע צעלעמענסקי, יאַקובס פרוי. מישאַ און וולאַדעק שער, וואָס האָט דאַן ערשט דערגרייכט זײַן 16טן לעבנס-יאָר און קוים געוואָלט אָנהייבן זײַן לעבנס-קאַריערע — איז ער אַנגעקומען אין סיבירער וואַלד.

איך בין איצט אַוודאי מיט גרויס איבערגענומענער צופרידנקייט פון וולאַדעקס דערגרייכטער לעבנס-קאַריערע. אָבער צו וולאַדעקן וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

און איך, מיט מײַן רבקהן און מײַן זונעלע, וואָס האָט שוין בײַ זײַן 4 חדשימדיקן עלטער דערגרייכט דעם סיבירער אור-וואַלד. אָבער דער קרײַז פון אונדזערע נאָענטע איז געווען פיל גרעסער, ווי אין די ווענט פון אונדזער כאַטע. און אונדזער געמיינזאַמקייט איז געווען אַ געבונדענע.

ס'איז נישט געווען קיין צופעליקייט וואָס מישאַ שער האָט זיך אַרויסגערוקט ווי דער הויפּט פון פּאַסיאָלעק. ער האָט פאַרמאָגט דערצו אַלע נייטיקע אייגנשאַפטן: שפּראַך, קולטור און אַפילו בעסער ווי מיר אַלע פאַרשטאַנען די מענטאַליטעט פון אונדזערע „לעבנס-געבער" און „באַשיצער". ער איז זיכער געווען דער-פאָלגרײַך אויף זײַן אַמט, אָבער אויך נישט איין מאָל געווען אין פאַרלעגנהייט. מיר זענען געווען נאָענט, באַזונדערס האָט רבקה מיט כּמעט מוטערלעכער זאָרג געטאָן וואָס מעגלעך פאַרן ווויל פון דעם נאָך-אַזוי יונגן וולאַדעק. אונדזער כאַטע איז אַלזאָ געווען אַ געוויסע קאָצענטרירונג. די ערשטע חדשים האָבן מיר נאָך באַקומען בריוו, אַפילו איין בריוו פון וואַרשע. אַ בריוו פון מײַן ברודער, וואָס איז אַנטלאָפן פון אַנטוועפּן קיין פאַריז. שפּעטער, ווען די דײַטשן האָבן פאַרנומען פאַריז, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים קיין אַנטווערפּן און דאָרטן, אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די דײַטשן אומגעקומען, צוזאַמען מיט זײַן פאַמיליע. ערשט אין 1982 בײַ מײַן זײַן אין בריסעל האָב איך געפונען זייערע נעמען צווישן די 26 טויזנט אומגעקומענע ייִדן אין בעלגיע.

מיר האָבן באַקומען רירנדיקע בריוו, אַפילו מיט הילף אין פּראָדוקטן, פון אונדזערע נאָענטע פריינד, עזרא און ליובע לאַכאָוויצקי און שפּעטער, ווען רודאַווסקי איז צוזאַמען מיט דער ווילנער גרופּע — וואָס איז געפאָרן דורך סיביר קיין יאַפּאַן, האָט ער אונדז אין סוויערדלאָווסק אַרײַנגעוואָרפן אַ פּאָסט־קאַרטל מיט די ווערטער: איך וועל נישט רוען און אין איך נישט פאַרגעסן...

אונדזערע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס זענען אין אַלע לאַגערן ווײַזט אויס, פון דעם זעלבן סטאַנדאַרט, זענען נישט צום באַשרײַבן. הונגעריקע און פּראַסטיקע אַרבעטסטעג, מיט נאָרמעס נישט דער־גרײַכבאַרע, מיט צעריסענע וואַלענקעס, לאַפּטשעס אַרומגעוויקלטע מיט שמאַטעס, צעריסענע פופאַיקעס, און אַלץ מיט אַן אויסזיכטלאָזן אומעט... צו דעם נאָך די קראַנקייט צוליב מאַנגל פון וויטאַמינען, וואָס דריקט זיך אויס אין פאַרלירן דאָס זען אין די אָוונטן — „הינער בלינדקייט". דאָס איז אויך געשען מיט מײַן רבקהן. זענען מיר ביידע, איך מיט מישען אַוועק אין אַ נאָענטן דאָרף, באַקומען אַ שטיקל לעבער, וואָס איז די איינציקע רעטונג אין דעם פאַל. געווען איז דאָס אין אַ קורצן ווינטער־טאָג. באַלד איז צוגעפאַלן די נאַכט. פאַרשטייט זיך, — דער וועג פירט דורכן וואַלד. עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי מיט אַ שטורעם, פאַרשיט די סטעשקע וואָס פירט צום פּאָסיאָלעק. נאַכט־פינצטערניש און שניי־זאַוויערוכע אין וואַלד, מיט מעגלעכע, נישט אויסגעהלומטע, וואַלד־באַשעפענישן... ס'האָט גענומען שעהען, און ס'האָט געפּײַניקט אַ מידקייט פון כסדרדיקן טאַפּטשען אין טיפע שנייען. אונדזערע הילפס־רופן זענען פון קיינעם נישט געהערט געוואָרן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מישע, אַ פאַרצווייפלטער און מידער, געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן אין שניי־אָפּגרונט. איך האָב אים אויסגעשריִען און אויפגעצוווּנגען צו זוכן ווײַטער, זוכן, זוכן, ביז מיר זענען דאָך אַרויס פון וואַלד, געקומען אין באַטע מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג, שוין אין טיפער נאַכט. אויך אין שטוב איז מען געווען באַזאָרגט און באַאומרויִקט וועגן אונדז. זיי זענען אַפילו אַרויס אונדז אַנטקעגן, אָבער מיר האָבן זיך אַליין געראַטעוועט און זיך ביידע צוגעזאָגט, דאָס צו פאַר־געדענקען.

אַזעלכע פֿאַלן פֿון פֿאַרלירן דעם וועג און בלײַבן אין די טיפֿענישן פֿון דעם אומבאַקאַנטן סיבירער אור־וואַלד, געהערן צו די נישט־לײַכטע איבערלעבונגען. זיי זענען נישט פֿאָרגעקומען ווינטער אין שניי־זאַווערוכעס ווי אין אונזער פֿאַל, אַלא אויך זומערצײַט, צומאָל בײַם אַהיימגיין פֿון דער אַרבעט פֿון וואַלד, און נאָך מער בײַ די, וואָס האָבן זיך זומערצײַט געלאָזט אין וואַלד אַרײַן זוכן שוואָמען אָדער יאַגדעס.

די אַנדערטהאַלבן יאָר וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט אין דעם פֿאַרשיקונגס־לאַגער, איז זיכער, אַן אינטערעסאַנט לייען־מאַטעריאַל פֿאַר אַזעלכע, וואָס זענען אין אַזעלכע ערטער נישט געווען. אָבער מיר אַליין, די „דאָרטיקע", מיר האָבן דעמלט געמיינט, אַז אויב די קליינע שאַנסן און האָפֿענונגען וועלן אונדז אָפּגליקן און מיר וועלן אַרויס פֿון דאָרט, וועלן מיר מיט אונדזער דערציילן וועגן דעם וואָס עס איז מיט אונדז דאָ פֿאָרגעקומען, שווער נישט מאַכן אויפֿציטערן די וועלט. אָבער, לײדער, לײדער, מײַנע שפּעטערדיקע דערפֿאַרונגען און איבערלעבונגען האָבן דאָס אַלץ געשטעלט אין שאָטן... דאָס איז, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, אַ קינדערשפּיל אין פֿאַרגלייך צו דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דאָס איז געווען אַזאַ קינדער־קראַנקייט, וואָס יעדער פֿון אונדז, פֿון די וואָס זענען דאָרט געווען, האָבן עס דורכגעמאַכט.

איך וויל נאָר צוגעבן בלויז אַ וויכטיקע געשעעניש אין אונדזער אייגענעם משפּחה־לעבן פֿון יענע טעג: דעם 15טן יולי 1941 איז אין דעם אָרט און אין די באַדינגונגען געבוירן געוואָרן אונדזער טעכטערל, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען וויעראַ (הײַנט: ורדה), ווידער נישט סתּם־אַזוי אַ נאָמען און אַוודאי אויך נישט צוליב דעם רוסיציפֿירטן קלאַנג פֿון וואָרט „וויעראַ", נאָר צוליב דעם אינהאַלט פֿון דער יִדישער איבערזעצונג פֿון דעם וואָרט וואָס מיינט אויף יִדיש — גלויבן. כ׳וויל דאָ אונטערשטרײַכן די נאָענטקייט פֿון די צוויי דאַטעס: 22טער יוני — דער דײַטשישער מלחמה־איבערפֿאַל אויף סאָוויעט־רוסלאַנד און דער 15טער יולי — דער געבורט פֿון אונדזער טעכטערל, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אין אַזעלכע טעג, וואָס די ווייניקע וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן אין

אונדזער אַרום, גלייבנדיקע אין בעסערע צײַטן וואָס קאָנען און וועלן נאָך אפשר קומען, האָבן אין די טעג רעזיגנירטע און פאַרלוירענע אויפגעגעבן זייער האָפענונג און גלויבן. מיט מײַן „וויעראַ" האָב איך געוואָלט, טראָץ דער ביטערערווירקלעכקייט, אויסדריקן מײַן דויערהאַפטיקן גלויבן, בפרט נאָך אַז אין מײַן באַוווסטזיין האָט זיך אויפגעהאַלטן דער כּבוד פאַר די פרויען־העלדינס פון דער געשיכטע פון דער רוסישער און ייִדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג: וויעראַ פיגנער, וויעראַ זאַסוליטש און וויעראַ האָפּמאַן, און אַנדערע. און מיר, די עלטערן, האָבן אַוודאי אין זיך געטראָגן דעם באַגער, אַז אונדזער וויעראַ זאָל וואַקסן און זײַן צווישן די קעמפנדיקע פרויען אין איר דור און אין אירע צײַטבאַדינגונגען.

די מלחמה־טעג האָבן געבראַכט מיט זיך אָפּקלאַנגען פון די טראַגישע געשעענישן אויף די פראָנטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט טויזנטער קילאָמעטער ווײַט פון אונדז. מיר האָבן אָבער זיי געפילט אין זייער פולער שטאַרקייט און אפשר נאָך מיט מער פאַרלוירנקייט ווי די, וואָס זענען דאָרט געווען.

עס האָט נישט לאַנג גענומען, ווי באַקאַנט, און ס'איז געקומען דער אָפּמאַך מיט די אַליִיִרטע מלוכות און אין רעזולטאַט פון דעם דער אָפּמאַך מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, מיטן גענעראַל שיקאָרסקי, וואָס איז טאַקע אַרײַן אין דער געשיכטע א.נ. „דער שיקאָרסקי־אָפּמאַך".

דער שיקאָרסקי־אָפּמאַך האָט זײַן פילווערטיקן געשיכטלעכן באַדײַט אין זײַן אַנטוויקלונג אין דעם שפּעטערדיקן גאַנג פאַר אַ נאָך־מלחמהדיק פּוילן. אָבער דאָ אינטערעסירט אונדז נאָר דער נײַער סטאַטוס, וואָס מיר אַלע געוועזענע פּוילישע בירגער, וואָס האָבן זיך אין יענע טעג געפונען אין די סאָוויעטישע פאַרשיקונגס־לאַגערן, אייגנטלעך ווי שטאַטלאָזע, האָבן אַ דאַנק דעם אָפּמאַך צוריק באַקומען נישט אונדזער פּוילישע בירגערשאַפט, נאָר אונדזער געוועזענע פּוילישע בירגערשאַפט, און אונטער דעם נאָמען האָבן מיר פיגורירט אין די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַטיווע אינסטאַנצן: —

„ביושיע פּאָלסקיע גראָזשדאַניע" ביז דער נאָענסטער פּאָס־פּאַרטיזאַציע אין פרילינג 1943.

דערוויַיל האָט דער שיקאָרסקי־אָפּמאַך אונדז געבראַכט די פּריצישטיקע, אָפּילו אומדערוואַרטע באַפריַיונג פון די לאַגערן, אַ באַפריַיונג, מיט דער פולער גרויל פון דער ציַיט און פון אונדזער טראַגישן הפקר־זיַין ווי מיר וועלן דאָס זען אין קומענדיקן קאַפּיטל.

✶

ס'איז געווען האַרבסט, 1941, נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך מיט דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי אין לאָנדאָן. עס איז געקומען אַ באַפעל צו באַפריַיען אַלע געוועזענע פּוילישע בירגער פון די פאַרשיקונגס־לאַגערן.

מיר האָבן זיך דעמלט געפונען אין די סיבירער וועלדער ביַים טיַיך טאַוודאַ, בערך 500 קילאָמעטער פון סווערדלאָווסק. ס'איז נישט ליַיכט איצט איבערצוגעבן — און ווער, פון די וואָס זענען **דאָרט** נישט געווען, וועט עס פאַרשטיין? — די אויפטרייסלענדיקע צערודערונג וואָס האָט אונדז אַרומגענומען. פאַר וואָס זאָג איך **צערודערונג** און נישט **פרייד**, וואָס דאַרף נאַטירלעך קומען אין רעזולטאַט פון באַפריַיונג? וויַיל פון איין זיַיט זענען מיר טאַקע געווען פול מיט פרייד צוליב דער אַנגעזאָגטער באַפריַיונג, ובפרט נאָך דעם, ווי די נאַטשאַלסטווע האָט אונדז דאָ בעתן מקבל פנים זיַין און ביַי יעדער געלעגנהייט, דערמאָנט דעם באַקאַנטן זאָג: „ווי איר זעט נישט איַיערע אויערן, אַזוי וועט איר מער נישט זען איַיערע היימען און קרובים אין פּוילן.. פאַרגעסט פון דעם וואָס איז געווען. אָט דאָס וואָס איר זעט — געוויזן אונדז דעם סיבירער טיַיגע־וואַלד — דאָס איז איַיער היים, און — נאַ וופיעגדאַ" (אויף אייביק)! איז דאָך אַוודאי דאָס דערוויסן זיך, אַז בקרוב וועלן מיר זיַין פריַי און קאָנען זיך אַרויסריַיסן פון די סיבירער וועלדער, געווען פאַר אונדז אַ גרויסע פרייד. אָבער, ווי נאָר מיר האָבן געלאָזט אונדזער געדאַנק וויַיטער האָבן מיר זיך געפרעגט: וווּהין? צו וועמען? און ס'איז אונדז באַפאַלן אַן אומעט און אַ שרעק. ס'איז מיר נאָך ביז איצט נישט אויסגעקומען צו לייענען

וועגן אַ פּסיכאָלאָגישער צעטרײסלונג, מן הסתּם פון צענדליקער טויזנטער ייִדן אין יענער צײַט, וואָס האָבן געהאַפּט און באַגערט צו זייער באַפרײַונג, בעת פון דער צווייטער זײַט איז זיי באַפאַלן שרעק און מורא, צווײַפל, און ייִאוש בײַם פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע כאַטע אין וועלכער מ׳האָט זיך געפונען, אין אור־אַלטן וואַלד. נאָר ס׳איז גאָר קיין ווונדער נישט. מיר דאַרפן געדענקען, אַז דאָס זענען געווען די ערשטע חדשים פון זיגרײַכן היטלעריסטישן פאַראויסמאַרש איבער די ריזיקע שטחים פון „מאַטושקאַ ראַסיעיאַ״. דאָס איז די צײַט פון דער גרעסטער דעזאָרגאַניזאַציע פון סאָוויעטישן מלוכהשן מעכאַניזם און דאָס איז די צײַט פון הונגער, נויט פאַר די באַזעסענע, ווער שמועסט נאָך פאַר וואַנדערער אין דער אומבאַקאַנטקייט. ווער האָט דאָס געקאָנט באַשרײַבן? און דערצו נאָך — אָביעקטיוו?

איז אין אָט די באַדינגונגען און אין אָט דער צײַט, האָבן מיר, עטלעכע הונדערט ייִדן: פרויען, מענער, קינדער, קראַנקע און שוואַכע, פאַרלאָזט פּאָסיאָלעק קוריניאַוואַ מיט אַ באַרושע אויפן טײַך טאַוודאַ. קוים, קוים זיך דערשלעפּט צו דער באַן־סטאַציע אין סווערדלאָווסק.

דאָ איז כּדאי צו באַמערקן אַ וויכטיקע פּסיכאָלאָגישע דערשײַנונג אין דעם מענטשן־געזעמל: די שוואַכקייט די הילפסלאָזיקייט און די מורא פאַר דער אומבאַקאַנטקייט, טרײַבט יעדן זיך צו גרופּירן מיט נאָך וועמען. דאָס גרופּירן זיך, דאָס זײַן אין איינעם, ברענגט אַ ביסל מער זיכערקייט און דאָס מאַכט טיילמאָל לײַכטער איבערצוטראָגן נישט לײַכטס. דאָס איז גילטיק און אָנגענומען אין דעם לאַגער־לעבן און אַוודאי אין באַדינגונגען פון נישט זיכער זײַן.

דער מענטשן־געזעמל אויף דער באַרזשע האָט זיך אויף דאָס נײַ צעטיילט. עס זענען אויפגעקומען נײַ־אויסגעבילדעטע גרופּן, משפּחות, און יעדע גרופּע מיט אירע פּלענער: וווהין?

מײַן משפּחה, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר נפשות: מײַן פרוי, איך און צוויי קליינינקע קינדער, מיר זענען געווען געבונדן מיט אַ גרעסערער גרופּע חברים און פרײַנד, וואָס עס האָט אונדז

געבונדן, ביז און נאָך דער פאַרשיקונג, אָנהייבנדיק פון וואַרשע, באַראַנאָוויטש און אין לאַגער. ווען אָבער מיר האָבן דערגרייכט דעם ערשטן באַן־וואָקזאַל אין סווערדלאָווסק, איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז אַלע אונדזערע פּלענער, האַלב אָדער גאַנץ קאָלעקטיווע, וועלן נישט פּאַסן בײַ די נײַע באַדינגונגען. יעדער, ווער ס׳קאָן, דאַרף זיך אַרײַנרײַסן אין אַ וואַגאָן כּדי ער זאָל אָנקומען דאָרט ווו ער וויל. און אויב דאָס מזל וועט אָפּגליקן, וועט ער זיך טרעפן דאָרט מיט דעם געווונטשענעם. פון דאַנען ווערט קלאָר, אַז טראָץ די גרויסע און שטאַרקע פאַרבינדונג פון מײַן משפחה מיט דער גרופּע חברים און אַנדערע משפּחות, האָט די פאַרבידונג אָנגעהאַלטן ביז סווערדלאָווסק. אמת. ס׳איז געווען אָפּגערעדט, אַז מ׳דאַרף זיך באַמיִען צו טרעפן, אָבער דער עיקר — אָנהאַלטן קאָנטאַקט, אויב ס׳וועט נאָר מעגלעך זײַן.

דאָ וויל איך בלויז דערציילן ווי אַזוי ס׳איז געקומען צו דעם גליקלעכן און גורלדיקן זיווג מיט דער משפחה סעגאַל, וואָס האָט אין די ווײַטערדיקע יאָרן פון אונדזערע טורמעס און לאַגערן געראַטעוועט, געהאָדעוועט און דערצויגן מײַנע קינדער און פאַר־אייניקט די צוויי משפחות אויף שטענדיק.

די פאַראייניקונג האָט זיך אָנגעהויבן אין סווערדלאָווסק, אויפן באַן־וואָקזאַל, ווען מיר זענען נאָך, די גאַנצע גרופּע פון אַ צוויי צענדליק מענטשן, אַרײַן אין אַ באַן, וואָס האָט אונדז געפירט אין דעם נישט־ווײַטן רעוודאַ, אַ — לויט יענער צײַט — שטאַרק אינדוסטריאַליזירטע שטאָט, אַפילו מיט קוילן־גרובן. אַרבעט — וויפל דו ווילסט, אָבער ווו איבערצושלאָפן אַ נאַכט און עפּעס איבערבײַסן בײַטאָג איז דאָ כּמעט נישט געווען. ס׳האָט גענומען בלויז געציילטע טעג און די גאַנצע גרופּע איז זיך צעלאָפן, ווער — ווהין ר׳האָט נאָר געקאָנט. אונדזער לאַגע, מיט צוויי קליינע קינדער, איז געווען באַשווערט. דערפאַר זענען מיר געווען פון די לעצטע וואָס האָבן פאַרלאָזט רעוודאַ, נעמענדיק דעם וועג קיין אַסטראַכאַן. בלויז איין איינציקע משפחה פון אונדזער גרופּע, חיים איינאַ מיט זײַן פרוי שרה — זי וווינט היינט אין מעלבורן, און זייער חדשימדיק טעכטערל רחלע, היינט אַ מוטער פון צוויי

דערוואַקסענע קינדער, אויך אין מעלבורן, — האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאָרן ווײַטער. לײַדער איז זײַן גורל געווען אַ ביטערער: אַ קורצע צײַט נאָך אונדזער אָוועקפאָרן איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי און געפאַלן אויפן פראָנט.

ביז הײַנט האָב איך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אַרויס־צוברענגען מײַן פולע דאַנקבאַרקייט צו מײַן אומגעקומענעם חבר, וואָס האָט מיך אין יענעם אָוונט ממש געראַטעוועט. העלפנדיק אונדז, מיט די קינדערלעך, זיך אַריבערצופּעקלען מיט אונדזער ביסל „וויעשטשעס" צום נאָענסטן באַן־וואָקזאַל, וואָס איז געווען אויף אַ מרחק פון צען קילאָמעטער. מיר זענען געגאַנגען צו פוס און דער באַגאַזש אויף אונדזערע פּלייצעס. ער האָט צוזאַמען מיט אונדז דורכגעמאַכט צוויי מאָל דעם ביטערן וועג, אין אַ שמייסנדיקן ווינט־און־רעגן, אין די סיבירער טאָפּטשענדיקע בלאָטעס. זאָלן די געציילטע ווערטער זײַן אַ דאַנק און אַ לויב זײַן הייליקן אָנדענק.

ווי געזאָגט, איז אונדזער וועג געווען פון צפון קיין דרום: פּערווי־אוראַלסק, צוריק דורך סווערדלאָווסק, אַסטראַכאַן — דאָס איז בערך אַ מהלך פון אַ 5 טויזנט ק"מ. דער וועג פירט דורך קאַזאַן, סאַראַנסק, ריזאַיעווקע, פּענזע, רטישטשעוואָ, סאַראַטאָוו. דאָס אַלץ, מיט איבערשטײַגונגען, מיט טעג און נעכט וואַלגערן זיך איבער די וואָקזאַלן ביז צום קומען צום צוג, און די פּסדרדיקע זאָרג פאַר דעם, צי וועלן מיר זײַן פון די גליקלעכע צו געניסן פון דעם איצט אָנקומענדיקן צוג. לאָמיר נאָך אַ מאָל דערמאָנען: ס'איז די צײַט פון דער גרעסטער עוואַקואַציע פון אייראָפּעיִשן טייל פון רוסלאַנד, לענגאויס דער וואָלגע, ביז צום קאַספּישן ים. יאָ בילעטן, נישט בילעטן, דאָקומענטן, אַפילו קאָמאַנדיראָווקעס, — דאָ דעצידירט דאָס זאָאָלאָגישע געזעץ ווער ס'איז שטאַרקער...
און אויב די קינדערלעך האָבן דאָ נישט געקאָנט געניסן פון דעם געזעץ, האָבן זיי אָבער אין געוויסע מאָמענטן געהאַט אַזאַ „פּאָר", אַז צומאָל האָבן זיך די מאַמעס אָנגעוואַרעמט און נישט באַרעגנט געוואָרן נאָר אַדאַנק זייערע קינדערלעך, ווײַל דאָס איינציקע וואָס ס'איז אָפּגעהיטן געוואָרן אויף די וואָקזאַלן, איז געווען דאָס צימער פאַר מוטער און קינד, וואָס האָט זיך געפונען אויף יעדער

גרעסערער באַן־סטאַציע, באַזונדערס אויף אַזעלכע, וועלכע זענען געווען באַן־קנופּן און געפירט אין אַ סך ריכטונגען אַריַין. וועל איך נישט אָנגיין מיט מיַינע פאַרצייכענונגען ביז כ׳וועל נישט דערציילן, ווי אַזוי מיר האָבן דורכגעמאַכט אונדזער וועג ביז דער באַן־סטאַציע רטישטשעוואַ, ווען בלויז כּדי אַרויסהייבן דאָס כּמעט אומגלייבלעכע וואָס איז געשען מיט אונדז אויף דער דאָזיקער באַן־סטאַציע. לויט מיר נאָך וואָלט דאָס געפּאַסט פאַר אַ סצענע פון אַ געניטן רעזשיסער אין אַ לעגענדאַר־פאַרטראַכטן פילם.

רטישטשעוואַ איז אַ ברייט צעצווייַגטער באַן־קנופּ, וואָס פירט אין פאַרשידענע ריכטונגען אַריַין. צו יענער ציַיט — אַפילו נישט קיין שטאָט. עטלעכע הייזקעס אַרום באַן־וואָקזאַל, מיט פינצטערע נעבכט, מיט שפּיַיענדיקע קאַלטע רעגנס און זומפּיקע בלאָטעס. דאָ גייט אויך, איין מאָל אין מעת־לעת, אַדורך דער צוג פון מאָסקווע קיין אַסטראַכאַן.

וואַרטן מיר אַזוי אין מידקייט און אין פאַרצווייפלונג: וואָס וועט דאָס מאָל זיַין מיט אונדז? וואָרעם געפירט האָבן מיר זיך אַזוי: ביַי אַלע איַינשטיַיגונגען האָבן מיר צוערשט זיך באַמיט ס׳זאָל אַריַין מיַין פרוי מיט די קינדער. איך מיט סעגאַלן האָבן אין געאיַיל איבערגעטראָגן דעם באַגאַזש אין וואַגאָן אַריַין און די פרוי סעגאַל האָט געהיט דאָרעשט „פאַרמעגן" ביז מיר האָבן באַוויזן אַריַינצופּאַקן דאָס גאַנצע געפּעק אונדזערס. אויך דאָס מאָל האָבן מיר אַזוי געטאָן. אין אַ געוויסן מאָמענט זענען מיר ביידע אַריַין אין וואַגאָן מיט אַ טייל געפּעק — איך און סעגאַל. דער צוג האָט גערירט. סעגאַל איז צוריק אַראָפּגעשפּרונגען, איך בין פאַרבליבן. פון דער מינוט אָן זענען מיר צעשיידט געוואָרן אין דער אומבאַשטימטער אומענדלעכקייט; איך און מיַין פרוי און די קינדערלעך, מיט אַ טייל פון אונדזער אויסגעמישטן געפּעק — אונדזערס ביַי זיַי און זייערס ביַי אונדז.

די רעדער הייבן אָן קלאַפּן און דער פאַראַוואַז ריַיסט אונדז אַוועק אַלץ וויַיטער און וויַיטער. מיר ווערן זיך און ריַיסן זיך: צוריק צו זיַי! צו זיַי! מיר טאָרן זיך נישט צעשיידן...

אמת, די ערשטע מינוטן אין וואַגאָן נעמט אונדז אַרום אַ ליבע

וואַרעמקייט, נאָך וועלכער מיר זענען אַזוי אויסגעבענקט. ס'איז ליכטיק, דער רעגן גיסט נישט אויף אונדז, אָבער אַ מוראַדיקער ציטער עקבערט דעם געדאַנק: זײַ וועלן, חלילה, פאַרלוירן גיין אין דעם געדראַנג און געווירבל. איך באַוויַיז נאָר צו ברענגען אין אָרדענונג אונדזער ביסל געפּעק. די קינדער שלאָפן, און צווישן מיר און מײַן פרוי גייט אָן אַ לאַנג־שעהדיקער שמועס. ביידע זאָגן מיר איינס: מיר דאַרפן אַלץ טאָן כּדי צוריק צו געפינען די משפּחה סעגאַל. אָבער — ווי אַזוי?

און דער צוג גייט אַלץ ווײַטער, און ס'איז דאָך נישט אָפּהענגיק בלויז אין מיר. אמת, איך האָב באַדאַרפט זײַן דער אויספירער. אָבער, וואָס קאָן מען טון? הײַנט, אַז איך שרײַב די דאָזיקע שורות, קנאַפּע פערציק יאָר נאָך דער ביטערער געשעעניש, וויל איך צום ערשטן מאָל אַרויסברענגען מײַן לויב און דאַנק־באַרקייט צו דער טיפער מענטשלעכער אויסגעהאַלטנקייט, דרײַסט־קייט און געוואַגטקייט פאַר אַ פרוי, צו וועלן זיך לאָזן אין אַן אומבאַקאַנטן וועג אַרײַן, אָן אַן אַדרעס, אָן אַ שפּראַך, מיט צוויי קליינע קינדער. איז אונדזער באַשטימונג זיך צו טרעפן, געוועזן דער וואָקזאַל אין אַסטראַכאַן. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך פאָר צוריק זוכן די סעגאַלס.

דערווײַל זענען מיר אַזוי אָפּגעפאָרן אַ גאַנצע נאַכט און בערך 7 אין דער פרי זענען מיר אָנגעקומען קיין סאַראַטאָוו, ווו ס'איז געווען די הויפּט־סטאַציע אין האַלבן וועג. דאָ האָב איך מיט אַ שווער געמיט און מיט הייסע שטילע קושן געלאָזן זײַ פאָרן אין ווײַטערן וועג און אַליין בין איך אַוועק אויפן וועג צוריק, זוכן די סעגאַלס.

איך הייב אָן מײַן וועג אויף צוריק פון סאַראַטאָוו קיין רטישטשעוואָ. ווידער דער זעלבער צוג נאָר אין דער פאַרקערטער ריכטונג: אַסטראַכאַן־מאָסקווע, אויך נאָר איין מאָל אין מעת־לעת. בערך 8 אין דער פרי גייט דורך דער צוג סאַראַטאָוו. איך האָב אַפילו נישט קיין צײַט צו טראַכטן. איך מאָך אַפילו נישט קיין באַמיִונגען צו באַקומען אַ בילעט אָדער אַ וועלכן ס'איז אַנדערן דאָקומענט פאַר מײַן רײַזע. ווער האָט דאָ צײַט מיך אויסצוהערן?...

און אָט בין איך שוין אין צוג וואָס פירט מיך צוריק. געוויינטלעך דאַרף דאָס דויערן אַן 8 שעה. דער חשבון איז, אַז איך דאַרף אָנקומען אין רטישטשעוואָ צווישן 4 או 5 פאַרנאַכט און ס'דאַרף מיר בלײַבן אַ שעה־אַנדערהאַלבן ביז צום אָנקום פון נאָענסטן צוג מאָסקווע־אַסטראַכאַן אויף צו קאָנען דורכזוכן צווישן די זיך וואַלגערנדיקע טויזנטער פּאַסאַזשירן אויף דער סטאַנציע, אָפּצוגעפינען די סעגאַלס. דאָס אַלץ, אויב מײַן צוג וועט נישט פאַרשפּעטיקן. און פון דעם טאָקע זענען אָפּהענגיק מײַנע גורלדיקע באַמיִונגען אָפּצוגעפינען די פאַרלוירענע.

ליג איך מיר אַזוי אויף אַן אויבערשטער פּאָליצע, אײַנגענורעט אין אַ ווינקל, אין געראַנגל צווישן די רעיונות וואָס מאַטערן: האָב איך געמעגט לאָזן מײַן פרוי און די קינדערלעך אַליין אין דער אומבאַקאַנטקייט? פון דער צווייטער זײַט ווידער: צי מעג איך מפקיר זײַן אַזעלכע נאָענטע מענטשן, מיט וועמען מיר זענען אַזוי געבונדן?

אָט דער רעיונות־געראַנגל פּרעסט און נאָגט און שטאַרקט אין מיר די גרייטקייט און אָפּפערוויליקייט צו טון אַלץ איך זאָל מצליח זײַן אין מײַן כמעט הייליקער מיסיע, וואָס ווײַזט מיר אָבער אויס זייער צווײַפלדיק.

מיט איין מעת־לעת שפּעטער האָב איך זיך צוריק געפונען אויפן אָרט, ווו מיר זענען דורך דעם אַנטלויפנדיקן צוג צעשיידט געוואָרן. איך לויף אַרויס פון באַן־וואַגאָן מיט זוכנדיקע בליקן, לויף אין אַלע מעגלעכע ווינקעלעך פון מענטשן־געזעמל. איך קלאַפּ אין אַלע פענצטערלעך פון דער באַן־נאַטשאַלסטווע זיך צו דערוויסן צי איז אין משך פון דער צײַט אַוועק פון דאַנען עפּעס אַ צוג, און וווּהין? עס ווערט מיר קלאָר, אַז קיין פּאַסאַזשיר־צוג איז נישט פאַרבײַ. אונדזערער איז דער איינציקער. אלא פראַכט־צוגן? ווער ווייסט דען וויפל?

ווידער האַרבסטיקער אָוונט. שמײַסנדיקע ווינטן. רעגנס. טאָפּטשנדיקע בלאָטעס. נישטאָ קיין ווינקל ווו דו זאָלסט נישט האָבן פיל מאָל אַרומגעקרייזט, געפרעגט און איבערגעפרעגט, און איין איינציקער ענטפער: נישטאָ! גיי זוך דעם ווינט אין פעלד!

און אַט לויפט אָן דער צוג מאָסקווע־אַסטראַכאַן און ווידער די פראַגע: זוכן? און אפשר נישט פאַרלירן קיין צייט, וואָס איין מעת־לעת איז דאָ אַ גאַנצער לעבנס־דויער.

אין געציילטע מינוטן אַרום בין איך שוין ווידער אין באַן־וואַגאָן אויפן וועג קיין סאַראַטאָוו אַסטראַכאַן. די צווייטע נאַכט אויפן זעלבן וועג. נאָר, ווי אַנדערש? און — ווו געפינען זיך איצט מיין פרוי און קינדערלעך? זיי דאַרפן שוין האָבן זיכער דערגרייכט דעם באַן־וואָקזאַל אין אַסטראַכאַן. נו, און וואָס ווייטער? אויך דער שאַנס אָפצוגעפינען די סעגאַלס איז היינט וויניקער און קלענער ווי נעכטן. וואָס זשע טוט מען? פּרוּוו איך זיך איינוויגן אין געקלאַפּעריי פון די רעדער אין די לאַנגע שעהען פון דער נאַכט. מיטן אָנקום פון פרימאָרגן דערנענטערן מיר זיך ווידער צו דער שטאָט סאַראַטאָוו, וואָס בלייבט נאָך אַלץ דער איינציקער שאַנס און האָפענונג זיי אָפּצוגעפינען. נאָר דאָ איז די זאַך שווערער און קאָמפּליצירטער, ווייל דאָ איז נישט נאָר דער באַן־וועג, דאָ איז אויך דער וואַסער־וועג־פאַרקער פונעם דאַמפער מיט דער וואָלגע, וואָס שלעפּט מיט זיך צענדליקער און הונדערטער טויזנטער מענטשן לענגאויס דעם פלוס, ביז איר סוף אין אַסטראַכאַן, אויף אַ לענג פון איבער דריי טויזנט קילאָמעטער. ווערט דער אָפּגרונט נאָך טיפער און מיינע ספקות נאָך שטאַרקער. פּונקט ווי נעכטן חזר איך איבער דאָ מיינע זוכונגען און נישטערונגען צווישן די אומצאָליקע טויזנטער צונויפגעפּרעסטע מענטשן. איך פרעג, זוך, מאָן און פאָדער — אָבער ווער איז דאָ גרייט מיך אויסצוהערן?

נאָך לאַנגע שעהען אַרומזוכן און אַנטוישונגען לאָז איך זיך מיט די וויניק פאַרבליבענע האָפענונגען און כּוחות אַוועק אין צווייטן עק שטאָט צום פּריסטאַן פון דאַמפער־פאַרקער אויף דער וואָלגע. דאָ איז די פּלאַנירונג, צייט און אָרגאַניזאַציע אומפאַרגלייכלעך ערגער ווי אויף די באַן־סטאַציעס. קיינער ווייסט דיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן; ס'זענען אַפילו נישטאָ די „פענצטער־לעך" ביי וועמען צו פרעגן. ווידער די זעלבע פאַרלוירענע מענטשן־מאַסע, וואָס וויל זיך ראַטעווען און ווייסט נישט ווו איין און ווו אויס.

עס פֿאַלט צו די נאַכט. איך זאָג צו זיך: אַלץ וואָס איז מעגלעך געווען האָב איך דאָך געטאָן... און ווער אַרומגענומען מיט אַ טיפֿער אומרויִקייט און פֿאַרביטערונג. אַ כּמעט רעזיגנירטער, מידער, אויסגעלאָשענער און פֿאַרצווייפֿלטער קער איך זיך אום אין אָט די נאַכט־שעהען צום סאַראַטאָווער באַן־וואָקזאַל, אָפּ־צוּוואַרטן ווידער דעם זעלבן פֿרימאָרגן־צוג קיין אַסטראַכאַן.

נאָך אַ נאַכט אויפֿן סאַראַטאָווער באַן־וואָקזאַל, אין אָקטאָבער 1941. איך בין זיך מודה, אַז ביז דעמלט איז מיר נישט אויסגעקומען געניט צו קענען דאָס אַזוי־באַרימטע ווערק פֿון דאַנטע „גיהנום״ אָבער איצט, ווען איך לעב נאָך־אַ־מאָל איבער אין מײַן זיכּרון יענע קאָשמאַרנע נאַכט אויפֿן סאַראַטאָווער וואָקזאַל, דערמאָן איך זיך, אַז די פֿאַרגלײַכונגען זענען נישט געווען אַזוי ווײַט... ווײַל וואָס קאָן זײַן שטאַרקער און גיהנומדיקער ווי די נאַכט אויפֿן סאַראַטאָווער באַן־וואָקזאַל? אַ מענטשן־מאַסע, אַ פֿון היימען אַרויסגעוואָרפֿענע, פֿאַרלאָזט משפּחות און לענדער; און ווערן, שטובלאָזע, היימלאָזע, הילפֿסלאָזע לגבי דעם קומענדיקן טאָג, הונגעריקע און דורשטיקע, צעריסענע פֿון אַ זאָאָלאָגישן אינס־טינקטיוון באַגער זיך צו ראַטעווען, צו לויפֿן וואָס ווײַטער פֿון דאַנען. און עס גייט דאָך אין גורל ,אין פֿיזישן כּוח, פֿון די וועמען ס'וועט געלינגען זיך אַרײַנצובאַקומען אין דעם אָנקומענדיקן צוג מאָסקווע־אַסטראַכאַן, אין די גרויע, קאַלטע פֿרימאָרגן שעהען.

אין די פֿרײַע און שפּעטערע אָוונט־שעהען ליגט די אומ־באַוועגלעכע מענטשן־מאַסע, ווי צונויפֿגעוואָרפֿן געפּעק, אין דער־שלאָגענער שטילקייט, מיט דעם איינציקן ווילן אָפּצושטופּן פֿון זיך אויף נאָך אַ ווײַל דאָס וואָס דאַרף קומען. דער גאַנצער דיל פֿונעם וואָקזאַל איז באַדעקט מיט אַ צונויפֿגעפּלאָכטענעם שוואַרצן קנויפּ פֿון אַ מענטשן־מאַסע, וואָס לאָזט נישט איבער קיין שום מעגלעכקייט פֿאַרן עמעצנס פֿוסטריט. און דאָ, אין דעם אַ געפּלאָכ־טענעם מענטשן־קנויל וויל איך דאָס אָפּגעפֿינען די צווייטע העלפֿט פֿון מײַן פֿאַרלוירן־געוואָרענע משפּחה, די סעגאַלס.

איבערגענומען מיט מײַן הייליקער אויפֿגאַבע זיי אָפּצוגעפֿינען, טרײַב איך פֿון זיך מײַן מידקייט און פֿאַרצווייפֿלונג. איך זוך אויך

נישט קיין אָרט פֿאַר מײַן פּעקל געביין ערגעץ־ווו עס אַוועקצולייגן, פֿאַרקערט, איך בין וואַך און באַוועג מײַנע אויגן אין אַלע מעגלעכע ווינקלען. וווהין איך קאָן נישט דערגרייכן מיט מײַן פּוסטריט, דערגרייך איך מיט די אויגן. אָבער אַלע קעפּ און פּנימער פֿון דער קנויל־מאַסע זענען אַראָפּגעלאָזן און אײַנגעגראָבן אין זיך — נישט צו דערקענען קיין מענטשלעכע צורה.

ביז בערך 4 אַזייגער פֿאַרטאָג האָט זיך די דאָזיקע ליגנדיקע מאַסע אין איין אויגן־בליק סטיכיש אַ הייב געטאָן. ס'האָט געזאָלט הייסן, אַז מ'לאָזט שוין אַרויס צום אָנקומענדיקן צוג, הגם עס איז נאָך געווען אַ סך שעהען פֿאַר דעם. אָבער אַלץ האָט זיך מיטאַמאָל צעוויגט. מיט געדראַנג פֿאַרויס, כאָטש קיין פֿאַרויס איז נישטאָ. דערפֿאַר אָבער זענען געווען געשרייען, געוואַלדן, זידלערײַען, געוויינען און ספּאָנטאַנע חלשות־פֿאַלן.

אין אָט די גיהנומדיקע מינוטן האָב איך דערזען די פֿרוי סעגאַל מיטן מאַן, ווי זיי ווערן ממש געטראָגן פֿון דעם געדראַנג און פֿון זייער הילפֿלאָזער אוממאַכט. איך האָב אַ רוף געטאָן: **פֿרוי סעגאַל!** און פֿון איר איז געקומען אַ ספּאָנטאַנישער אויסגעשריי: **חיים!** וואָס האָט פֿאַרהילכט דעם אַרום. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט חלשותדיק, הגם קיין אָרט ווו צו פֿאַלן איז נישט געווען. סעגאַלן האָבן זיך געשטעלט שטיקנדיקע טרערן. עס האָט גענומען מינוטן ביז איך האָב זיך געקאָנט דערנענטערן צו זיי. מיר האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט. די היסטערישע ספּאָנטאַנס פֿון פֿרוי סעגאַל האָבן אַפֿילו אין יענעם גיהנומדיקן געוווירבל געוועקט טיף־מענטשלעכע געפֿילן בײַ דעם אַרום, הגם קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פֿאַר. פֿאַר אונדז אָבער איז דאָס געווען אַ צוריקקומען פֿון יענער וועלט, אַ פֿון דאָס נײַ געבוירן ווערן.

זענען מיר מיט באַנײַטע כּוחות אַרײַן אינעם געראַנגל אויף זיך אַרויסצובאַקומען צום אָנקומענדיקן צוג. קלאָר אַז מײַן זײַן מיט זיי האָט פֿאַרבעסערט די שאַנסן זיך אַרײַנצובאַקומען אינעם צוג, און ווען מיר האָבן זיך, נאָך שווערע שעהען פֿון ביטערן געראַנגל, געפֿונען אין באַן־וואַגאָן, און אײַנגעאָרדנט אונדזער פּליטים־פֿאַרמעג אויף די פּאָליצעס און זיך אַוועקגעזעצט פּנים אל פּנים מיט

דער פרוי סעגאַל, האָט זי מיך ווידער אַרומגעהאַלדזט און געהאַלטן אין איין שרײַען, אַז מיר וועלן זיך מער אין לעבן קיינמאָל נישט צעשיידן !...

לײדער אָבער האָבן די לעבנס־געשעענישן זייער גאַנג און זייער אַנטוויקלונג, וואָס קרייצן איבער נישט איין מאָל די פֿײַערלעכע צוזאָגנס און ווילנס. מיר האָבן זיך טאַקע נישט צעשיידט, אָבער די ק.ג.ב. האָט אונדז צעשיידט און צעשיידט אויף אַ סך שווערע און ביטערע יאָרן. נאָר דערווײַל האָבן אונדז די באַן־רעדער אײַנגעוויגט אין פֿאַרפּלאָנטערטע און נישט־פֿאַר־שטאַנענע חלומות. אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען קיין אַסטראַכאַן. געטראָפֿן מײַן פרוי רבקה מיט די קינדערלעך. מיר האָבן אונדזער ביסל „וויעשטשעס" פון באַן־וואַגאָן אַרײַנגעטראָגן אין באַן־וואָקזאַל און צוריק פֿאַראייניקט אונדזער משפחה מיט אונדזער פליטימדיק פֿאַרמעגן.

אַסטראַכאַן, דער ייִדישער טרערן־אינדזל
האַרבסט 1941

אונדזערע קאַשמאַר־איבערלעבונגען אויפֿן וועג קיין אַסטראַכאַן און אונדזער ענדלעך דערגרייכן איר גאַסן־ברוק, זענען געווען ביישפּילן און סימבאָלן פֿאַר דעם, וואָס דערוואַרט אונדז דאָרט.

פֿאַראַן מענטשן וואָס פֿרעגן: פֿאַר וואָס גראַד אַסטראַכאַן?... איז אויב מ׳זאָל מיך פֿרעגן האָב איך אויף דעם קיין ענטפֿער נישט. צופֿעליק. ס׳האָט אַהין געצויגן. דאָס זעלבע וואָלט מען געקאָנט פֿרעגן וועגן יעדער אַנדערער שטאָט צי אָרט, וואָס מיר וואָלטן אויסגעקליבן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן. אַז דער אופֿן פֿון באַפֿרייען אונדז פֿון די לאַגערן, האָט געמיינט: אַרויסוואַרפֿן אונדז אויף אייגענער הילפֿלאָזיקייט און הפקרקייט.

אַז מיר זענען אַראָפּ פֿונעם באַן־וואַגאָן אין אַסטראַכאַן, איז שוין מײַן פֿרוי מיט די קינדער געזעסן אין וואָקזאַל און געוואַרט אויף אונדזער קומען, נאָר כּדי מיר זאָלן זיך ערגעץ וווּהין דער־ראַטעווען. מיר זאָלן געפֿינען אַן אָרט ווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן פֿון דער אַזוי אויסגעמאַטערטער וואָגלונג, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון סיביר ביז אַסטראַכאַן. די פֿרויען מיט די קינדער אונדזערע לאָזט מען נאָך ווי נישט איז אויך אין די נעכט פֿאַרבלייבן אינעווייניק אויפֿן וואָקזאַל. אונדז, די מענער, טרייבט מען פֿון דאָרט אַרויס. בײַנאַכט בלײַבן מיר אונטערן פֿרײַען הימל וואַרטן אויפֿן אָנקומענדיקן טאָג, כּדי צו לאָזן זיך אין שטאָט אַרײַן זוכן, נישטערן, ווי אַזוי צו ראַטעווען אונדזערע פֿרויען און קינדער און זיך אַליין. צען טעג האָבן מיר — איך און סעגאַל, טאָג אײַן, טאָג אויס, אויסגעגאַנגען די גאַסן, געזוכט און באַזוכט וואַרשטאַטן און פֿאַבריקן, ערגעץ־ווּ צו געפֿינען אַרבעט און צוזאַמען דערמיט אויך אַ פּיצל מקום ווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. נאָך יעדן אַזאַ טאָג

האָבן מיר זיך אין אָוונט צוריקגעקערט צום וואָקזאַל אויף צו דערציילן אונדזערע פרויען וועגן אונדזערע נישט־דערגרייכונגען. קלאָר, אַז מיט יעדן אַוועקגייענדיקן טאָג, נאָך מער — די נאַכט, איז געוואָרן אַלץ שווערער און ביטערער די לאַגע. די פאַרצווייפ־לונג, די פאַרביטערונג איז געוואַקסן. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַן אַנדערטהאַלבן וואָכן. דעם לעצטן פרימאָרגן האָבן די פרויען שוין מיט די לעצטע כּוחות אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן נישט צוריקקומען ביז מיר וועלן נישט געפינען עפּעס וואָס, כּדי זיי פון דאַנען אַוועקנעמען.

האָט אונדז אין דעם טאָג אָפּגעגליקט צו געפינען דעם שיף־רעמאָנט־זאַוואָד א.נ. פון קאַרל מאַרקס, אויף דער באַבאַיעוו־גאַס נר. 12, און דער זאַוואָד האָט געהאַט אַן איין גרויס־צימערדיקע „אָבשטשע־זשיטיע״ (צוזאַמענוווינונג) פאַר אַ טייל פון אירע אַרבעטער. איז אונדז געלונגען צו באַקומען די דערלויבעניש פון דער פרוי פון אָטדיעל קאַדראָוו (אַרבעטס־אַמט), אַז מען זאָל אונדז נאָך הײַנט אַהין אַרײַנלאָזן, טראָץ דעם, וואָס מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן צו דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן.

מיר האָבן פאַרלאָזט די 10טאָגיקע „אכסניה״ אויפן אַסטראַ־כאַנער באַן־וואָקזאַל, זעענדיק אונדזער רעטונג אין דער איינצי־מערדיקער פאַבריק־צוזאַמענוווינונג. עס האָבן זיך דאָרט שוין געפונען נאָך 12 פאַבריק־אַרבעטער, וואָס האָבן דאָרט געוווינט. צוזאַמען זענען מיר איצט דאָרט געווען 18 נפשות און צווישן זיי — די קינדער. פאַר די אַרבעטער איז דאָס געווען זייער רו־אָרט נאָך די הונגעריקע און פאַרזאָרגטע אַרבעט־טעג, — האָבן זיי דאָרט באַדאַרפט האָבן רו, איז זי אָבער, ליידער, דורך אונדזערע קינדער אָפט געשטערט געוואָרן. צום לויב פאַר די מיטוווינער — אַלע נישט־ייִדן, — דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז זיי האָבן אונדז נישט געטרודפט דערפאַר, אָבער מיר האָבן זיך געפילט שולדיק לגבי זיי און אונדזער געוויסן איז געווען באַלאַסטעט. אונדזער לאַגע איז אָבער נישט געווען די ערגסטע. ווען מיר האָבן דאָך עפּעס־וואָס געפונען וואָס האָט אונדז פאַרשטעלט מיט אַ דאַך און מיט פיר ווענט, זענען צענדליקער טויזנטער ייִדן, באַפרײַטע

פון די לאַגערן, וואָס האָבן זיך לענג־אויס דעם 3 טויזנט קילאָ־מעטערדיקן וואָלגע־ברעג דערשלעפּט מיט באַרזשעס און שיפלער ביז דעם „17טן פּריסטאַן" אין אַסטראַכאַן זענען דאָ געווען ווי אויפן עולם התוהו.

דער „17טער פּריסטאַן" אין אַסטראַכאַן איז במשך די האַרבסט־און ווינטער־חדשים פון 1941/42 געוואָרן דער בית־הקברות פאַר טויזנטער קרבנות. עס איז נישט צו פאַרשטיין, פאַר וואָס די מוראדיקע טראַגעדיע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם טרויער־אינדזל אַסטראַכאַן, איז ביז איצט אַזוי ווייניק אָדער אין גאַנצן נישט באַשריבן. איך וויל נישט אָנרופן קיין ציפערן — אָבער איך ווייס, אַז צענדליקער טויזנטער זענען זיי געווען, די וואָס זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויפן אַסטראַכאַנער ברעג און געבליבן דאָרט חדשים לאַנג אונטערן פרייַען הימל, הפקר פאַר די קאַלטע ווינטן, רעגנס און שנייען און אויסגעגאַנגען דאָרט פון הונגער. אמת, דאָס זענען געווען די שווערסטע חדשים פון דער אַלגעמיינער עוואַקואַציע פון דעם אייראָפּעישן טייל פון ראַטנפאַרבאַנד. אָבער אַסטראַכאַן האָט, ווי עס ווייזט אויס, געהערט צו די גאָרנישט צוגעפּאַסטע ערטער מיט איר אויפנעמ־פעיִקייט פאַר עוואַקויִרטע. קודם כל איז דאָך אַסטראַכאַן, אין זין פון מלוכהשער באַשפּײַזונג, געווען אַ הונגער־שטאָט, אַפילו נעמענדיק אין באַטראַכט די אַלגעמיינע באַשפּײַזונג־נאָרמע. די לאָקאַלע מאַכט אין שטאָט איז געווען דעזאָרגאַניזירט. דער עטנישער באַשטאַנד פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער: קאַלמיקן, טאַטאַרן, רוסן א"א. און דאָס אַלץ — ביזן אויסברוך פון דער מלחמה. איז דאָך אין דעם אָנלויף פון דער מלחמה־צייט צוגעקומען נאָך מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער. די פאַרברעכערישקייט אין שטאָט איז אויך נישט געווען קיין קליינע. פאַראַן אַפילו אַ זאָג דאָרט „אַסטראַכאַנסקי זשוליק". די שטאָט איז פון איין זײַט אַרומגערינגלט מיט די קאַלמוצקע סטעפּעס, וואָס דאָס באַשטימט אויך איר אָרעמקייט, און פון דער צווייטער זײַט — דער אויסגוס צום קאַספּישן ים. אַזוי, אַז אין יענע טעג האָט אַסטראַכאַן געהערט צו די טופיק־ערטער — אָן אַן אויסגאַנג פון איר. אַלץ וואָס דער

באַן־און וואַסער־פּאַרקער האָט געבראַכט אַהין איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם אויסגאַנגלאָזן טופּיק.

איך קען נישט די געשיכטע פֿון „17טן פּריסטאַן". איך ווייס אויך נישט, צי זענען געווען און ווּ זיי זענען געווען, די אַנדערע 16 פּריסטאַנס אויף דער וואָלגע אין אַסטראַכאַן, — אָבער דער 17טער פּריסטאַן איז געווען איינער פֿון דעם וואַסער־פּאַרקער אויף דער וואָלגע, וואָס נאָר אַ טייל איז געווען פֿאַרדעקט מיט אַ דאַך. נאָר מענטשן זענען געווען דאָרט פּילפּאַכיק מער, ווי דער דאַך האָט געקאָנט צודעקן. און דאָ האָבן אונדזערע מענטשן וואָכן און חדשים געהונגערט, געפֿרירט, געקרענקט און געשטאָרבן. יעדע נאַכט האָבן זיך דאָרט געהערט געוויינען און געשרייען פֿון אויסגייענדיקע משפּחה־מענטשן.

אין **דער** שטאָט און אין **דעם** אָרט זענען אויך פֿאַרגעקומען צופֿעליקע באַגעגענישן פֿון באַקאַנטע, נאָענטע און אַפֿילו משפּחה־מענטשן, וואָס האָבן זיך אין איין אויגן־בליק אָפּגעפֿונען אין דעם נישט זעבאַרן מענטשלעכן לאַבירינט. אויך איך האָב אין אַזאַ צופֿעליקער באַגעגעניש אָנגעטראָפֿן מײַן גאָר נאָענטן יונגט־חבֿר שלמה וואָראָנסקי. זײַן ברודער, יאַנקל, זייער שוועסטער — זיי זענען געווען אײַנגעגלידערט אין אַ גרעסערע גרופּע פֿון משפּחה, קרובֿים, נענטערע און ווײַטערע, אויך אין פֿאַרשיקונג איז דער משפּחה געלונגען זיך צו האַלטן צוזאַמען. און דאָ זענען זיי אַלע געווען אויסגעבעט אונטערן פֿרײַען הימל פֿון אַסטראַכאַנער 17טן פּריסטאַן, מיט דער גאַנצער שרעקלעכער פּײַן. ס'איז שווער איבערצוגעבן אונדזער ערשטע צופֿעליקע טרעפֿונג און באַגעגעניש. בעת מיר, וווינען אין דער וצימער „אַבשטשעזשיטיע", מיט די קינדער, מיט די פֿאַבריקס־אַרבעטער, און זיי זענען אויסגעשטעלט אויף די קאַלטע ווינטן, רעגנס און שנייען פֿון אַ באַוואַסערטן אַרום.

ווי אַזוי דערציילט מען דאָס איצט? מיר האָבן צו ביסלעך זיי אָנגעוואָרעמט אין אונדזער כאַטע. די ברידער וואָראָנסקי, זייער שוועסטער. אַ ביסל שפּעטער איז שלמה קראַנק געוואָרן — ער האָט נישט געטאָרט ווײַטער בלײַבן אויפֿן גאַס. מיר האָבן אים

געגומען צו זיך, האַלב לעגאַל, אַוועקגעלייגט אים אויף מײַן אָרט און איך אונטערן בעטל, ביז ער איז צוריק אַ ביסל געקומען צו זיך און אַוועק אין זײַן אָפּענער „היים". שפּעטער האָט זיך דאָס איבערגעחזרט מיט זײַן ברודער יאַנקל, — דאָס מאָל פּיל שאַרפּער און געפערלעכער. ער איז אַרײַן אין שפּיטאָל, דאָרט זיך געראַנגלט פאַרן לעבן, — אַרויס אַן אָפּגעשוואַכטער, הילפלאָז, און נישט געקאָנט און נישט געהאַט וווּהין צו גיין. זײַן משפחה האָט מען שוין געהאַט איבערגעשיקט אין אַ קאָלכאָז. איז ער אָנגעקומען אין אונדזער „אָבשטשעזשיטיע" אויף „דערהאָלונג"... שפּעטער, זיך קוים דערשלעפּט צו זײַן משפחה אין קאָלכאָז.

מיר אַליין האָבן זיך געראַנגלט אין גאָר שווערע, מאַטערנדיקע באַדינגונגען. אונדזער אַרבעט אויף דעם שיף־רעמאָנט־זאַוואָד אין געווען מיט אַזאַ הונגער־באַשפּײַזונג, וואָס האָט אונדז ממש דערפירט צו פאַרצווייפלונג. באַזונדערס דער מצב פון די קינדער — מיר האָבן נישט געהאַט פאַר זיי דעם ווייניקסטן מינימום. פון אַלע מײַנע יאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד אויף דער פרײַ, האָלט איך די צײַט פון זײַן אין אַסטראַכאַן פאַר די צומערסטן הונגעריקע. איך מיין אויך, אַז דאָס, וואָס די שטאָט האָט נישט געהאַט קיין שווער־אינדוסטריע, וואָס האָט דעמלט געאַרבעט פאַרן פראָנט, האָט אויך פאַרקלענערט אירע שאַנסן אין דעם אַלגעמיינעם מלוכהשן באַשפּײַזונג־סיסטעם. מיט איין וואָרט: אונדזערע לעבנס־באַדינגונגען זענען געווען גאָר שווערע און אונדזער געמיט־צושטאַנד — נאָך שווערער. עפּעס בין איך באַהערשט געוואָרן פון אַ געדאַנק, וואָס האָט מיך פאַרפאָלגט, אַז מיר גייען אַנטקעגן אַן אומגליק.

דער פאָרויסמאַרש פון דער דײַטשישער אַרמיי, און איר אָנגריף צו פאָרסירן די וואָלגע, האָט אויך געשאָפן מלחמה־פּאַניק אין אַסטראַכאַן. הגם דער פראָנט האָט זיך נאָך דאַן געפונען פאַר־העלטנישמעסיק גענוג ווײַט, — האָבן אויך די מאַכט־אָרגאַנען אין שטאָט זיך געוואָלט באַפרײַען פון די „נישט זיכערע עלעמענטן", האָבן זיי אויף אונדז געקוקט, אויף די אַלע אַרײַנגעקומענע, „געוועזענע פּוילישע בירגער", ווי זיי האָבן אונדז טיטולירט, גאָר

קרום, זיי זענען אָבער געווען אין גאַנצן אוממעכטיק און נישט פעיִק אויף עפּעס אַן אָרגאַניזירטן אופן זיך צו אונדז אַ נעם צו טאָן.

איך בין געווען איבערצײַגט, אַז מיר דאַרפן פאַרלאָזן אַסטראַכאַן וואָס פריִער, וווּהין עס זאָל נאָר נישט זײַן, און איך האָב זיך ממש געריסן דערצו מיט אַ ווילן צו אַנטלויפן ווי פון עפּעס אַ געפאַר, וואָס גייט אונדז אַנטקעגן. ווען איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט מײַן פרוי, און מיט די סעגאַלס, אַז מיר דאַרפן פאַרלאָזן אַסטראַכאַן, האָט אין מײַן רבקהן ווידער אויפגעלעבט דאָס נאָר־וואָס דורכ־געמאַכטע אויפן וועג אַהער: די הפקרדיקע היימלאָזיקייט אויף די וואָקזאַלן און דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט ביז צום אַרײַנקומען אַהער, אין אַט דער כאַטע. אַזוי, אַז כ׳האָב פון איר דערהערט דעם פאַטאַליסטישן זאָג: איך וועל פון דאַנען נישט אַרויס. כ׳האָב נישט ווּהין... און הגם איך האָב זי גוט פאַרשטאַנען, האָב איך דאָך געפילט, אַז דאָ גייען מיר אַנטקעגן עפּעס שלעכטס, וואָס קאָן מיט אונדז געשען. פאַר דער צײַט האָבן מיר באַוויזן אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט אַ טייל פון די חברים, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אויפן וועג צעשיידט. דאָס זענען געווען די נײַמאַנס, מיט פעלע צעלעמענסקי און מישאַ מיט וולאָדעק שער. זיי האָבן זיך געפונען אין דער געגנט פון פּענזע און געראָטן אונדז מיר זאָלן קומען צו זיי. איך האָב אויך באַקומען אַנדערע דערמוטיקונג־בריוולעך, אַפילו אַ טעלעגראַמע פון אַמעריקע. בײַם אָפּנעמען די טעלעגראַמע אויף דער פּאָסט האָט מען מיך אַרעסטירט, געבראַכט אין דער אָרטיקער מיליץ; האָט דער קאָמענדאַנט פון מיר געפאָדערט איך זאָל זיך אונטערשרײַבן, אַז אין משך פון 24 שעה פאַרלאָז איך אַסטראַכאַן. איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין גרייט דערצו, צוזאַמען מיט מײַן משפחה, נאָר ער זאָל מיר געבן וווּהין און מיט וואָס צו פאָרן. איז זײַן ענטפער געווען: דו האָסט בײַ מיר נישט געפרעגט ווי אַזוי אַהערצוקומען, קאָנסטו בײַ מיר נישט פרעגן ווי אַזוי אַרויסצופאָרן...

מען האָט מיך גלײַך באַפרײַט, אָבער אָנגעזאָגט, אויפצומאַרגנס צו פאַרלאָזן אַסטראַכאַן. ערשט דעמלט האָבן מיר נאָך מער ווי

פריִער דערפילט, די אויסגאַנגלאָזיקייט פון דער שטאָט, אין וועלכער מיר געפינען זיך.

אין די ווינטער־חדשים פאַרפרירט די וואָלגע און דער וואַסער־פאַרקער ווערט אָפּגעשטעלט. קיין פאַרבינדונג מיטן קאַספּישן ים איז בכלל נישטאָ. בלײַבט נאָר דער איין־און־איינציקער באַן־צוג, איין מאָל אין מעת־לעת, אַסטראַכאַן — מאָסקווע. איז ווער קאָן אויף דעם רעכענען און ווער קאָן עס דערגרייכן?

האָבן מיר זיך דעריבער דערפילט ווי אײַנגעקלעמט, אָן אַן אויסגאַנג פון דער לאַגע. אונדזער מ׳שטיינס געזאָגט לעבן און אויפהאַלט איז געווען אין גרויסן ביטערן געראַנגל פאַר יעדער שעה אין טאָג. צוליב דער קראַנקייט פון מײַן פרוי — איין קינד נאָך אַ זויגלינג, — האָט מען זי גענומען אין שפּיטאָל אַרײַן און אונדזער לאַגע האָט זיך קאַטאַסטראָפאַל געביטן. די ערשטע טעג אין שפּיטאָל זענען נאָך נישט געווען געפערלעך, אָבער דערנאָך האָט זיך די לאַגע פאַרערגערט, זי האָט געקראָגן אַ גאָר הויכע טיפוס־טעמפּעראַטור. אין איינער פון די שפּעטע אָוונט־שעהען, בײַ איר שוין נישט־קלאָרן באַוווסטזײַן, האָט זי מורמלדיק געבעטן מ׳זאָל היטן די קינדער. אויפן 9טן טאָג פון איר זײַן אין שפּיטאָל האָט זי דעם 17טן אַפּריל 1942, קוים אין איר 30סטן לעבנס־יאָר, פאַרענדיקט איר קוים אָנגעהויבן יונג לעבן. אַזוי אוממענטשלעך ווי ס׳זענען געווען די לעבנס־באַדינגונגען דאָרט, אַזוי אויך זענען געווען די באַדינגונגען פון דער קבורה. ווער ווייסט עס גלייבן?... ווען איך בין אין דעם פרימאָרגן געקומען דעמאָלט אין שפּיטאָל און די שוועסטערס האָבן אויסגעמיטן דעם ענטפער אויף מײַן פראַגע... זענען נישט צו באַשרײַבן די שעהען ביז איך האָב זיך דערוווּסט און אָפּגעזוכט דעם טויטן קערפּער.

כ׳געדענק מײַן לעצטן בליק אויף איר. כ׳בין אַרויס פון שפּיטאָל אַ צוזאַמענגעבראָכענער. איך ווייס און געדענק, אַז איך האָב גערעדט צו זיך אַליין הויך אויפן קול, אויסגערעדט מײַן וויי און פּײַן. פאַר דער צײַט ווי איך געדענק זיך, האָב איך אין מײַן לעבן אַ צוויי מאָל געוויינט; דאָס ערשטע מאָל — ווען איך בין אַרויס

פון שפיטאָל, און דאָס צווייטע מאָל, — ביים אונטערשרייבן מיין באַשולדיקונגס־אַקט.

צו אונדזער גרויסן צער האָבן מיר אַליין — איך מיט סעגאַלן, — געמוזט זיין די וואָס זאָלן דורכפירן דעם גאַנצן קבורה־אַקט. באַקומען אַ פערד־און־וואָגן פון דער אַרבעט, גענומען פון שפיטאָל דעם מת, דורכגעפאָרן אונדזער לעבעדיקע קבורה־ווײנונג, פאַרהאַלטן זיך... די פרוי סעגאַל האָט אַרויסגעפירט די קינדער צו דער אייביקער צעשיידונג. מיר ביידע זענען אַוועק מיט דער עגלה אויפן בית הקברות, וואָס איז דאָרט אַן אַלגעמיינער, מיט באַזונדערע אָפּטיילונגען פאַר רוסן, טאַטאַרן און יידן. אַליין געגראָבן דעם גרוב און אויך דאָס איבעריקע אַליין דורכגעפירט. כ'האָב אויך דאָ אויפן קול עפּעס געזאָגט. איך האָב זיך אַפילו צוגעזאָגט, צו קומען אַהער אויפן קבר, פון ווו איך וועל זיך נאָר געפינען. ליידער אָבער איז דער גאַנג פון דער צייט געווען אַנדערש.

נאָך דעם אומגליק איז געפאַלן דער באַשלוס פאַר יעדן פּרייז צו פאַרלאָזן אַסטראַכאַן, און וואָס שנעלער. וווהין און ווי אַזוי? דער וווהין האָט געהאַט אַן ענטפער: דאָרט ווו עס געפינען זיך אונדזערע נאָענטע חברים, די נײַמאַנס און די שערס. דער ווי אַזוי? — איז געווען אָן אַן ענטפער. וועגן זיך דאַרף איך זאָגן, אַז הגם כ'בין געווען צעבראָכן און דערשלאָגן, בין איך אָבער געווען פאַרעקשנט אין דעם ווילן צו פאַרלאָזן אַסטראַכאַן.

איך בין אַ סך טעג געגאַנגען צום באַן־וואָקזאַל, געשטאַנען אין רייען צו באַקומען בילעטן און יעדעס מאָל זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט. דאָס איז מן־הסתם געווען אין די ערשטע טעג מאַי 1942. איך בין ווידער אַוועק אויפן וואָקזאַל, געשטאַנען אין דער ריי — דער 93סטער. אין אַ געוויסן מאָמענט איז געוואָרן אַ לופט־אַליאַרם, מיט אַן אָנגריף פון דײַטשישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען. אַלץ און אַלע זענען זיך צעלאָפן אין די שוץ־גרובן. איך בין געבליבן כמעט אויפן זעלבן אָרט, אין גאַנצן גלײַכגילטיק צו דער באָמבאַרדירונג. ווי נאָר דער אַליאַרם איז אָפּגערופן געוואָרן האָב איך באַוויזן צו זיין דער 7טער אין דער ריי צו דער קאָסע. עס

זענען נאָך געבליבן אַ סך שעהען צום עפענען די קאַסע, אָבער אָן שום זיכערקייט, אַז איך וועל די בילעטן באַקומען. ווען עס איז דערגאַנגען צו מיר — איך בין געווען באַזאָרגט מיט פּאַפּירלעך וועגן מײַן פאַמיליע־צושטאַנד, — האָב איך באַקומען 3 בילעטן און בין אַוועק אַהיים מיט דער גרויסער דערגרייכונג, אַז ענדלעך רײַסן מיר זיך אַרויס פון דעם שרעקלעכן טרערן־אינדזל, וואָס רופט זיך אַסטראַכאַן, איבערלאָזנדיק דאָרט אין דער ערדישער אייביקייט דאָס טײַערסטע און נאָענסטע פון אונדזער יונגער משפּחה, — די פרוי און מוטער — רבקה.

די בערך 8 חדשים פון אונדזער זײַן אין אַסטראַכאַן געהערן אַזוי אַרום, צו די קאַטאַסטראָפאַלע חדשים פון אונדזער זײַן אָדער נישט־זײַן אין יענע טעג...

דערווײַל האָט זיך אונדזער לעבן אין די ערשטע טעג אַזוי אײַנגעשטעלט, אַז פרוי סעגאַל איז געוואָרן פאַר די קינדער אַ מוטער. מיר זענען אַוועק אַהין, ווו עס האָט זיך געפונען אַ גרופּע משפּחה־לײַט פון אונדזער פאַרשיקונגס־לאַגער קורעניאָווא. אַ טייל פון די מיט וועמען מיר האָבן צוזאַמען געלעבט אין דער קאָמונע דאָרט, און נאָך אַנדערע, גאָר נאָענטע פרײַנד. געווען איז עס אַ ראַיאָן־שטעטל מיטן נאָמען באַראַנאָווקאַ, וואָס האָט זיך געפונען צווישן פּענזע און סיזראַן, בערך אין האַלבן וועג צווישן אַסטראַכאַן און מאָסקווע. מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס איז געווען ווײַט אַוועק פון דער פראָנט־ליניע, ניין. מיר זענען אַריבערגעפאָרן אַהין, ווו מיר האָבן געהאַט צו וועמען אַרײַנצוגיין, און ווו איך האָב געקאָנט דערוואַרטן הילף בײַם זיך מטפּל זײַן מיט די קינדער.

אין דעם ראַיאָן־שטעטל באַראַנאָווקע, אָדער אַרום אין די קאָלכאָזן, זענען שוין געווען די עטלעכע משפּחות באַשעפטיקט בײַ אַרבעט, בײַ וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. אויך איך מיט סעגאַלן האָבן גלײַך באַקומען אַרבעט און אין ענין דערנערונג איז אונדז געוואָרן אומפאַרגלײַכלעך בעסער, — אויך ווו צו זײַן און ווו צו וווינען, איז אונדז איצט דערמעגלעכט געוואָרן. מיר האָבן באַקומען אַ דאָרפישע כאַטע, גלײַך מיט אַנדערע, און מיר, — די קינדער, די סעגאַלס, און איך — האָבן געפילט די אויפזיכט

און זאָרג פון די אַרומיקע צו אונדזער מצב. אַפילו די דאָרפישע פרויען, וואָס האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם וואָס ס׳איז ביי אונדז געשען, האָבן אַרויסגעוויזן פיל גרייטקייט און פאַראינטערעסירונג, אונדז אַנטקעגן צו קומען.

דאָ זענען מיר צוריק אַריין אין אַ גרופּע פון גאָר נאָענטע פריינד, וואָס האָבן זייער שווער איבערגעלעבט און מיטגעלעבט מיין צער און פאַרלוסט. געוואָלט מיט אַלץ וואָס נאָר מעגלעך איז מיר העלפן. ווי שוין דערמאָנט זענען צווישן זיי געווען די ניימאַנס, מיט פעלען, די שערס און די גרונדלאַנדס. עס האָבן זיך אויך אַהין דערקליבן דריי משפחות אַפּשטאַמיקע פון בענדין: מאַטעק גאָלד מיט זיין פרוי און קינדער — אַ זייער בכבודיקע און אינטעליגענטע משפחה, מיט וועמען מיר האָבן שפּעטער געטיילט דעם גורל. די אַנדערע צוויי: ראַווינסקי און פאַראַסאָל, אַ לאָדזשער וועבער מיט זיין פרוי, די בער׳ס, און די פאַמיליע קאַפּראָווסקי פון וואַרשע. זיי אַלע זענען שפּעטער געוואָרן די העלדן פון אַ „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד״, וועגן וועלכן ס׳וועט נאָך דערציילט ווערן.

פעלע ניימאַן־צעלעמענסקי האָט גענומען אויף זיך אַ טייל פון דעם אָפּגעבן זיך מיט מיינע קינדער. זי איז געווען פון די יונגע צווישן אונדז און איז גרייט געווען אַ סך ביי צוטראָגן ביים פאַרנעמען זיך מיט די קינדער.ליידער האָט איר הילף לאַנג נישט געדויערט. אויך זי האָט פאַרענדיקט איר יונג לעבן אין רעזולטאַט פון די נישט־מענטשלעכע מעדיצינישע און סאַניטאַרע באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳איז אונדז אויסגעקומען צו לעבן. זי האָט באַקומען אַ פאַרגיפטונג פון אַ נישט־געלונגענעם אַבאָרט און טראַגיש פאַרענדיקט איר יונג לעבן, אין דער וויסטער פיינטלעכער פרעמד.

אין ווייניקער ווי פון אַ האַלב יאָר האָבן מיר געהאַט נאָך אַ קרבן צווישן אונדזערע נאָענטע פון דער גרופּע.

די פאַרוואָרפנקייט אינעם דאָרפישן לעבן האָט נישט אָפּגעשוואַכט אויף אַ האָר אונדזער פאַראינטערעסירטקייט און דאָס מיטלעבן דעם גאַנג פון די געשעענישן אין דער אויסערלעכער וועלט. פאַרקערט, עס האָט געררייצט דעם ווילן צו וועלן וויסן

וואָס מער ווי עס איז צו אונדז דערגאַנגען אין דאָרף. דאָס איז טאַקע געווען דער ציל פון אונדזער רייזע, וואָס איך מיט פּישקע נייַמאַן האָבן אונטערגענומען אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער 1942, צו דערשלאָגן זיך קיין קאָבישעוו, כּדי דאָרט זיך צו דערוויסן, ווי עס האַלט מיט אונדז, און אויך לאָזן וויסן דאָרט וועגן אונדז.

געווען איז דאָס אַ רייזע מיט פיל סורפּריזן און אומאָנ־געגעמלעבקייטן, דערוואַרטע און אומדערוואַרטע. אַז מיר האָבן זיך דערשלאָגן קיין קאָבישעוו, איז אַ שטאַרק פּראָסטיקער נאַכט, האָבן מיר נישט געהאַט ווו אַ טיר צו עפענען. מיר האָבן זיך אויך באַדאַרפט אויסהיטן פון אַן אַרעסט — נישט האָבנדיק קיין דאָקומענטן. דאָך האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו דער פּוילישער אַמבאַסאַדע, אויך אין ז.פּ.פּ. — און טאַקע זינט דעמלט האָבן מיר איינגעשטעלט אַ געוויסע פאַרבינדונג. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער דראַנג און דער ווילן פון די יינגערע צווישן אונדז אַרויסצוקריגן זיך פון דער דאָרפישער פּאַסיוקייט, צו דעם אַקטיוו־גורלדיקן געראַנגל.

מיטן אָנקומען פונעם יאָר 1943 האָט זיך אָנגעהויבן דער נייַער פאַרשאַרפטער קורס קעגן דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן. מיר האָבן דאָס באַלד דערפילט מיט דער נייַער פּאַספּאָרטיזאַציע, וואָס איז ווידער אַ מאָל אָנגעוואָרפן געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד, אויף די „געוועזענע" פּוילישע בירגער.

ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען אין אונדזער ראַיאָן?

אַלע זענען מיר גערופן געוואָרן צו דער אָרטיקער נ.ק.וו.ד.־ מיליץ. דאָרט האָט מען בייַ אונדז צוגענומען די באַשטעטיקונגען — אודאָסטאָווערעניעס — ווי געוועזענע פּוילישע בירגער, און געהייסן אונדז זיך אונטערשרייַבן אויף אַ שוין צוגעגרייטן סאָוויעטישן פּאַס. דערבייַ האָט די נ.ק.וו.ד. גוט מאַניפּולירט, — פריִער גערופן די, וועלכע זיי האָבן געוווּסט אַז בייַ זיי וועט דער ווידערשטאַנד זייַן קלענער, אָדער אין גאַנצן נישט. און אַז עס איז געקומען צו אונדז — האָט אַ טייל פון אונדז זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען סאָוויעטישע פּעסער. צו אָט דער גרופּע האָבן געהערט: די ברידער נייַמאַן, גרונלאַנד, בער און איך.

אַז מיר זענען אַרויס פון צימער ווי דער נ.ק.וו.דיסט האָט אונדז צוגענומען דעם איינציקן דאָקומענט וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט געהאַט, די „אודאָסטאָווערעניע", איז ביים אַרויסגאַנג פון צימער געשטאַנען אַ מיליציאָנער און געפרעגט ביי יעדן אויף אַ דאָקומענט. מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מיר האָבן נאָר־וואָס אָוועקגעגעבן אונדזערע דאָקומענטן...

— „יאַ ניטשעוואָ ניע זנאַיו" — איך ווייס גאָרנישט, דו ביסט אַרעסטירט פאַר נישט האָבן קיין דאָקומענט, וואָס זאָל באַשטעטיקן דיין רעכט דאָ צו וווינען!

און מיר, די אַלע וואָס האָבן אָפּגעזאָגט צו נעמען די פּאַספּאָרטן, זענען איינגעזעצט געוואָרן אין דער אָרטיקער טורמע.

אין משך פון די טעג האָט די נ.ק.וו.ד. געפּרוּווט דורך די וואָס האָבן יאָ גענומען די סאָוויעטישע פּעסער, — מיט פאַרשידנסטע טריקס אָנוואַרפן אויף אונדז אָדער אויפצווינגען אונדז דאָס נעמען. אַזוי ווי די סעגאַלס האָבן געהאַט גענומען — און די נ.ק.וו.ד. האָט גוט געקענט און געוווּסט די פאַרהעלטענישן צווישן אונדז, האָבן זיי אַרויסגערופן די פרוי סעגאַל און איר געמאָלדן, אַז אויב איך וועל נישט נעמען קיין פּאַס, וועל איך, צוזאַמען מיט די אַנדערע, מאָרגן אָפּגעשיקט ווערן אין ראַיאָן און מיינע קינדער וועלן צוגענומען ווערן פון איר און אָפּגעשיקט ווערן אין „דיעטדאָם" (קינדער־הויז) פאַר יתומים. ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין און זיך פאַרצושטעלן ווי דאָס האָט געווירקט סיי אויף די אין דרויסן און סיי אויף אונדז אין טורמע. און אַזוי ווי מיר האָבן געוואָלט, אַז אונדזער ענטפער זאָל זיין אַ סאָלידאַרער, האָבן מיר אַלע באַשלאָסן דעם קאַמף אויפצוגעבן, און מיר זענען באַפריַיט געוואָרן ביז צום נאָענטסטן מאָל.

דער אָנהייב פון פאַרוואַנדלען די פּוילישע בירגער אין סאָוויעטישע, איז שוין דעמלט געווען דער אָנהייב פון סאָוויעטיזירן אָדער קאָמוניזירן דאָס נאָכמלחמהדיקע פּוילן. צו דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד די פּוילישע אַרמיי פון וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ און אַנדערע, כּדי צו בילדן אַ צווייטן מיליטערישן כּוח צו דעם וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די

פריִערדיקע אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס. אַוודאי האָבן די יונגע און מיליטער־פעיִקע צווישן די פּוילישע ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד געוואָרט, געלעכצט נאָך אַ מעגלעכקייט אַנטייל צו נעמען אין אַקטיוון דינסט, כּדי צו דערפירן צו דער היטלעריסטישער מפּלה. דערצו נאָך, — די לאַקנדיקע פּראָפּאַגאַנדע און פּראַזעאָלאָגיע וועגן אַ פריַיהייטס־אַרמיי, וועלכע וועט פאַרזיכערן דאָס אויפקומען פון אַ נײַע פּוילן, מיט גלײַכע רעכט און פריַיהייט פאַר אַלע, און אַוודאי אויך פאַר ייִדן. וואָס נאָך האָט געקאָנט אַזוי רייצן און אַפּעלירן צו אונדזערע צעוויטיקטע געמיטער פון יענע טעג, בײַ אונדזער פיזישער און גײַסטיקער דערשלאַגנקייט? האָבן זיך צו אָט דער אַרמיי געריסן און געצויגן אַלע די וואָס האָבן נאָר געהאַט די מינימאַלסטע פעיִקייטן און שאַנסן אָנגענומען צו ווערן. ווער שמועסט נאָך די, וואָס צווישן אונדזער גרופּע — מענטשן מיט פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַראינטערעסירונגען און צילן, זענען אַוודאי געווען צווישן די. אַזוי, אַז פון אונדזער גרופּע, וואָס האָט געלעבט אין דעם ראַיאָן־שטעטל, זענען אַוועק די יונגע, און הגם איך פערזענלעך האָב נאָך דאָן אויך געהערט צו די יונגע, אָבער מײַן ספּעציפישער מצב האָט מיך פון דעם אויסגעשלאָסן.

ווי פריַיוויליקע אין דער וואַסילעווסקאַ־אַרמיי זענען אַוועק: די ברידער יאַקוב און פישקע נײַמאַן, און דער פאָטער מיטן זון — מישאַ און וולאַדעק שער. מישאַ האָט זיך צוריקגעקערט צוליב זײַן עלטער.

די לאַגע אויף די פראָנטן האָט זיך געענדערט צום בעסערן. עס איז שוין געווען נאָך דער מפּלה פון דער דײַטשישער אַרמיי בײַ סטאַלינגראַד. די אַליאירטע מדינות האָבן אָנגעהויבן רעדן זיכערער און דרייסטער וועגן אויסגאַנג פון דער מלחמה. און מיר, אין דאָרף, האָבן אָנגעהויבן זיך טרייסטן מיט די פאָרגעקומענע ענדערונגען.

נישט ווייניק אָרט אין אונדזער פאַראינטערעסירונג האָבן פאַרנומען אונדזערע שריפטלעכע פאַרבינדונגען און קאָנטאַקטן מיט אונדזערע יונגע זעלנער אין דער אַרמיי. מיר האָבן זיך געגרייסט און מיטגעלעבט מיט זייער דערפאָלגרײַכער מיליטערישער קאַריערע.

אַוודאי איז אונדזער לעבן אין דעם ראַיאָן־דאָרף אָדער שטעטל, אָנגעגאַנגען מיט דער געוויינלעכער, טעגלעכער אַרבעט און באַשעפטיקונג, יעדער איינער אויף זײַן אַרבעטס־פּאָסטן. די דאָרפישע נודנעקייט האָבן מיר פאַרלײַכטערט מיט קעגנזײַטיקע פאַראינטערעסירונגען צווישן דער גרופּע ייִדן וואָס זענען צווישן זיך געווען באַקאַנט און באַפרײַנדט. נאָר קיינער פון אונדז האָט נישט געאַנט, און אַפילו אין בייזן חלום נישט געזען, וואָס עס גרייט פאַר אונדז אין משך פון די לאַנגע חדשים די אוליאַ־נאָווסקער ק.ג.ב., וואָס האָט זיך געפונען אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער פון אונדזער דאָרף, אָבער אונדז געזען ווי אין אַ שפּיגל, יעדער באַוועגונג אונדזערע, און געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין יעדן טעפּל בײַ אונדז. זיי האָבן אונדז נאָכגעקוקט דורך צוויי ספּעציעל צוגעשיקטע אַגענטן — פּראָוואָקאַטאָרן,ביידע אין פאַרשידענע צײַט־אָפּשניטן, און ביידע — ייִדן. אַ טייל פון אונדזערע מענטשן זענען געווען באַשעפטיקט בײַ אַרבעטן אין אַ געאָלאָגישער בויערונג־אונטערנעמונג, וואָס האָט געזוכט נאַפט אין דעם ראַיאָן.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אין דער נאַפט־ראַזוויעדקע (ווי זי האָט זיך גערופן אין רוסיש), באַוויזן אַן אומבאַקאַנטער מאַן, אָנגעטון אין אַ ווײַסער פּעלץ־שובע, וואָס איז געווען זייער פאַרדעכטיקט, ווײַל די שובעס זענען אין מערסטן געטראָגן געוואָרן דורך ק.ג.ב.־אָפיצירן, מיט זייערע קען־צייכנס. אַ פול־בײַכיקער, מיט אַ טיפּיש־ייִדישן אויסזען, מיט צוויי ווילד־זוכנדיקע אויגן, רעדט אַ פּשוטן ייִדיש, ווי פון אונדזערע געגנטן, אָבער דער פּעלץ זײַנער מסרט זײַן ציל און אויפגאַב. ווען ער דערנענטערט זיך צו אײַך, קוקט ער כּסדר הינטער זיך, צי איז נישט דאָ ווער הינטער אים. נישט ער רעדט צו אײַך, נאָר ער פּלאַפּלט אָן אַ פאַרבינדונג פון די ווערטער. ער דערציילט אײַך מעשׂיות פון טויזנט און איין נאַכט. ער וויל נאָר הערן פון אײַך, ווי אַזוי און מיט וואָס איר רעאַגירט. ער איז אַרײַן וווינען בײַ אַ ייִדישער פרוי, אַן אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער, וואָס האָט געזוכט הילף, עס זאָל איר ווער קאָנען באַזאָרגן האָלץ אויף אָנצוּוואַרעמען איר כאַטע.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די פֿרוי האָט זיך נישט אויסגעקענט אויף אים און איך קאָן אויך נישט זאָגן, אַז אַלע אונדזערע מענטשן האָבן באַלד פֿאַרשטאַנען זײַנע כּוונות.

וואָכן לאַנג איז ער אַרומגעלאָפֿן און געווען דער אומגעבעטענער גאַסט אין אונדזערע שטובן. בײַנאַכט געשטאַנען הינטער אונדזערע לאָדנס. אויסגעפֿרעגט און אויסגעהערט, אויב עס האָט ווער מיט וועמען גערעדט אַן אומשולדיק וואָרט. און אין איינעם אַ טאָג איז ער פֿאַרשוווּנדן. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער זעלבער פֿאַרשוין איז אויך אַ מאַכער אין דער ז.פּ.פּ.־אָפּטיילונג אין אוליאַנאָווסק.

ס'איז פֿאַרבײַ אַ שטיקל צײַט און אין דאָרף האָט זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ געלער, מיט זייער אַ פֿאַרדעכטיק פּנים און מיט שוויצערישע אייגנשאַפֿטן: אַלץ אין גאַנצן. דערציילט און גערעדט וועגן זײַנע געהיימנישפֿולע צילן און אויפֿגאַבן, וועגן זײַנע פֿאַרבינדונגען מיט מענטשן, אַנגערופֿן נעמען, סתּם אין דער וועלט אַרײַן, וועגן זײַנע פֿאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד און — אַז ער געפֿינט זיך דאָ, אויפֿן וועג קיין אויסלאַנד, ווּהין ער וויל זיך אומלעגאַל דערשלאָגן. ער איז שוין גראָד געווען אַ ליטוואַק, געזאָגט האָט ער, אַז פֿון לידע. לויט זײַן רעדן האָט קיינער נישט געהאַט קיין ספֿק, ווער דער פֿאַרשוין איז, און וואָס ער שטעלט מיט זיך פֿאָר. דאָס איז שוין געווען בערך זומער־צײַט 1944, ווען אונדזערע האָפֿענונגען און שטימונגען האָבן זיך געהאַט פֿאַרבעסערט, שוין נאָך דער עפֿענונג פֿון צווייטן פֿראָנט דורך די אַליאירטע אַרמייען, דער פֿאַרויסמאַרש פֿון דער רויטער אַרמיי און דאָס דערנענטערן זיך צו פּוילנס שטעט; דער אָנטייל אין די קאַמפֿן פֿון דער נײַ־געשאַפֿענער פּוילישער אַרמיי, ווי אויך די בריוו וואָס אונדזערע זעלנער שרײַבן פֿון די פֿראָנט־קאַמפֿן. וולאַדעק איז פֿאַרווּנדעט געוואָרן בײַ פּראַגע און געפֿינט זיך אין אַ שפּיטאָל. פּישקע מיט יאַקובן האָבן מיט די פּוילישע אַרמיי־טיילן שוין דערגרייכט לובלין. דאָס אַלץ מאַכט אונדז מונטערער און הײַטערט אויף אונדזער געמיט. אָבער אַרום אונדז, אין דאָרף, פֿילן מיר בייזע רוחות; פֿאַראַן סימנים וואָס ווײַזן, אַז אַרום אונדז ווערט די

לופט פאַרפעסטעט, אַז עפּעס גרייט זיך דאָ קעגן אונדז אַ שלעכטע זאַך. אַ געהיימע האַנט פאַרוואַרפט אַ שטריק אויף אונדזער האַלדז. וואָס ווײַטער אַלץ שווערער און בולטער.

ביז —

אין אַ געוויסן טאָג ווערט מישאַ שער, פון זײַן אַרבעט־פּאָסטן ווי ער אַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער, געשיקט אין קאָמאַנדיראָווקע קיין אוליאַנאָווסק צו דערליידיקן ענינים פון זײַן אַרבעט־געביט. ס'גייען אַריבער טעג און וואָכן און מישאַ איז נישטאָ צוריק. פּאַראַסאַל, וואָס אַרבעט אין דער נאַפט־ראַזוויִעדקע, ווערט פון דער אַרבעט קאָמאַנדירט קיין אוליאַנאָווסק כּדי צו ברענגען נייטיקע אַרבעט־טיילן, — אויך ער קומט נישט צוריק... ס'גייען פאַרביַ טעג, וואָכן, און — אין קול ואין עונה... גראָד איצט, ווען מיר זענען שוין כּמעט דעם סוף פון דער מלחמה, נאָך אַלע אונדזערע פּײַן און לײַדן, ווען אָט־אָט און מיר וועלן זיך אומקערן אין אונדזערע היימען צו עפּעס אַ לעבן, — מיר האָבן נאָך דעמלט נישט געוווּסט גענוי וואָס דאָרט איז פאַרגעקומען, — דווקא אין די טעג גייען מיר אַנטקעגן אַ נײַעם אומגליק און אַ נײַע קאַטאַסטראָפע אין אונדזער לעבן.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געווען דער דריטער לויט דער ריי: דעם 8טן פעברואַר 1945 בין איך נאָך אַ מאָל אַרעסטירט געוואָרן, און בין געוואָרן איינער פון די 9 מענער — די אַנדערע זענען אַ ביסל שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן, — אַזוי אַרום, אַז אַלע 9 מענער פון די משפּחות וואָס האָבן געלעבט אין דעם ראַיאָן זענען אַרעסטירט געוואָרן, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אונטער דער באַשולדיקונג פון אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקער גרופּע, מיט סאַבאָטאַזש און דיווערסיע קעגן דער ראַטן־מאַכט...

ווער זענען געווען די 9 און וואָס האָבן זיי מיט זיך פאָר־געשטעלט, יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען, ביז צום ביטערן אומגליק־טאָג פון די אַרעסטן?

געווען צווישן אונדז 4 וואַרשעווער: באַביץ, העניעק גרונדלאַנד, מישאַ שער און קאָפּראָווסקי. דעם לעצטן האָבן נאָר די היטלעריסטן דערמאָנט ווער ער איז און אים דערנענטערט צו זײַן פאָלק —

ייִדן. ער און זײַן פֿאַמיליע זענען לחלוטין געווען דערווײַטערט פֿון ייִדישן לעבן. פֿון פֿאַך איז ער געווען אַ בוכהאַלטער. דרײַ זענען געווען פֿון בענדין־סאָסנאָוויעץ. דער ערשטער און בכבודיקסטער — מאָטל גאָלד, אַ ייִד אַ משׂכּיל, פֿון אַן אָנגעזעענער ייִדישער סוחרישער משפּחה אין שטאָט; אַליין אַ וועלטלעך־איבערצײַגטער ייִדישער קולטור־מענטש, מיט גרויס־גײַסטיקע באַדערפֿענישן. זײַן בן־עיר מאָטל ראָווינסקי, ביז צום אויסברוך פֿון דער מלחמה אַ סוחר, אַרײַנגעטאָן אין חסידישער דביקות, מיט ווייניק צײַט זיך אָפּצוגעבן דעם גשמיותדיקן לעבן. לייבל פֿאַראַסאָל, הגם אַ שוואָגער פֿון דעם פֿריִערדיקן, אָבער דאָך אַ העלד פֿאַר זיך. און איין לאָדזשער — ירחמיאל בער. אַלע יאָרן אַ וועבער־אַרבעטער אין אַ פֿאַבריק אָן באַזונדערע פּרעטענסיעס און פֿאַרלאַנגען. און סעגאַל וואָס האָט ביזן מלחמה־אויסברוך געלעבט און געאַרבעט אין גאָמבין. ער מיט זײַן פֿרוי האָבן באַוויזן אין שווערער מי און אַרבעט זיך צו עפּעס דערשלאָגן, און דאָ איז ער געוואָרן דער 9טער באַשולדיקטער אין דער „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער פֿאַרשווערונג“ וועלכע די אוליאַנאָווסקער ק.ג.ב. האָט אַזוי ציל־באַוווּסט באַטראַכט און געגרייט קעגן אונדז. איצט, אַז מיר האָבן שוין פֿאַר זיך, אויבנאויפֿיק, די פּערסאָנאַזשן פֿון דער דראַמע, די העלדן אונדזערע, וועלן מיר פּרוּוון איבערדערציילן אָט די דראַמע, אפשר וועט די מענטשהייט דערפֿון עפּעס לערנען...

דער אַרעסט אין באָראַנאָווקע

דער 8טער טאָג אין חודש פעברואַר (1945) איז געוויינלער אַ טאָג ווי אַלע טעג אין ווינטער, פאַר מיר אָבער איז ער געווען אַ טאָג אַ שווידערלעכער, וואָס האָט געברענגט נאָך זיך יאָרן פון אויסזיכטלאָזיקייט, געפאַרן פון אומקום פאַר מיר, פאַר מײַנע צוויי קינדער און פאַר נאָך אַכט משפחות.

אין דעם דאָרף באָראַנאָווקע האָבן די דערמאָנטע 9 ייִדישע משפחות זיך פאַרקליבן נאָך דער באַפרײַונג פון דער ערשטער פאַרשיקונג קיין סיביר. דאָ האָבן זיי געהאָפּט, אין שווערער מי און אין ערלעכער אַרבעט, אין הונגער־טעג און אין קאָשמאַרע נעכט, איבערצוהאַלטן און אויסהאַלטן ביז די בעסערע צײַטן וואָס דאַרפן און וועלן קומען. אָבער געשען איז, לײדער, אַנדערש. אין דעם דאָרף איז צעשטערט געוואָרן דאָס לעבן פון די נײַן ייִדישע משפחות, בעת די מענער זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען, אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע פרויען און קינדער, אויף לאַנגע יאָרן טורמע, לאַגערן, ביז... אייביקער פאַרשיקונג.

ווער קאָן איבערגעבן וועגן דער גיהינומדיקער אויספאַרשונג פון די נײַן, וועגן דער טראַגעדיע אין זייערע היימען, בײַ זייערע פרויען און קינדער, און אַוודאי און אַוודאי בײַ מײַנע קינדער, וואָס זענען נאָך מײַן אַרעסט געבליבן אינגאַנצן פאַריתומט.

איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, אַז אַ שווערקייט האָט געדריקט אויף אונדזערע געמיטער און אַ פחד האָט אַרומגעשוועבט אין דער לופט אַרום אונדזער לעבן אין אָט דעם דאָרף. און אין איינעם אַזאַ טאָג (דעם 8טן פעברואַר 45), בין איך אויפגעשטאַנען, ווי געוויינלער, צו מײַן פּלאַנירטן אַרבעט־טאָג. גייענדיק צו דער אַרבעט פלעג איך תמיד מיטנעמען מײַנע קינדער אין קינדער־גאָרטן אַרײַן און דאָרט זיי איבערלאָזן ביזן סוף פון מײַן אַרבעט־טאָג; אויפן וועג אַהיים פלעג איך זיי נעמען מיט זיך צוריק. איז געשען אַזוי,

אַז אין דעם אַ פרימאָרגן האָב איך געמוסרט מײַן זון פאַר זײַן שלעכט אויפפירן זיך אויפן וועג צום קינדער־גאָרטן. אויף דעם האָט ער מיר אַ שטאַרק פאַרכמורעטער געענטפערט: אַלץ איינס וועל איך שוין מיט דיר מער נישט פאָרן... און, ס'איז לײַדער אַזוי געשען. איצט גײ פאַרשטײ אָדער טײַטש אויס זײַן זאָג...

נאָך דער אַרבעט האָב איך זיך פאַרנומען אויף דער סטעזשקע וואָס פירט צום קינדער־גאָרטן, אָפּצונעמען מײַנע קינדער. פּלוצים הער איך ווי עמעצער רופט אויס מײַן פאַמיליע־נאָמען. איך דריי אויס דעם קאָפּ און דערזע, אַז אויפן שטח פון פרײַען פעלד גייט ווער אין מײַן ריכטונג אויף אַ פּאַראַלעלער סטעזשקע. דער מענטש האָט מיר אויסגעזען פרעמד און כ'האָב נישט געהאַט קיין חשק זיך אָפּצושטעלן. מאַך איך זיך נישט הערנדיק און גיי ווײַטער מײַן וועג. אָבער יענער רופט ווידער אָן מײַן נאָמען און פאַרגיכערט זײַנע טריט. איך זע, אַז איך האָב נישט ווו זיך אַהינצוטאָן אויפן פרײַען פעלד, בלייב איך שטיין. חוץ מיר און דעם אומבאַקאַנטן איז קיינער נישטאָ.

דער אומבאַקאַנטער, אין ציווילער קליידונג, דערנענטערט זיך צו מיר און איך האָב שוין מער נישט קיין ספק מיט וועמען איך האָב דאָ צו טאָן. ער פרעגט בײַ מיר, צי ער האָט ריכטיק אָנגערופן מײַן נאָמען. איך באַשטעטיק אַז יאָ. לייגט ער מיר פאָר, כ'זאָל מיט אים מיטגיין. זאָג איך אים, אַז איצט קאָן איך נישט, ווײַל איך דאַרף אָפּנעמען מײַנע קינדער פון קינדער־גאָרטן. די דינערשאַפט האָט שוין דאָרט פאַרענדיקט די אַרבעט, די קינדער געפינען זיך אָן אויפזיכט אויף דער גאַס, אין אַזאַ שרעקלעכן פראָסט, מוז איך פריִער אָפּפירן די קינדער אַהיים — ווײַל קיין מאַמע וואַרט נישט אויף זיי. איך לייג אים פאָר ער זאָל מיט מיר מיטגיין, אָדער איך וועל שפּעטער אַליין קומען. זאָגט ער מיר: אַז מען דאַרף מיך נאָר אין דער מיליץ אויף 5 מינוט. איך דאַרף דאָרט עפּעס אויפקלערן. אָבער אַז ער זעט אַז איך האַלט זיך בײַם מײַניקן: קודם־כל אָפּפירן די קינדער אַהיים, — נעמט ער אַרויס פון לינקן שטיוול אַ לאַנג, שפּיציק פיניש מעסער און פון דער רעכטער זײַט, פון אונטער דעם מאַנטל אַ רעוואָלווער, און

גיט מיר אַ באַפעל צו גיין גלײַך, פאָרויס, און טאָמער מאַך איך אַ טריט רעכטס אָדער לינקס וועט ער מיך דערשיסן אויפן אָרט, ווי אַ הונט! ער ווײַזט מיר אויך, דורך אַ באַוועגונג, ווי פלינק ער קאָן אַרבעטן מיטן מעסער...

גיי איך אַזוי אין זײַן באַגלייטונג און פּרוּוו זיך אַליין אײַנרעדן, אַז דער ענין איז נישט אַזוי ערנסט, נישטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן...

ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער אָרטיקער מיליץ האָב איך אָבער באַלד דערזען, אַז אַלע „באַוואָפנטע כּוחות״ פון דאָרף זענען אין פולער גרייטקייט. מ׳עפנט פאַר מיר אַ ברייטן זײַטיקן טויער און מ׳זאָגט מיר אָן די בשורה: זעסט, אַ ברייטע טיר אַרײַן, אָבער אַ שמאָלינקע — אַרויס...

ווי נאָר איך טרעט איבער די שוועל פון דער מיליץ, הייבט זיך אָן אַרום מיר אַ שטאַרקע באַוועגונג. ס׳איז בערך 5 פאַר נאַכט, שוין פאַרמאַכט מען די לאָדנס און מען לאָזט אַראָפּ די פאָרהאַנגען. לויט די אַלע פאַרזיכערונג־מיטלען, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ געפערלעכן פאַרברעכער, וועמענס אַרעסט עס קאָן אַרויסרופן אומרוען.

אַז זיי זענען געוואָרן פאַרטיק מיט די פאַרזיכערונג־מיטלען האָט דער העלד פון רעוואָלווער און פינישן מעסער אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל פון קעשענע צום פאַרלייענען. כ׳האָב נישט געוווּסט וועגן וואָס דאָ גייט, כ׳האָב אָבער פאַרשטאַנען אַז ס׳איז נישט צום גוטן. אין דעם פּאַפּירל איז געווען געשריבן, אַז דער פּראָקוראָר שלאָנסקי פון אוליאַנאָווסקער אָבלאַסט באַשולדיקט מיך אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, לויט דעם באַרימטן פּאַראַגראַף 58 פון שטראָף־קאָדעקס, מיט זײַנע אונטערפּונקטן 10 און 11, און אַז דער פּראָקוראָר שלאָנסקי סאַנקציאָנירט מײַן אַרעסט, וואָס ווערט איבערגעגעבן דורכצופירן דעם אויספאָרשונגס־ריכטער מאַיאָר גאַווורילאָוו, — דעם מעסער־העלד. און מײַן באַגלייטער שטעלט זיך תּיכף פאַר פאַר מיר, אַז דאָס איז ער דער מאַיאָר גאַווורילאָוו.

וואָס עס מיינט דער פּאַראַגראַף מיט זײַנע אונטער־פּונקטן אין

דעם שטראָף־קאָדעקס האָב איך טאַקע דערמלט נישט געוווּסט, אָבער אין משך פון 5 מינוט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. אַרום מיר גייט אָן אַ שושקערײַ; עמעצער האָט גאָר אויף מיר רחמנות און רעדט וועגן אַ טולופּ — אַ פּעלץ פאַר מיר, איך זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן. באַלד הייסט מען מיר זיך אויפשטעלן און מען וויקלט מיך אַרום אין גאַנצן אין דעם טולופּ אַזוי קונציק, אַז מײַנע אויגן זאָלן זײַן פאַרשטעלט און דאָס מויל פאַרמאַכט. דערבײַ קומט אויך אַ שטרענגע וואָרענונג פון מאַיאָר גאַוורילאָוו, אַז יעדער פּרווו צו שרײַען וועט מאָמענטאַל דערשטיקט ווערן.

— איר דאַרפט וויסן, — זאָגט ער, — אַז איר געפינט זיך אין די הענט פון דער ק.ג.ב. און נישט פון עפּעס אַ מיליץ.

מען וואַרפט מיך אַרײַן אין אַ געשפּאַנטן שליטן מיט דרײַ באַגלײַטערס, וואָס זעצן זיך אויף מיר אַרויף. אַ פינצטערע נאַכט. עס ווילדעוועט אַ שטורעם־ווינט און איך קאָן קיינעם נישט רופן צו הילף. מיך מאַטערט און פּײַניקט איין געדאַנק: וואַרטן נאָך מײַנע קינדער בײַם „דיעט־סאַד" — (קינדער־גאָרטן) — אַז איך זאָל קומען זיי אַהיימנעמען? און אפשר ווייסן זיי שוין, אַז פון איצט אָן האָבן זיי אויך דעם טאַטן נישט?

דער שליטן טראָגט זיך אין די אומבאַקאַנטע ווײַטן. און ווער ווייסט ווּהין דער וועג פירט? עס הייבט אָן מאַטערן דער ווּהין? ביז דער נאָענטער באַן־סטאַציע איז סך־הכּל 11 ק"מ פון אונדזער דאָרף. מיט דער באַן — אַ 400 ק"מ ביז דער שטאָט אוליאַנאָווסק. עס דויערט אָבער צו לאַנג. מיר האָבן זיך שוין ווידער דערווײַטערט פון דער באַן־סטאַציע. ווּהין זשע פירט מען מיך? די געדיכטע פינצטערניש הייבט מיך אָן אַרויסצופירן פון גלײַכגעוויכט. מײַן פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך. דער פּלוצלונגער געהיימער אַרעסט, די דראָונג מיט רעוואָלווער און מעסער און די אַלע פאַרזיכטיקע פאַרענישן אַרום מיר — מאַך איך מיר אַליין דעם אויספיר — איז דאָס דורכפירן מײַן ליקווידאַציע אין געהיים... מיט אַ סך אַ סך יאָרן צוריק האָב איך דאָך געלייענט וועגן דעם, ווי מען פאַרשלעפּט און מען דערהרגעט מענטשן פון אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען. אָבער — טראַכט איך אויף צוריק — ווער בין איך דאָס? בין איך

דען אין דער מדרגה פון אַ מאַטעאָטי צי זײַנס גלײַכן, איך זאָל זוכה זײַן צו אַזאַ בכּבֿודיקן טויט?

אָבער, די אוליאַנאָווסקער ק.ג.ב. ווייסט, אַז איך שטעל אין געפֿאַר די עקזיסטענץ פֿון דער ראַטן־מאַכט, און זיי גייען מיך דער־שיסן ווי אַ הונט. קומט מיר אויפֿן זינען די באַשרײַבונג פֿון בייניש מיכאַלעוויטש, ווי אַזוי ער איז גרוי געוואָרן אין איין נאַכט. און איך זאָג זיך צו: אויב איך וועל נאָך מאָרגן לעבן, וועל איך אַ קוק טאָן צי איך בין גרוי אָדער גאָר ווײַס געוואָרן.

נאָר פּלוצלונג שטעלט זיך אָפּ דער שליטן און עס קומט אַ באַפֿעל: אַראָפּגיין!

ס'איז נאָך אַלץ שטאָק־פֿינצטער און איינער, אַ סילועט, באַפֿעלט מיר גיין פֿאָראויס. מען פֿירט מיך אַרײַן אין אַ באַטע. לויט די רייד פֿון די אַרומיקע פֿאַרשטיי איך, אַז דאָ אין דער באַטע געפֿינט זיך די אָנפֿירונג פֿון אַ קאָלכאָז. דער מאַיאָר גאַווריליאָוו פֿון דער אוליאַנאָווסקער מ.ג.ב. באַפֿעלט דעם פֿאָרזיצער פֿון קאָלכאָז אויפֿצוּוועקן דעם פֿאַרוואַלטער פֿון די פֿערד־שטאַלן און הייסט תּיכּף אײַנשפּאַנען דאָס בעסטע פֿערד וואָס דער קאָלכאָז פֿאַרמאָגט. און דאָס אַלץ דאַרף דורכגעפֿירט ווערן אין 15 מינוט!

אַ טויט־דערשראָקענער פֿאַר דעם עצם וואָרט מ.ג.ב. אײַלט זיך דער פֿאַרשלאָפֿענער קאָלכאָזניק אויסצופֿילן דעם באַפֿעל. פֿאַר מיר איז דאָס דערווײַל אַן אָנטשפּאַנונג. הייסט דאָך עס, אַז מען פֿירט מיך ווײַטער. איז אויב זיי ווילן מיך פֿאַרענדיקן, טאָ צו וואָס ווײַטער פֿירן?

אין גאַלאָפּ טראָגן מיר זיך איבער אומבאַקאַנטע פֿאַרשנייטע פֿעלדער און וועלדער. צו מײַן גרויס איבערראַשונג רײַסט זיך אַרײַן דורך אַ קליינער עפֿענונג אין מײַן טולופּ אַ שײַן, כּאילו אַן עלעקטרישער. ס'זעט אויס, ווי פֿון אַ באַן־סטאַציע. און מיר וועלן, ווײַזט אויס, פֿאָרן ווײַטער. דערווײַל בין איך נאָך נישט ליקווידירט.

ס'איז טאַקע געווען אַ באַן־סטאַציע און מ'האָט מיך געזאָלט פֿירן קיין אוליאַנאָווסק. אָבער כּדי אונדזער דאַרף זאָל אין גאָרנישט נישט חושד זײַן, האָט מען מיך גאָר געבראַכט צו אַן אַנדערער באַן־סטאַציע. דאָ איז דער מאַיאָר גאַווריליאָוו באַלד געוואָרן דער

גאַסט פון זײַנע פאַר־קאַלעגן. מ׳האָט אים באַלד אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן צימער און דאָרט, באַלד אויפן אָרט, האָט ער אָנגעהויבן די אויספאָרשונג.

די ערשטע פראַגע איז געווען: מיט וואָס פאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן האָט דער בונדישער צ.ק. געשיקט מײַן חבר פּישקע נײַמאַן אין דער פּוילישער באַפרײַונגס־אַרמיי פון וואַנדאַ וואַסילעווסקי? אויף מײַן ענטפער, אַז מיר איז נישט באַקאַנט אַז פּישקע נײַמאַן זאָל האָבן פון עמעצן באַקומען וועלכע ס׳איז אויפגאַבן — האָב איך אויף מײַן פּנים דערפילט די שווערע לאַפּע פונעם מאַיאָר גאַווורילאָוו, מיט אַ צוגאָב: ניע זנאַיעש, יעוורעיסקאַיאַ פּראָסטיטוטקאַ!?...

וואָס איך האָב געפילט אין יענעם מאָמענט, איז מיר איצט שווער איבערצוגעבן. איך בין אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין „בונד״; איך האָב געגלייבט, אַז יעדער מענטש מוז אַלע מאָל, בײַ אַלע אומשטענדן, פאַרטיידיקן זײַן מענטשלעכע ווירדע, אַז אָן דעם איז דער מענטש זיך אַליין נישט ווערט... און דאָ — בין איך הילפלאָז. איך האָב מיט גאָרנישט געענטפערט אויף דער באַליידיקונג. וואָס פאַר אַ ווערט האָב איך געהאַט אין מײַנע אייגענע אויגן?

ערשט שפּעטער האָב איך באַנומען, אַז דאָס איז נאָר געווען דער ערשטער פיזישער איבערפאַל אויף מײַן גײַסטיקער זעלבשטענ־דיקייט ס׳איז געווען דער ערשטער שטויס, כדי אַרויסצושטויסן פון מיר אַלץ, אַלץ וואָס איז **איך** און וואָס איז מיר **אייגן**.

נאָך צוויי אַזעלכע מעת־לעת פאַרן, האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ טיר. איך בין געוואָרן דער 12טער אין אַ קאַמער פון דער באַרימטער אוליאַנאָווסקער פּאָליטישער טורמע, וועלכע געפינט זיך אויף אַ גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון גרויסן הומאַניסט און קעמפער פאַר גערעכטיקייט און מענטשן־ליבע, לעוו ניקאָ־לאַיעוויטש טאָלסטאָי.

✶

דעם 26טן מאַי 1945 זענען אַרעסטירט געוואָרן אַלע זעקס — צו די פריִערדיקע דרײַ, און עס איז געוואָרן דער „קאָמפּלעט״ צו

דער גרופע, וואָס די ק.ג.ב. האָט אַ נאָמען געגעבן „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע גרופע פאַר אַגיטאַציע און טעטיקייט קעגן דער סאָוויעטישער מאַכט אין אוליאַנאָווסקער אָבלאַסט".

פּראָקוראָר שלאָנסקי האָט באַפוילן צו אַרעסטירן די אַלע אויבן־דערמאָנטע, אונטער דער באַשולדיקונג פון סאָוויעטישן שוין דערמאָנטן שטראָף־קאָדעקס, וואָס מיינט, אַז די געגעבענע האָבן געפירט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע קעגן דער ראַטן־מאַכט — און זיך געגרייט דורכצופירן סאַבאָטאַזש־און דיווערסיע־אַקטן קעגן דער מאַכט.

לויט דער ק.ג.ב. ישער פּראַקטיק, מוז אין אַזאַ סצענאַר זײַן אויך אַ הויפּט־העלד, און דאָס האָבן זיי געפונען אין מיר. דער גרויסער טרויער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די פאַמיליעס דאָרט, איז געווען נאָך מער דערשיטערנדיק, ווײַל די גאַנצע וועלט אַרום אונדז איז געווען אַרומגענומען מיט דער גרויסער פרייד, אַז שוין באַלד דרײַ וואָכן ווי מיר האָבן דערלעבט דעם סוף פון דער זיגרײַכער מלחמה איבער דעם שוידערלעכן היטלעריסטישן פאַשיזם. אַלע, אַלע גייען אַנטקעגן אַ נײַ, פרײַ לעבן! און דאָ, די פויערים אין דאָרף, קוקן זיך צו צו דעם וואָס עס קומט איצט פאָר מיט זייערע שכנים, ווענמען זיי קענען, ווי שטילע, רויִקע אַרבעט־מענטשן, וואָס האָבן נאָר געשטרעבט איבערצוהאַלטן די ביטערע מלחמה־יאָרן, איז גראָד איצט נעמט מען זיי צו פון זייערע פרויען און קינדער. באַדויערן זיי, פילן מיט און — שווײַגן.

אין שטוב בײַ די סעגאַלס, ווו מײַנע קינדער האָבן זיך געפונען, איז פאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינלעך שווערער און טראַגישער געראַנגל צווישן די קינדער און די ק.ג.ב.־לײַט, וואָס האָבן זיי געוואָלט צונעמען פון די סעגאַלס. די קינדער האָבן ווידער אַ מאָל דערפילט די דראָענדיקע געפאַר און זיך געקלאַמערט אין די סעגאַלס, ביז די ברוטאַלע האַנט פון ק.ג.ב. האָט זיי אַ שלײַדער געטאָן ווײַט אַוועק, באַגלייט מיט מוראדיקע, ספּאַזמאַטישע געוויינען און געשרייען פון פרוי סעגאַל און פון די קינדער. נאָך דעם איז אויך סעגאַל צוגענומען געוואָרן אין זײַן ווײַטן וועג אַרײַן.

פריִער נאָך האָט די אַרטיקע נ.ק.וו.ד. אַרויסגערופן אייניקע

פון די וועלכע זי האָט געפונען פאַר פּאַסיק זיי איינצוברעכן און אויסצונוצן קעגן אַנדערע. די נאַכט־ארויסרופונגען זענען געווען געהיימע, באַגלייט מיט דראָונגען דערשאָסן צו ווערן, אויב זיי וועלן אַפילו ווען פון די אייגענע פאַמיליעס דערציילן ווו און צו וואָס זיי זענען גערופן געוואָרן.

איינער פון זיי, ראַווינסקי, איז אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן הויף פון דער פּאָליציי, אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיטן פּנים צו דער וואַנט און יעדע פאַר מינוט האָבן זיך דערהערט שאָסן. זיי זענען אויסן געווען ער זאָל אונטער שרעק און טראַר זיך איינברעכן, זאָל באַשטעטיקן, און זאָגן דאָס וואָס זיי האָבן פון אים געוואָלט. איז אָבער זיין ענטפער געווען אַ פּשוטער: שיסט מיך. איך ווייס גאָרנישט! איך האָב אייך גאָרנישט וואָס צו דערציילן...

ס׳זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע וואָס מ׳האָט לייכטער איינגעבראָכן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אויך געווען אָפּהענגיק פון די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן און שטאַרקייט אָדער שוואַכקייט פון כאַראַקטער. זענען דעריבער די געהיימנישפולע נאַכט־אַרויסרופונגען, נאָך פאַר די אַרעסטן, נישט תּמיד געווען אַן דערפאָלג...

דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט דינען ווי באַווייז־מאַטעריאַל פאַר דער באַשולדיקונג. די ספּעציפיקאַציע פון די מאַטעריאַלן איז, — ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, — צוגעקליבן געוואָרן במשך לאַנגע וואָכן און חדשים, מיט די קלענסטע דעטאַלן פון אונדזער פאַמיליע־לעבן. די הויפּט־רעזשי פון דער טראַגישער „קאָמעדיע״ האָט געהערט דעם מאַיאָר גאַווריִלאָוו. זיין פולער טיטל איז געווען: זאַמיעסטיטיעל נאַטשאַלניקאַ אופּראַוולעניאַ ק.ג.ב. גאָראָדאַ אָר־ליאַנאָווסקאַ, ד.ה. פאַרטרעטער פון נאַטשאַלניק פון אוליאַנאָווסקער ק.ג.ב.־פאַרוואַלטונג. ס׳איז אַוודאי נישט איבעריק דאָ צוצוגעבן, אַז דער „גלאַוונער״ נאַטשאַלניק איז געווען פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו, צו דעם נאָך — אַ ייִד. אויך ער האָט מיך געוואָלט האָבן ביי זיך, און מאַכן מיר פילן און זען צו וואָס ער איז פעיִק. אָבער מיט מיר האָט זיך הויפּטזאַכלעך באַשעפטיקט מאַיאָר גאַווריִלאָוו. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט זיינע געהילפן וואָס האָבן זיך

באַשעפּטיקט מיט דעם גאַנצן צוזאַמענשטעל פון די 9 באַשולדיקטע. אָבער דער הויפּט־סאַדיסט איז געווען ער אַליין, גאַווריליאָוו. דער מעכאַניזם פון דעם וואָס מען רופט „באַשולדיקונגס־אַקט״, ווערט צוגעגרייט פון פריִער, אומאָפּהענגיק פון וועלכע ס׳איז ווירקלעכע פאַקטן. אין די שופלאַדן פון די אויספאָרשערס געפינען זיך אַזעלכע — לאָמיר זיי אָנרופן — סכעמעס, וועלכע פּאַסן זיך אומעטום אַריַין, מען דאַרף נאָר צו זיי צושטעלן דעם נאָמען. און דאָרט זאָגט זיך אויך, אַז אַזוי ווי דאָס איז אַ „גרופּאָוואָיע דיעלאָ״ ד.ה. אַ גרופּן־פּראָצעס, איז קלאָר, אַז דאָ דאַרף אויך זיַין אַן אָנפירער און במילא אַ הויפּט־באַשולדיקטער, ווי דאָס רופט זיך אין זייער שפּראַך: „גלאַוו־דיעלאָ״.

דאָס איז צוגעטיילט געוואָרן מיר. אַזוי אַרום האָב איך געהערט דעם מאַיאָר גאַווריליאָוו, וואָס האָט מיך באַדאַרפט „באַאַרבעטן״ און אַרויסבאַקומען פון מיר דאָס, וואָס עס איז אים נייטיק געווען לויט זיַין באַשטימטער סכעמע, — פאַר דער באַשולדיקונג. האָט זיך דאָ אָנגעהויבן דער שווערער און טראַגישער גראַנגל אין דער אויספאָרשונג, וואָס האָט ביַי מיר געדויערט אַ סך לענגער ווי ביַי אַלע אַנדערע. וויַיל איך בין דאָך געווען דער שווער־פּונקט און דער אָפּהאַלט צום פאַרענדיקן דעם באַשולדיקונג־אַקט.

איבער 9 חדשים האָט געדויערט דאָס אויספאָרשן מיך און פון דעם — חדשים־לאַנג צו 10—18 שעה אין אַ מעת־לעת. וואָס מער און לענגער די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרצויגן אַלץ ווילדער און ברוטאַלער איז געוואָרן די אויפפירונג פונעם מאַיאָר גאַווריליאָוו.

געהאַלטן האָט מען אונדז אַלע אין דער ספּעציעלער אויס־פאָרשונג־טורמע פון ק.ג.ב. פאַר פּאָליטישע, ווו מען געפינט זיך נאָר ביז צום אונטערשריַיבן דעם באַשולדיקונג־אַקט. ווי שטייגער איז, האָט די טורמע אַ ספּעציעל שטרענגן רעזשים, דערצו נאָך גיט דער אויספאָרשונגס־ריכטער באַזונדערע אָנווייַזונגען דער טורמע־וואַך, ווי אַזוי זיך צו באַציִען צום געגעבענעם אַרעסטאַנט.

פאַרשטייט זיך אַז מיך האָט קיין גוטס נישט דערוואַרט. ווי באַוווּסט האָט די אויספאָרשונג פאַרשידענע פאָרמען, טענער, וואַריאַציעס פון האַנדלונגען אדגל. און די אַלע זענען פאַרשריבן

און אַנגעוויזן אין זײַן סכעמע — ספּראַוואַטשניק. איך גיב זיך אָפּ אַ חשבון מכּוח דעם, צי עס בלײַבט מיר נאָך איבער וועגן דעם צו דערציילן, נאָך דעם ווי אַזוי פיל איז שוין דערציילט געוואָרן דורך אַנדערע. און דאָך מיין איך, אַז יעדער איינער באַזונדער, וואָס דערציילט ווי אַזוי מ'האָט אים געפּאַרשט דאָרט, האָט עפּעס באַזונדערס צוצוגעבן. איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם, ווײַל איך פיל אַז אויך בײַ מיר זענען די סיטואַציעס געווען פאַרשידענע און באַזונדערע. זידלערײַען, דראָונגען, שלאָגן — און אַלע מעגלעכע שטראָפן, אָבער אויך אַפילו — אַ פּרוּוו צו רעדן צום שׂכל; דאָס מיינט, ווי די רוסן זאָגן, „רעדן פּאָ דושאַם": „זעסט דאָך שוין, יאָ שולדיק, נישט שולדיק... שרײַב אונטער און גיי ווײַטער..."

אין איינער אַזאַ נאַכט, אין די פאַרטאָג־שעהען, האָט מאַיאָר גאַווריל אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף זײַן האַרצלאַז האַרץ, און צו מיר אַזוי געזאָגט:

— דו ווייסט, באַביץ, איך אַרבעט שוין איבער 30 יאָר אין די אָרגאַנען, נאָר אַזאַ פּאַדליעץ ווי דו האָב איך נאָך נישט געהאַט... געמיינט האָט ער: אַזאַ איינעם, וואָס קומט אים אָן אַזוי שווער אײַנצוברעכן. איך האָב דאָס אַנגענומען פאַר אַזאַ מיוחסדיקן קאָמפּלימענט, אַז הײַנט, אַזויפיל יאָרן שפּעטער, ווילט זיך אים איבערדערציילן. אין וואָס איז אים, אייגנטלעך, געגאַנגען? מיט אַכט פון די נײַן באַשולדיקטע, איז ער כּמעט, אָדער אינגאַנצן, געווען פאַרטיק צום אונטערשרײַבן די באַשולדיקונג. דער איינציקער, וואָס האָט אים דעריין געשטערט, בין איך געווען. ווײַל דער גאַנצער באַשולדיקונג־אַקט איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז איינער זאָגט אויפן צווייטן, און במילא זענען אַלע שולדיק...

איך האָב געטענהט צום אויספאָרשונגס־ריכטער: אַלע באַשולדיקונגען קעגן מיר פאַרזענלער, צי זיי זענען ריכטיק צי נישט ריכטיק, וועל איך דיר אונטערשרײַבן. אָבער דאָס, וואָס דו ווילסט פון מיר איך זאָל דיר אונטערשרײַבן אַז אַנדערע האָבן גערעדט אָדער געטאָן קעגן דער סאָוויעטישער געזעצגעבונג, און איך זאָל זײַן דער באַשולדיקער פון מײַנע נאָענטסטע פרײַנד, — דאָס וועסטו פון מיר נישט דערגרייכן. אַפילו פאַרן פּרײַז פון מײַן לעבן...

עס איז נישט געווען קיין שום צוועק צו לייקענען אין מײַן אָנגעהעריקייט צום „בונד" אין פּוילן. און איך האָב דאָס נישט געלייקנט. איך בין גרייט געווען פאַר דעם צו באַקומען וואָס מיר קומט, אָבער נישט נעמען אויף זיך אַזאַ פּיזישן און מאָראַלישן שאַנטאַזש.

וואָס האָט דער מאַיאָר גאַווריליאָוו נישט געמאַכט אַן מיר און מיט מיר, אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג ?... ביז מיר האָבן זיך נענטער „באַקענט", אין די ערשטע וואָכן, און דער ענין איז נישט געגאַנגען פאָראויס, האָט ער צו מיר געבראַכט אָדער געשיקט דעם פּראָקוראָר, און דער האָט צו מיר גערעדט בזה הלשון:

— וואָס עקשנסטו זיך אײַן? שרײַב אונטער, יאָ שולדיק, נישט שולדיק, — איך אַליין גלייב, אַז דו ביסט נישט שולדיק. דו ביסט אַן אַרבעטער, דאָס געריכט וועט דיר געבן מאַקסימום 3 יאָר, דו ביסט שוין מער ווי אַ האַלב יאָר אָפּגעקומען, צוויי אַ האַלב יאָר אין לאַגער וועט דיר זײַן גוט. ביסט אַ ספּעציאַליסט, ס'וועט דיר זײַן בעסער ווי אויף דער פרײַ... שרײַב אונטער, ווײַל וויסן זאָלסטו, אַז אויב די וועסט נישט אונטערשרײַבן, ביסטו דאָ פאַרלוירן!

איך האָב מיך געקלאָגט פאַרן אויספאָרשונגס־ריכטער, אַז ער באַהאַנדלט מיך נישט ריכטיק, אַז ער באַשולדיקט מיך אין פאַלשע באַשולדיקונגען. כ'האָב פון אים געפאָדערט, ער זאָל מיך שטעלן פאַר זײַן העכערער מאַכט, ווו איך וועל פאָדערן מער יושר און גערעכטיקייט. האָט ער מיר צוגעגרייט אַזאַ געלעגנהייט בײַם פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו, דעם גלאַווני נאַטשאַלניק, און נאָך איינער מיט אים.

ווי נאָר איך בין אַרײַן האָט דער צווייטער גלײַך מיך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן, סאַבאָ־טאַזש־אַקטן, איך האָב באַקומען פון צ.ק. פון „בונד" דורכצופירן אין סאָוויעט־רוסלאַנד ?...

האָב איך געענטפערט: איך האָב קיין שום אויפגאַבן נישט באַקומען.

האָט ער מיר באַוויזן זײַן מערדער־לאַפּע אויף מײַן פּנים;
איך בין אַוועקגעפאַלן, קוים־קוים אויפגעשטאַנען און מער אים
נישט געענטפערט אויף זײַנע פראַגן. דער פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו
אַליין האָט מיך גערופן צו זײַן זײַט פון טיש, באַפוילן מיר זיך
זעצן, און געפרעגט: וואָס פאַרא אַנטי־סאָוויעטישע אַרטיקלען
האָט ערליך געשריבן אין „פאָלקסצײַטונג"? ווען איך האָב
געענטפערט, אַז מיר איז דאָס נישט באַקאַנט און כ'האָב נישט
וואָס איבערצוגעבן, — זאָגט צו מיר איוואַנאָוו: אויב ס'איז מיר
שווער אין רוסיש, קאָן איך צו אים רעדן אין ייִדיש...

— ניין! — זאָג איך — איך האָב נישט וואָס צו דערציילן.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט מײַן זוכן יושר בײַ דער העכערער
נאַטשאַלסטווע, וואָס איך האָב שוין מער נישט געפּרוּווט.

פאַר מיר איז דאָס אָבער געווען נאָך אַ בליק אין דעם
סאָוויעטישן מעכאַניזם, וואָס רופט זיך ק.ג.ב. ערשט מיט יאָרן
שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ווען פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו
האָט מיך געפּאָרשט מיט זײַן פראַגע וועגן ערליכס אַנטי־סאָוויעטישע
אַרטיקלען אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצײַטונג", איז ערליך שוין
געווען טויט 4 יאָר. זיי האָבן אים דערשאָסן, און איך האָב נאָך
דעמלט דערפון נישט געוווּסט.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אין צימער פון מאַיאָר
גאַווריל אָוו, האָט ער מיך באַגעגנט מיט אַ פרעגן, ציניש שמייכל:
צי איך בין צופרידן?... ער האָט מיך געהאַלטן בײַ זיך פון 8 פרי
ביז 4—5 פאַרנאַכט, אַוועקגעשטעלט מיך אויף שעהען־לאַנג אין
פאַרשידענע אויסמאַטערנדיקע פּאָזיציעס, אָן אַ רעכט זיך צו
באַוועגן. די גאַנצע צײַט האָט זיינער אַ געהילף מיך געהיטן, געפירט
מיך צוריק אין טורמע־קאַמער, און 7 אַזייגער אין אָוונט ווידער
צוריק. אין די אָוונט־שעהען בין איך געשטאַנען אין די ווינקל־
קאָרידאָרן מיט די הענט פאַרלייגט אויפן קאָפּ, זיי, די אויספאָרשונג־
ריכטערס, פלעגן זיך צוזאַמענקלײַבן צו זייער נאַכט־אַרבעט 10
אָדער 11 אַזייגער בײַנאַכט. די אויסרעכענונג איז געווען: אַז ווען
דו קומסט אַרײַן צו אים אויף דער אויספאָרשונג, זאָלסטו שוין
זײַן אויסגעמאַטערט, צוזאַמענגעבראָכן.

אויך דאָרט, אין צימער, זעצט מען דיך אַוועק אין איין באַשטימטער פּאָזיציע, וועלכע דו טאָרסט נישט ענדערן. אַזוי ווי דאָס האָט בײַ מיר אָנגעהאַלטן אַ סך חדשים, האָב איך, טראָץ מײַן שוין פון כּוח פאַרלאָזטן גערעדעניש... דער גוט, גוט געלערנט זייער אָפּעראַטיוון מעכאַניזם. איך ווייס, אַז נישט איינער פאַר מיר האָט דאָס שוין דערציילט: — דער קרבן, אַ מידער, אַ דערשעפּטער פון הונגער, און קעלט, זיצט אַנטקעגן דעם טיש פון אויספאַרשער, און ער, דער אויספאַרשער, לייגט אַרויף אויף זײַן טיש ווײַס ברויט מיט פּוטער, ווורשט, חזיר־פעטס א.אַ. און דאָס געהערט צו זײַן רעקוויזיט. ציגאַרעטן צעוואָרפט ער אויפן טיש אין פּעקלעך, און צינדט זיי אָן, אַז זייער רויך זאָל זיך פונאַנדערגיין אין צימער און רייצן ביז ווילדקייט. און שטענדיק זאָגט ער צו דיר: נאָך דעם ווי דו וועסט אונטערשרײַבן די באַשולדיקונג, וועט ער דיר דערלויבן באַקומען אַ „פּערעדאַטשע". גאַווורילאָוו, — ווי שוין געזאָגט, — האָט נישט נאָר אַליין געפּאָרשט, נאָר אויך פאַרוואַלטעט מיט אַנדערע. געגעבן אָנווײַזונגען, אינסטרוקציעס, אַזוי, אַז אַנדערע זענען אַרײַן און אַרויס פון זײַן צימער. באַזונדערס שטאַרק איז געווען די באַוועגונג אין די נעכט פון סוף־חודש. ווי אין אַלע סאָוויעטישע אונטערנעמונגען, דאַרף מען פאַרן סוף צוזאַמענשטעלן דעם „נאַריאַד" פאַר דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט במשך פון חודש, און לויט דעם באַקומען באַצאָלט. אין די אַ נעכט איז די ברוטאַלקייט און צערייצטקייט פון די אויספאַרשערס געווען אָן לשער. פּשוט, פאַרענדיקן די „דיעלאָ" און באַקומען באַצאָלט...

„מײַן" גאַווורילאָוו איז געווען דער אונטערשרײַבער פון די „נאַריאַדן" פאַר זײַנע געהילפן. האָב איך דאָס עטלעכע מאָל געפּילט אויף מײַן הויט. ווען גאַווורילאָוו האָט געהאַפּט אַז שוין דעם סוף וועט ער באַקומען פאַר זײַן פאַרענדיקטער „אַרבעט" בײַ מיר איז ער אין די נעכט געווען ווילד, צערייצט, ווי אַ שפּאַנישער אָקס. אַן אָנגעלאָפענע רויטע מאָרדע, רויט־טריפנדיקע אויגן, גרייט יעדע מינוט זיך וואַרפן אויפן קרבן אָן רחמנות.

איין מאָל, נאָך אַזאַ נישט־זיגרײַכער אַטאַקע, איז פאָרגעקומען,

לאַמיר עס אַנרופן, אַנטשפּאַנונג. ער האָט צו מיר אַזוי גערעדט:
די גאַנצע זאַך בײַ דיר איז, — זאָגט ער, — וואָס דו פאַרשטייסט נישט, ווי דו געפינסט זיך. דו פאַרשטייסט נישט, וואָס איז דאָס אַזוינס ק.ג.ב.־אָרגאַנען. דאָס איז נישט עפּעס קיין מיליץ, נ.ק.וו.ד. — דאָרט קאָנסטו זיך אויסטענהן, אַז דו ביסט נישט שולדיק, דאָ, אַז דו קומסט אַרײַן אין ק.ג.ב. ביסטו שוין שולדיק, ווײַל ק.ג.ב. ווייסט אַלץ און מאַכט קיינמאָל נישט קיין טעות. דאָ ווײַזט ער אויף זײַנע טיש־שופלאָדן ווי עס געפינט זיך אַלץ, שוואַרץ אויף ווײַס...

דאָס מאָל איז ער געווען אַזוי העפלעך, אַז ער האָט מיר געברענגט אַזאַ ביישפּיל: איין מאָל, — זאָגט ער, — איז אַרויס־געפאָרן אַ וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע אין באַשטאַנד פון דרײַ מענטשן, ערגעץ־ווו אויף אַ וויסטעניש, דורכצופירן אַ וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונג. צוריקגעקערט האָבן זיך נאָר צוויי פון די דרײַ, און יעדער פון די צוויי זאָגט אויפן אַנדערן, אַז יענער האָט געהרגעט דעם דריטן... און קיין עדות איז נישטאָ. אָבער, — זאָגט ער, — די ק.ג.ב ווייסט... פאַנימאַיעש?...

— און דו ביסט זיך נישט מודה, ווען אַלע דײַנע בעסטע חברים האָבן זיך שוין מודה געווען.

די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרצויגן. איך בין געווען דער איינציקער אין קאַמער, וואָס האָב דורכגעלאָזט דרײַ־פיר פּאַרטיעס אויף אויספאָרשונג, פאַר מײַן צײַט.

מאַכט זיך אַ מעשה, מאַיאָר גאַווריליאָוו פאַרשווינדט ערגעץ־ווו און גיט מיך איבער צום קאַפּיטאַן וולאַסאָוו. אָ, דאָ האָב איך ממש געהאַט אורלויב!... ער האָט געפרעגט, איך האָב געענטפערט, און ער האָט געשריבן... דאָס האָט אַזוי געדויערט נאַכט בײַ נאַכט, קנאַפּע דרײַ וואָכן. פאַרשריבן האָט ער וועגן צוזאַמענפאָרן, 1903, 1907, — אַליין האָט ער וועגן דעם געוווּסט מער ווי אַ טויטער, ווי מען זאָגט. כ'האָב פאַרשטאַנען און געוווּסט, אַז דאָס איז, ליידער, אַרויסגעוואָרפענע צײַט. נישט דאָס דאַרף און וויל גאַווריליאָוו פון מיר. ער האָט זיך צוריקגעקערט און מיך ווידער „גענומען אין דער אַרבעט אַרײַן".

— נו, ראַסקאַזשי, — האָט ער פון דאָס נײַ אָנגעהויבן מיט

מיר. ווען איך האָב אים געענפערט אַז איך האָב שוין אַלץ דערציילט דעם אויספאָרשער קאַפּיטאַן וולאַסאָוו, האָט ער געהאַלטן אַלע פאַרשריבענע פּראָטאָקאָלן פון קאַפּיטאַן וולאַסאָוו אונטער דער האַנט, זיי אַ צעריס געטאָן מיט אַ פעפערדיקן רוסישן זידל־וואָרט און אַ שלײַדער געטאָן זיי מיר אין פּנים אַרײַן. מיט פאַרביסענע ציינער האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: אידי טי נאַ...

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם זענען ווידער געקומען זייער שווערע טעג און נעכט. און עס ווילט זיך מיר דערציילן, וועגן איין טראַגישער דערשלאָגנדיקער איבערלעבונג.

מיט איינעם פון מײַנע נאָענטסטע, צווישן די איבעריקע אָכט באַשולדיקטע, בײַ אַ קאָנפראָנטאַציע, אָדער ווי מען רופט עס אויפן טורמע־לשון „אָטשנאַי סטאַווקע״, איינער וואָס געפינט זיך שוין נישט צווישן די לעבעדיקע, האָב איך געהאַט אַזאַ סצענע.

געווען איז דאָס שוין אין סוף פון די אויסגעמאַטערטע, לאַנג־דויערנדיקע נאַכט־שעהען. אין צימער בײַם אויספאָרשונג־ריכטער, זיצט אַנטקעגן מיר מײַן נאָענטער חבר, ווען איך האָב איצט קוים דערקענט. שרעקלעך! מילא, זיך אַליין האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געזען. אָבער ער?! — דער אויספאָרשער באַפעלט מיר זיך צו זעצן. נאָך איידער איך באַווײַז זיך צו זעצן, ווענדט זיך צו מיר אין יידיש מײַן מיטבאַשולדיקטער חבר, געגנוי מיט די ווערטער, ווי איך גיב זיי דאָ איבער: חיים ,איך בעט דיך, זאָג יאָ... מיר וועלן שוין פון דאַנען אַלץ איינס נישט אַרויס.. איך האָב שוין מער קיין כּוח נישט זיך צו מאַטערן. אונדזער לעבן איז פאַרשפּילט. בעט איך דיך, האָב רחמנות אויף דיר און אויף מיר און זאָג „יאָ״... און גלײַך ווענדט זיך צו אים גאַווריל־אָוו: „סקאזשי באַביצו, — קאַק עטאָ בילאָ אי וואָס טאַם וו קורעניאָוויע... (דאָס אָרט פון אונדזער ערשטער פאַרשיקונג). — זאָג באַביצן, ווי אַזוי ס'איז דאָרט געווען אין קורעניעוואָ. און ער זאָגט, — פאַרשטייט זיך אין רוסיש — אַז אין איינעם אַ טאָג איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ סטרײַק־קאָמיטעט צו אָרגאַניזירן די וואַלד־אַרבעטער זיי זאָלן נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט. אין דעם סטרײַק־קאָמיטעט זענען געווען: חיים באַביץ, פּאַרזיצער, פּישקע נײַמאַן — סעקרעטאַר,

און ער אַליין, ווי אַ מיטגליד אין דעם קאָמיטעט. און אַז די אַרבעטער זענען דרײַ טעג נישט אַרויס צו דער אַרבעט.

ווען דער חבר מײַנער פאַרענדיקט, ווענדט זיך צו מיר דער אויספאַרשער, איך זאָל דאָס באַשטעטיקן. און איך נעם צוזאַמען אַלע מײַנע לעצטע כּוחות און ענטפער אַ באַהערשטער: ווסיאָ אַטריצאַיו! איך לייקן אַלץ אָפּ.

— ער! — שפּרינגט ער אויף אַ צעווילדעוועטער. — טי טאַקאָי אי טאַקאָי! דײַן בעסטער חבר זאָגט דיר אין די אויגן אַרײַן, און דו וואַרפסט עס אָפּ! און ער וואַרפט זיך אויף מיר מיט די פויסטן. אַ נישט־באַהערשטער פון ווילדן כּעס גיט ער אַ קלונג און דער קאָנוואָי קומט אַרײַן מיך אַוועקנעמען פון אים. לאַנגע יאָרן האָט אָט די איבערלעבונג מיך פאַרפאָלגט. אין דער ערשטער צײַט האָט מיר וויי געטאָן אויף מײַן גוטן חבר, אָבער ווען איך האָב נענטער דערקענט דעם אָריגינעל־דערפינדערישן ק.ג.ב.־מעכאַניזם, האָב איך אים נישט נאָר מוחל געווען נאָר איך האָב אויך אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס, וואָס איך און מײַנס גלייכן האָבן יאָרן פריִער נישט פאַרשטאַנען: ווי אַזוי ווערן זיי, די גרויסע פּאַרטיי־טוערס, די פּאָליטישע אידעאָלאָגן, די גענעראַלן און מאַרשאַלן — צעקוועטשט און צעריבן אין דער דורך זיי אַליין אויסגעטראַכטער טײַוול־מאַשין, פון ג.פּ.או. ביז ק.ג.ב

לאָמיך נישט ממשיך זײַן מיטן דערציילן וואָס עס איז ווײַטער פאָרגעקומען אין מײַן אויספאַרשונג. גענוג. כ'וויל אָבער יאָ פאַר־צייכענען ווי אַזוי זי איז פאַרענדיקט געוואָרן. מעגלעך, אַז עס וועלן זײַן אַזעלכע וועמען עס וועט שווער זײַן צו באַנעמען ווי אַזוי אַזאַ געפּרוּווטער זאָל נאָך אַזויפיל יאָרן, נאָך זײַן אומשטאַנד דאָס אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר און מ'מעג זיך וווּנדערן.

נאָך שווערע ראַנגלדיקע טעג און נעכט — ביז מער אַפילו ווי 20 שעה אין מעת־לעת, און אַז מאַיאָר גאַוורילאָוו האָט נישט דערגרייכט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, בין איך אין איינעם אַן אָוונט געבראַכט געוואָרן צו אים אין זײַן אויספאַרשונג־צימער, מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, בעת די שויבן אין צימער זענען געווען באַדעקט מיט אײַזיקן שניי, און באַפוילן געוואָרן אַראָפּ־

צונעמען אַלץ וואָס האָט צוגעדעקט מײַן גוף, מיר געגעבן אײן פּונקט וווּהין צו ווענדן מײַנע אויגן, מיט אַ וואָרענונג אַז איך וועל באַשטראָפט ווערן אויב איך וועל אָפּווענדן מײַן בליק פון אָט דעם פּונקט. אָוועקגעלייגט מײַנע הענט אויף אַ באַשטימטן אָרט, מיט אַ פאַרבאָט זיי נישט צו באַוועגן און נישט פאַרמאַכן די אויגן. מ׳האָט אָוועקגעשטעלט לעבן מיר אַ וואַכמאַן, וואָס האָט זיך יעדע פּאָר שעה געביטן, און מיר שטרענג באַפוילן אַזוי צו זיצן אָן איבעררײַס. (אין פאַל, ווען איך וועל דאַרפן נאַטירלעכע באַדערפעניש, זאָל איך מעלדן דעם וואַכמאַן). אָן אַ כזית עסן, אָן אַ טראָפּן וואַסער, אָבער דער עיקר: האַלטן אָפן די אויגן, נישט אײַנשלאָפן... און אין דער אַ פּאָזיציע בין איך געצוווּנגען געוואָרן צו זיצן פון זונטיק 1 אַזייגער אָוונט — אַלע טעג און נעכט פון דער וואָך — ביז דעם נאָענסטן שבת 5.30 פאַרנאַכט, ווען כ׳האָב באַקומען אַ באַפעל... צו לייגן זיך שלאָפן אויף אַ באַנק, דאָרט אין צימער, אויף אָנדערטהאַלבן שעה. די אָנדערט־האַלבן שעה זענען געווען די שווידערלעכסטע פיזישע און גײַסטיקע צעטרײַסלונג און צעשטערונג פון מײַן גאַנצן גלײַכגעוויכט. אַוודאי האָט אין די ערשטע טעג געגנאָגט דער הונגער, די טרוקעניש אין מויל האָט ממש געשטיקט. די נאַטירלעכע באַדערפענישן האָבן באַלד אויפגעהערט. איך קאָן נישט געפינען קיין פּאַסיקע ווערטער אויף צו באַצייכענען דעם צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב זיך געפונען אין די לעצטע טעג און שעהען. דאָס וואָס איך געדענק יאָ פון יענער צײַט איז, אַז איך בין נישט געווען !... קיין באַוווּסטזײַן האָב איך נישט געהאַט. קיין באַדערפענישן — אויך נישט. כ׳האָב שוין נישט געליטן נישט פון הונגער, נישט פון דורשט, נישט פון שלאָפלאָזיקייט. כ׳בין געווען אויסגעטאָן פון יעדן מין טראַכטעניש. די גאַנצע וועלט האָט פאַר מיר נישט מער עקזיסטירט. אָבער איין אינסטינקטיווער באַגער האָט מיך יאָ באַהערשט: — אַוועק !... אַוועק פון אָט דעם אָרט. וווּהין ? — נישט וויכטיק. יעדעס צווייטע אָרט איז באַפרײַונג, אַפילו גיהנומדיקע טורמע־קאַמער.

ווען איך בין דערנאָך אָנגעקומען אין מײַן טורמע־צעלע, האָב איך דערפילט אַן אַנטשפּאַנונג, אַן אַזוי־גערופענע „באַפרײַונג״.

כ'האָב אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז איך בין איינגעבראָכן און האָב נישט מער די מיטלען זיך קעגנצושטעלן ווי ביז איצט. איך בין דערשעפּט און אויסגעשעפּט. אין קאַמער האָב איך דערקלערט, אַז אין דעם טאָג ווען איך וועל אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל ביים אויספאָרשונגס־ריכטער וועל איך קראַנק ווערן. און אַזוי איז טאַקע געווען.

נאָך אַן איבעררייס פון עטלעכע טעג בין איך ווידער אַרויס־גערופן געוואָרן צום מאַיאָר גאַווריליאָוו, דאָס מאָל שוין מיט דער פּאָר מיר פיינלעכער דעציזיע אונטערצושרייבן. איך בין שוין אָבער געווען קראַנק און ער האָט דאָס געוווּסט. כ'האָב געהאַט הויכע טעמפּעראַטור און גאַווריליאָוו האָט באַפוילן מיטן קאָנוואָי וואָס האָט מיך צוריקגעפירט אין טורמע, מען זאָל מיר דערלויבן אַ ליגנדיקע פּאָזיציע אויף מיין נאַרע, נאָך פאַרן „אָטבאָי" (נאַכט־אָפּרוף), און מען זאָל מיך פירן צום טורמע־דאָקטער.

דער „טורמע־דאָקטער" איז געווען אַ, בערך, 20 יעריק יינגל, וואָס האָט מן הסתם נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט אַ 3 חדשימדיקן סאַניטאַרן־קורס. ער האָט מיך אויסגעהערט, צווישן אַנדערן אויך דאָס האַרץ, אויף וואָס איך האָב זיך דעמלט געקלאָגט, און מיר פאַרזיכערט אַז... מיט אַזאַ האַרץ קאָן איך נאָך לעבן אַ 20 יאָר! לאָמיר דאָ צוגעבן, אַז דאָס איז געווען אין יאָר 1945!

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער אָנהייב פון מיין לעבנס־דראַמע, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע 10 חדשים, אין די ווענט פון דער טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אוליאַנאָווסקער ק.ג.ב. טאָלסטאָי־גאַס 32, מיט איר הויפּט־העלד, דעם אַרכי־סאַדיסט מאַיאָר גאַווריליאָוו. ער האָט עס געגרייט און רייף געמאַכט דעם באָדן פאַר אַלע שפּעטערדיקע אומגליקס־יאָרן מיינע.

יאָ. יאָ. מיט דעם אונטערשרייבן דורך מיר — דער לעצטער פון די 9 — דעם פּראָטאָקאָל פון דעם אַלגעמיינעם באַשולדיקונג־אַקט, איז אונדזער אַלעמענס אויספאָרשונג געוואָרן פאַרענדיקט און מיר זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער גרויסער טורמע אין אוליאַנאָווסק, אָפּצוואַרטן דעם וויטערדיקן גורל, וואָס וועגן אים וועט באַשליסן די מאָסקווער „טראָיקע".

איך ווילו דאָ נישט אויפוויקלען דעם גאַנצן אַבסורדאַלן גערעאַנגל וואָס האָט געדויערט צווישן מיר און מײַן אויספאָרשער מאַיאָר גאַוורילאָוו העכער 9 חדשים, צו 20 שעה אין מעת־לעת און מערער נאָך. איך וויל בלויז באַווייזן דעם לייענער אַרײַנצוקוקן אין די צוגעגרייטע פּאַפּירלעך, וואָס געפינען זיך בײַ אַלע אויס־פאָרשערס דאָרט, צוגעגרייטע, וואָס זיי דאַרפן אַרויסבאַקומען פון זייערע קרבנות. וואָכן, חדשים בין איך געפּײַניקט געוואָרן אונטער־צושרײַבן, אַז איך האָב זיך אין דער שטאָט סיזראַן בײַ דער וואָלגע, געטראָפן מיט דעם פאַרמלחמהדיקן פירער פון די וואַרשעווער ציוניסטן, וואָס זײַן נאָמען איז לעווין, און געשלאָסן מיט אים אַ בונדיש־ציוניסטישן „אָפּמאַך", צו קעמפן קעגן דער נײַער מאַכט אין פּוילן! אַלע מײַנע טענה׳ס אַז, ערשטנס, אויף וויפל ס׳איז מיר באַקאַנט, איז אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע נישט געווען קיין באַקאַנטער פּראָמינענטער ציוניסטישער פירער מיטן נאָמען לעווין, און איך האָב אַזאַ לעווין קיינמאָל נישט געקענט און במילא זיך נישט געזען מיט אים אין סיזראַן... אַלע מײַנע רייד זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אַרויסגעוואָרפענע. איך האָב אַפילו געפּרוּווט אים אַרויסהעלפן, אַז בײַ די פרומע, בײַ דער אגודה אין וואַרשע איז געווען אַזאַ נאָמען: איטשע מאיר לעווין... אָבער איך האָב אים פערזענלעך קיינמאָל נישט געקענט און אַוודאי מיט אים זיך נישט געטראָפן. ער איז אגב דאָרט קיינמאָל נישט געווען. האָט ער, דער אויספאָרשער, דערפון נישט געוואָלט הערן. נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן — געפאָדערט נאָר אונטערצושרײַבן זײַן ווערסיע.

ווען איך האָב געטענהט: פאַראַן שוין בײַ דיר געגוג באַשול־דיקונג־מאַטעריאַל קעגן מיר — אַ בונדיסט, אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, אַ סאַבאָטאַזשניק, און וואָס נישט? קומט דאָך שוין גענוג אויף פאַר דעם, צוליב וואָס דאַרפסטו נאָך אויסטראַכטן אַזעלכע משונהדיקע אַבסורדן? האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף זײַנע שופלאָדן, אַז ער האָט דאָקומענטן דאַרויף. געמיינט האָט ער, אַז לויט זײַן „ספּראַוואָטשניק" איז יעדער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און בונדיסט אויך אַ ציוניסט און — וואָס נישט?...

לסוף האָט ער זיך פאַררופן דאַרויף, אַז אויך דער באַקאַנטער אין יענער צײַט געוועזענער ציוניסטישער טוער און דעמלט מיטגליד אין דער נײַ־געשאַפענער פוילישער רעגירונג, דעפּוטאַט זאַמערשטיין, איז אויך פאַרמישט אין דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער דיווערסיע...

אגב, דאָ אין ישראל, איז דאָס נישט געווען גענוג אויף אָנערקענט צו ווערן פאַר אַן „אסיר ציון" אָדער „אסיר — ייד", ווען די ישראל־רעגירונג דאַרף באַשיצן. אָבער, דאָס נאָר אגב אורחא, עס זענען פאַראַן אַ סך געוועזענע מאַגאַזינען־פאַרוואַלטערס, וואָס זענען צוליב זייערע פאַרברעכנס אַריין דאָרט אין טורמע, און שפּעטער, ווען זיי זענען געקומען קיין ישראל, האָבן זיי זיך אָנגעגעבן און זענען אָנערקענט געוואָרן פאַר „אסירי ציון"...

מײַנע טורמע־פּאַרטנערן

צוויי פון מײַנע אוליאַנאָווסקער טורמע־פּאַרטנערן וואָלט איך שטאַרק וועלן פֿאַראייביקן. דאָס זענען מיכאַיל אַנדרעיעוויטש זשאַלטאָוו און באָריס באָריסאָוויטש באָריסאָוו. אַז איר לייענט איבער די שאַרפֿע דרײַ רישן פון דעם לעצטן, זענט איר זיכער איבערצײַגט, אַז איר האָט דאָ פּאַר זיך אַ רוס בן רוס פון אמתן רוסן־לאַנד און רוסן־פֿאָלק, בפרט נאָך אַז האַנדלען האַנדלט עס זיך וועגן אַ געוועזענעם רעדאַקטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער „איזוויעסטיאַ" — דעם אָפּיציאָז פון דער רעגירונג. זינט די 20קער יאָרן ביז 1937, ווען ער איז פֿאַרמשפּט געוואָרן ווי אַ טראָצקיסט, האָט זיך מיט דעם אָנגעהויבן זײַן ווײַטערדיקער לעבנס־וועג, וואָס האָט זיך געקײַקלט ביז דער טיר פון אונדזער טורמע־קאַמער, וואָס האָט זיך געעפֿנט און אין איר איז אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן באָריס באָריסאָוויטש באָריסאָוו, צום 2טן מאָל פון זײַן אַרעסט.

דער ערשטער אײַנדרוק פון זײַן געזיכט און האַלטונג איז אַן צווײַפֿל אַן אַבסאָלוטע אָפּלייקענונג אָדער פֿאַרלייקענונג פון זײַן נאָמען. זײַן סעמיטישער, אַפילו חסידישער אויסזען באַשטעטיקט דאָס, וואָס איך האָב גאָר אינטים באַוויזן פון אים זיך צו דערוויסן.

ב.ב.ב. איז געבוירן געוואָרן בײַ פֿרומע ייִדישע טאַטע־מאַמע, אין אַ קליין שטעטל אין ווײַסרוסלאַנד, נישט ווײַט פון באָברויסק. זײַן טאַטע איז נישט לאַנג נאָך זײַן געבורט געשטאָרבן, אַזוי, אַז ב.ב.ב. האָט זיך דערצויגן בײַ זײַנע חסידישע באָבע־זיידע, און ביזן עלטער פון 15 יאָר איז ער געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַן עילוי אין אַ ישיבה, דערנאָך האָט ער די ישיבה פֿאַרלאָזט און דער שפּעטערדיקער וועג האָט אים געבראַכט צו דער רעדאַקציע „איזוויעסטיאַ". פֿאַר מיר איז ער אָן ספק געווען דער פּאָליטיש־אינטעליגענטסטער מענטש, וואָס איך האָב באַגעגנט אין סאָוויעט־

רוסלאַנד פאַר אַלע מײַנע 18 יאָר זײַן דאָרט; אַ מענטש וואָס האָט געקענט און געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד. ביז זײַן ערשטן אַרעסט און משפּט אין יאָר 1937, איז ער געווען, ווי זײַנס גלײַכן, גוט אײַנגעאָרדנט, געהאַט אַ ייִדישע פרוי, אויך נישט אַבי ווער: אַ טעכנישע סעקרעטאַרין בײַם צ.ק. ק.פ.ב. נאָך דעם, ווי ער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט די פרוי זיך פון אים אָפּגעזאָגט אָפיציעל און איז פאַר אים פאַרלוירן געוואָרן. ב.ב.ב. איז אָפּגעזעסן זײַן רעלאַטיוון „סראָק" פון דער מאָסקווער „טראָיקע" און אין די מיטן 40קער באַפרײַט געוואָרן און פאַרשיקט אין אַ קליין ראַיאָן־שטעטל מיטן נאָמען מעלאַקעס, אוליאַנאָווסקער אָבלאַסט. דאָרט איז ער אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ קליין טעקסטיל־פאַבריקל. בײַ עפּעס אַ ווייניק־וויכטיקער פיזישער אַרבעט, מיט אַ קוים־קוים־מעגלעכער עקסיסטענץ. אויף דעם אַרבעט־פּלאַץ האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ פרוי און מיט דער צײַט איז זי געוואָרן זײַן ווײַב און זיי האָבן געוווינט צוזאַמען. דערווײַל האָט דער זשורנאַליסטישער רייץ נישט געלאָזט אים אײַנרוען און בײַ אַ היסטאָרישער דאַטע פון קאַרל מאַרקסן האָט ער אָנגעשריבן עפּעס אַ נאָטיץ, געווידמעט דער דאַטע אין דער אָרטיקער ראַיאָן־צײַטונג „מעלאַקעסקאַיאַ פּראַוודאַ". צו זײַן שטוינונג און פאַרווּנדערונג האָט ער נאָך אַזויפיל יאָרן ווידער זיך געזען געדרוקט — דאָס מאָל, זאָל זײַן, אין „מעלאַקעסקאַיאַ פּראַוודאַ"... דאָס אָבער האָט אַזוי צערייצט זײַן ווײַטערדיקן זשורנאַליסטישן חשק, אַז ער האָט אין אַ געוויסער צײַט אַרום אָנגעשריבן און געשיקט אין דער אָבלאַסטנאָיער צײַטונג „אוליאַנאָווסקאַיאַ פּראַוודאַ" אַ נאָטיץ, ווידער וועגן עפּעס אַ היסטאָרישער דאַטע, און זי איז געוואָרן געדרוקט. און ער איז זיך ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זײַן באַשיידן פּשוט לעבן, צוזאַמען מיט זײַן פרוי, אין דער טעקסטיל־פאַבריק אין שטעטל. מיטאַמאָל באַקומט ער אַ בריוו, אַז ער ווערט אַרויסגערופן קיין אוליאַנאָווסק, אין דער רעדאַקציע „אוליאַנאָווסקאַיאַ פּראַוודאַ", צימער דער און דער. ב.ב.ב. איז אויסער זיך פון פרייד: אַ קלייניקייט! זיכער ווערט ער צוגעצויגן צו דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע. קוים זיך דערוואַרט

אויפֿן טאָג, זוכט ער אויף די טרעפּ דעם אָנגעוויזענעם צימער, און אַזוי זוכנדיק, פֿרעגט אים איינער: ביסטו נישט באָריס באָריסאָוויטש באָריסאָוו? — יאָ! — זאָגט ער, דערפֿרייענדיק זיך.

האָט אים דער איינער פֿאַרבעטן אין צימער און פֿון דעם צימער איז ער אָנגעקומען אין אונדזער טורמע־קאַמער, און אָנגעהויבן דעם צווייטן אַקט פֿון זײַן דראַמע.

יאָ, די טראַגעדיע פֿון דער מענטשלעכער געפֿאַלנקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דער איינציקער באַשולדיקונגס־עדות אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט זײַן צווייטער באַשולדיקונגס־אַקט, איז געווען זײַן צווייטע פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט און צוזאַמענ־געלעבט אין דער מעלאַקעסקער טעקסטיל־פֿאַבריק, זי איז געווען אַן אַגענטין, פֿון ק.ג.ב.

ב.ב.ב. האָט אומקערנדיק זיך איין מאָל פֿון אַ קאָנפֿראָנטאַציע מיט זײַן פֿרוי, וואָס האָט עדות געזאָגט קעגן אים, בײַם אויספֿאָרשער, ווי אַן אינטעליגענטער מענטש באַקלאָגט נישט נאָר זײַן פּערזענלעכן פֿאַרשאָלטענעם גורל, נאָר אויך די גע־פֿאַלנקייט און מאָראַלישע צעפּרעסנקייט, פֿאַרדאָרבנקייט, וואָס ווערט אָנגעוואָנדן אין דעם ק.ג.ב.־מעכאַניזם.

איך האָב נאָך באַוויזן זיך צו טרעפֿן מיט באָריסאָוון אין לאַגער, נאָך זײַן אורטייל, וואָס איז דאָס מאָל געווען 8 יאָר לאַגער און 5 יאָר פֿאַרשיקונג.

מיכאַיִל אַנדרעיעוויטש זשאָלטאָוו איז אַ הויכער, אַ שלאַנקער, צו יענער צייט 52־יעריקער מאַן, אַ רוס מיט אַלע זײַנע אבֿרים. אַ באָלשעוויק און פֿאַרטײַער פֿון זינט 1917; מיטגעמאַכט אַלע באַזונדערע פֿאַזעס אין דער פּאַרטיי. פֿון באַרוף אַן אינזשעניער־טעכניקער. זינט דער מלחמה — „נאַטשאַלניק פֿאַר מיליטערישער בוויונג אין שטאָט אוליאַנאָווסק". אין שטאָט באַקאַנט אונטער צונאָמען: „קאָראָל גאָראָדאָ".

אין אַפּריל 1945 איז ער אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר עקאָנאָמישער קאָנטר־רעוואָלוציע. אַרײַן אין אונדזער קאַמער מיט אַ באַשול־דיקונג־פּאַראַגראַף, וואָס האָט געדראָט מיט טויט־שטראָף. דער אמת דערפֿון איז, אַז זשאָלטאָוו האָט לויט זײַן אַמט פֿאַרוואַלטעט

מיט גרויסע קוואַנטומס בוי־און אַנדערע מאַטעריאַלן, וועלכע ער האָט באַקומען פאַר דער מיליטערישער בויונג. אָבער כּדי דאָס צו באַקומען האָט ער אויסגענוצט געזעצלעכע און נישט־געזעצלעכע וועגן. דער נאָמען „קאַראַל גאַראַדאַ" — דער קעניג פון דער שטאָט — איז אים נישט צוגעוואָרפן געוואָרן, נאָר איז מיט אים מיטגעגאַנגען. ער האָט אַלע שפּיצן־מענטשן פון שטאָט באַזאָרגט און געזאָרגט אַז זיי מיט זייער פאַמיליעס זאָלן קאָנען לעבן. ער האָט רעגולער באַזאָרגט אַלץ אין שטוב אַריַין דעם פּאַרט־קאָם, דעם גאָרקאָם און ריַיקאָם, דעם פּרעדקאָם, און וועלכן „קאָם" נישט? ער האָט גוט געדענקט דעם קאָמענדאַנט פון דער מיליציע און דער עיקר, דעם אָבלאָסטנאָי פּראָקוראָר שלאָנסקי.

איצט איז נאָך דעם ערשטן, באַזוכט דער פּראָקוראָר שלאָנסקי די אַרעסטירטע אין די טורמע־קאַמערן און פרעגט זיי, צי אַלץ איז ביַי זיי אין אָרדענונג און צי זיי האָבן נישט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. שטייען אַלע אַרעסטאַנטן אויסגעשטעלט, זשאַלטאָוו אין דער ערשטער ריי, און פּראָקוראָר שלאָנסקי גייט אים פאַרביי ווי אומבאַקאַנט. זשאַלטאָוו איז אין יענער נאַכט געווען אויף אַן אויספאָרשונג און דער שוין־דערמאָנטער פאָלקאָוניק איוואַנאָוו האָט זשאַלטאָוון, דראָענדיק מיטן געלאָדענעם רעוואָלווער, באַליי־דיקנדיק און זידלענדיק אים, געזאָגט: איך דערשיס דיך, פּראָסטיטוטקע, ווי אַ הונט! האָט זיך זשאַלטאָוו אויפגעשטעלט, גענומען דאָס בענקל אין האַנט אַריַין און אים געזאָגט: אָבער אויך דו וועסט פון דאַנען נישט אַרויס קיין לעבעדיקער!...

מיכאַיל אַנדרעיעוויטש זשאַלטאָוו איז געווען אַ קלוגער, אינ־טעליגענטער מענטש. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין אוניווערסיטעט־בילדונג, אָבער ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך לעבנס־דערפאַרונג, מיטגעמאַכט מלחמות און רעוואָלוציעס, בירגער־קריג און די קאָלעקטיוויזאַציע, און דערפילט אַ סך פּאַרטייאישע שליחותן, ביז ער איז אַריַינגעפאַלן אין טורמע. זיַין אויספאָרשונג איז געווען נישט ווייניק קאָמפּליצירט. מיר ביידע האָבן געפונען צווישן זיך אַ נאָענטקייט אין דער גאָר שווערער ציַיט פאַר אים און אַוודאי

נישט ווייניקער פאַר מיר. מיר זענעןביידע שטאַרק געדודפט געוואָרן ביי דער אויספאַרשונג.

אין אַ געוויסן טאָג זענען מיר ביידע אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן איזאָלירטער קאַמער, וואָס איז נאָר פאַר צוויי. דעמלט איז געשטאַרקט און פאַראייניקט געוואָרן אונדזער גוטברודערלעכקייט, וועלכע זשאַלטאַוו האָט אַרויסגעוויזן נישט נאָר צו מיר פּערזענלעך נאָר צו אונדזער גאַנצער גרופּע, וועלכער ער האָט שפּעטער געהאָלפן אין די ערשטע טעג פון אונדזער אָנקומען אין לאַגער.

די זשאַלטאַוו־טראַגעדיע האָט אויך איר ספּעציפיש פּאָליטיש־באָלשעוויסטישן כאַראַקטעריסטישן אונטערשלאַג. זשאַלטאַוו האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט לגבי דאָס אָנווענדן דאָס געזעץ קעגן אים, ער האָט אָבער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די ליגנס קעגן אים. ער האָט זיך איין מאָל אין אַ פאַרטאָג אומגעקערט פון אַ נאַכט־אויספאַרשונג אין אונדזער איזאָליר־קאַמער, אַ שטאַרק פאַר־פּייניקטער און צוזאַמענגעבראָכענער. ער איז צו צו מיין נאַרע, אויף וועלכער איך בין געזעסן, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, באָלשעוויסטיש זיך איבערגעצלמט און צו מיר געזאָגט:

— חיים אַבראַמאָוויטש, יעי באָגו, איך שווער דיר ביי גאָט און ביי אַלץ וואָס איז הייליק! — כ׳האָב נישט געקענט די סאָוויעטישע מאַכט! איך בין אַן אַלטער באָלשעוויק. נאָך פון 17טן יאָר, איך האָב אָנטייל גענומען אין אַ סך שלאַכטן פון בירגער־קריג, איך האָב זיך באַטייליקט אין דורכפירן די קאָלעקטיוויזאַציע, איך האָב דערפילט אַלע מיינע פּאַרטייאישע פליכטן, נאָר איך שווער דיר נאָך אַ מאָל ביי אַלץ וואָס איז הייליק, — כ׳האָב נישט געקענט די סאָוויעטישע מאַכט... איצט קען איך זי...

זשאַלטאַוו איז געווען אַ זייער גוטער מענטש, אַ גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק און געזאַנג. געהאַט האָט ער אַ זון, אַ הויכן אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי. זיין צווייטע פרוי, אַ דאָקטאָרין, צו יענער צייט די פאַרוואַלטערין פון שטאָטישן שפּיטאָל. אָבער ער, זשאַלטאַוו, איז אין דער צייט פון דער אויספאַרשונג דערפירט געוואָרן צו אַ צושטאַנד פון אונטערגאַנג און אויסגאַנג, ווי מען רופט עס אויפן דאָרטיקן טורמע־לשון „דאָכאָדיאַגאַ״. ווען ער איז

שוין נישט פעיק געווען אַראָפּצוגיין פון דער נאַרע צו די באַדערפענישן אין הויף, האָט ער ביי מיר געבעטן איך זאָל גיין, אפשר וועל איך דאָרט, אין דער אוביקאַציע, געפינען אַוועק־געוואָרפן אָפּפאַלעכץ, פון וועלכן ער וועט אפשר קאָנען צונויפדרייען אַ שטיקל סיגאַרעט.

זשאַלטאַוו איז דורכן מיליטערישן טריבונאַל פאַרמשפט געוואָרן צום טויט, אָבער שפּעטער איז דער אורטייל פאַרביטן געוואָרן אויף 10 יאָר לאַגער.

ווען איך בין מיט מיין גרופּע אָנגעקומען אינעם ערשטן לאַגער, איז שוין זשאַלטאַוו דאָרט געווען אַ גאַנצער מאַכער. אַפילו זיך שוין געפונען אינעם ספּעציעלן באַראַק פאַרן אינזשעניער־טעכנישן פּערסאָנאַל און שוין געווען „פּראַראַב" ד.ה. אַן אַרבעט־אָנפירער. אונדזער טרעפן זיך אין לאַגער איז געווען אויסער־געוויינלעך האַרציק. אין פאַרגלייך מיט די באַדינגונגען אין טורמע־קאַמער, האָט זיך אונדז ביידן אויסגעדאַכט, אַז מיר האָבן זיך אומגעקערט פון טויט צו לעבן. זשאַלטאַוו האָט מיר און אונדזער גרופּע אַרויסגעוויזן גרויס איבערגעגעבנקייט און הילף. דאָס חברן זיך אין לאַגער מיט אַזאַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער גרופּע יידן, פון אַזאַ הויך־געשטעלטן אַרעסטאַנט, דאַרף פאַרצייכנט ווערן מיט לויב און פאַרערונג. און אַוודאי דערמאָנען זיך נאָך די קעגנזייטיקע צוזאָגן וואָס מיר האָבן זיך געגעבן אין דער טורמעדיקער איזאָ־לאַציע־קאַמער, אַז אויב מירן בלייבן לעבן, וועלן מיר זיך נישט נאָר געדענקען, נאָר אויך אָפּזוכן ווי נאָענטסטע לעבנס־פריינד... אָבער דער גאַנג פון לעבן איז שטאַרקער ווי די צוזאָגן. ליידער בלייבט מיר נאָר זיך צו באַגנוגענען מיטן דערמאָנען אָט דעם וווּנדערלעכן מענטש.

✶

נאָך צוויי גרויסע, וויכטיקע געשעענישן האָב איך איבער־געלעבט אין דעם אויסערסט שווערן רעזשים פון דער ק.ג.ב.־טורמע אין אוליאַנאָווסק. און לאָמיך זיי דאָ דערציילן.

ס'איז אַלעמען באַקאַנט אַז טורמע־רעזשים שליסט אָפּ פאַרן אַרעסטאַנט יעדער אינפאָרמאַציע־מעגלעכקייט פונעם לעבעדיקן

דרויסן. ס׳זענען אָבער געווען עטלעכע אַרעסטאַנטן אין „מײַן" קאַמער, וואָס זייער אויספאָרשונג איז שוין געווען פאַרענדיקט און זיי איז געגעבן געוואָרן די פּריווילעגיע צו באַקומען פּעקלעך פון זייערע קרובים. צווישן אַנדערס האָבן זיי אויך באַקומען צעשניטן צײַטונג־פּאַפּיר אויף צו וויקלען סיגאַרעטן. איך האָב זיך ספּעציאַליזירט, אין געהיים, צונויפצושטעלן די שטיקלעך פון צײַטונג כּדי דערנאָך זיי איבערלייענען. אַזוי אַרום האָב איך אין טורמע זיך דערוווּסט וועגן דער גרויסער שפּיצן־קאָנפערענץ אין יאַלטע, וואָס האָט אונדז אַרעסטאַנטן נישט נאָר דערפרייט, נאָר אויך געמאַכט אונדז טרוימען, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט זײַן אַן אַמנעסטיע. נאָך מער האָבן געררייצט די רוישנדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן אין איינעם אַ טאָג זיך געטראָגן פון דעם הויכן, קליינעם, נישט זעבאַרן טורמע־פענצטערל צו דער גאַס. דאָס זענען געווען קלאַנגען און גערוישן, פרייד און געלעכטער, געשפּרעכן וואָס האָבן גערייצט אונדזער נײַגעריקייט. מיר האָבן דערהערט אַ פאָלקס־אויפרודערונג, אָבער נישט געוווּסט וואָס און ווער האָט זי אַרויסגערופן. ערשט שפּעטער האָב איך אין די צײַטונג־שטיקלעך געלייענט און זיך דערוווּסט, אַז דעם 9טן מאַי האָט זיך געענדיקט די 2טע וועלט־מלחמה, מיט אַ פולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע פון דײַטשישן היטלעריזם. אָט די גרעסטע פרייד אין אונדזער סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן זײַן פון אונדזער דור, איז, ליידער, פון אונדז געצוימט און געקלעמט געוואָרן אין די 4 ווענט פון טורמע־קאַמער, און צוגענומען פון אונדז דאָס גליק און די פרייד אויף וועלכע מיר האָבן יאָרן לאַנג געהאָפט און באַגערט.

✶

ווי שוין פריִער דערציילט, זענען מיר אין די לעצטע זומער־חדשים פון 1945 איבערגעפירט געוואָרן אין דער אַלגעמיינער גרויסער אוליאַנאָווסקער טורמע. ס׳איז כּדאי דאָ צו דערציילן, אַז עס איז פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשיד צווישן די צוויי טורמעס: ערשטנס, אין דעם מענטשן־צוזאַמענשטעל, וואָס אין דער ערשטער זענען נישטאָ קיין קרימינעלע פאַרברעכערס, און דו ביסט נישט אויסגעשטעלט אויף דער פאַרברעכערישער הפקרות אין דער

באַציִונג צו דיר ווי אַ מענטש פון אַט די אונטער־וועלט העלדן. אוודאי איז דער רעזשים אין דער צווייטער טורמע אַביסל לײַכטער; אָבער אונדזערס אַ מענטש איז דאָרט הפקר און הילפלאָז. הגם איך פּערזענלעך קאָן זיך נישט קלאָגן אויף ספּעציעל באַגאַנגענע עוולות אָדער באַליידיקונגען קעגן מיר.

אָט אַ שטייגער: —

סטעפּאַן סטעפּאַנאָוויטש מאַלטשקין — דער סטאַרשי פון קאַמער, אַ פּראָפעסיאָנעלער קרימינאַליסט וואָס איז אַרײַן אין דער טורמע פון דער אַרמיי, ווו ער איז געווען אַ סטאַרשי לייטענאַנט. באַלד אין די ערשטע טעג האָבן מיר זיך גוט באַפרײַנדעט, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, און ער האָט מיך מיט מײַן חבר ירחמיאל בער — אונדז ביידע אָפּגעהיט פון שלעכטס... אין די רוסישע טורמע־געזעצן און באַדינגונגען — האָט ער זיך גוט פונאַנדערגעקליבן. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט מיר געזאָגט, אַז אויב מײַן ענין איז בײַ דער טראָיקע, האָב איך נישט וואָס צו רעדן און צו רעכענען וויפל איך וועל באַקומען דורכן באַשטימטן אורטייל, נאָר ווי לאַנג עס וועט בײַ מיר דויערן... „דאָס קאָנסטו בײַ דער טראָיקע קיינמאָל נישט וויסן״.

אין אַ געוויסן טאָג האָט ער מיך אַפילו געוואָרנט, אָדער פּשוט אינפאָרמירט, ד.ה. געלאָזט וויסן גוטברודעריש, אַז דער טורמע־נאַטשאַלניק ווייסט, אַז איך שיק אַרויס פון טורמע בריוועלעך, — אויסגעדריקט האָט ער זיך: „קסיוועס״. געווען איז דאָס בעת די פּרוּוען פון אונדזערע אַרעסטירטע מענער, האָבן געוואָלט וויסן צי זיי דאַרפן זיך אָנשליסן צו דער רעפּאַטריִאַציע, וואָס האָט זיך דעמלט אָנגעהויבן קיין פּוילן, אָדער וואַרטן דאָ, ביז די מענער וועלן באַפרײַט ווערן (היינט־מאָרגן...) און צוזאַמען אַהיימפאָרן. דאָס שיקן אַ בריוול איז געווען אַ גאַנצע קונסט אין וועלכער מ׳האָט זיך ספּעציאַליזירט, מיטן אַרײַנלייגן אַ ווייך שטיקל ביבעלע־פּאַפּיר אין דעם קאַנט פונעם זעקעלע, אין וועלכן מ׳האָט באַקומען אַ פּערעדאַטשע און דערנאָך צוריקגעשיקט די אויס־געליידיקטע כּלים אין דעם זעלבן זעקעלע. מײַנע קינדער זענען דעמלט געווען אויפן באַראַט פון פרוי סעגאַל און אַנדערע. און

די אַלע פרויען האָבן מיט דעם זיך ווי געהעריק פאַרנומען. איך בין געווען פון די ערשטע, וואָס כ'האָב פאַרגעשלאָגן זיי זאָלן פאָרן וואָס פריִער און נישט וואַרטן אויף אַ באַפרייַען... עס איז אויך אין די ראַמען פון די טורמע־מעגלעכקייטן געווען צווישן אַ טייל פון אונדז אַ געוויסע פאַרשטענדיקונג: אויך די האַנדלונג פון די פרויען אויף דער פרייַ איז געווען אַן איינהייַטלעכע. פאַרשטייט זיך, מיטנעמענדיק מייַנע קינדער, זענען אַלע פרויען אַהיימגעפאָרן קיין פוילן און זיך דאָרט באַזעצט ווו זיי האָבן געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַפּוואַרטנדיק דעם ווייַטערדיקן גורל פון זייערע אַרעסטירטע מענער.

סוף אַפּריל 1946 זענען מיר אַלע, פון דער גרופּע 9, אין איינעם אַ פרימאָרגן אַרויסגערופן געוואָרן צום טורמע־נאַטשאַלניק, ווו ס'איז אונדז איבערגעלייענט געוואָרן אַ מעלדונג, אַז אויפן סמך פון די און די אַרטיקלען און פּאַראַגראַפן פון סאָוויעטישן שטראָף־קאָדעקס, זענען מיר, דורך דער מאָסקווער אויסערגעוויינ־לעכער באַראַטונג פון די דרייַ — די „טראָיקע", — פאַראורטיילט געוואָרן צו יאָרן קאָנצענטראַציע־לאַגער: די מערהייט האָבן באַקומען צו 4 יאָר, איינער — 5, (מישאַ שער) און איך — 6 יאָר.

לויט די סאָוויעטישע „באַדינגונגען" זענען דאָס געווען פאַר־העלטנישמעסיק נישט קיין גרויסע אורטיילן, אָבער זיי האָבן באַדאַרפט באַטראַכט ווערן נאָר ווי אַן „אַוואַנס" פון אונדזער שטראָף. עס איז אונדז אויך מיטגעטיילט געוואָרן, אַז מיר ווערן איבערגעשיקט אין אַ לאַגער, אָפּצוקומען די שטראָף.

דאָס איז געווען די גאַנצע „געריכטלעכע פּראָצעדור" וואָס האָט אונדז געהאַלטן אַזויפיל יאָרן, בעת מיר זענען קיינמאָל נישט געווען אַנוועזנדיק אויף וועלכער ס'איז געריכטס־פאַרהאַנדלונג, און קיינער פון אונדז האָט קיינמאָל קיין ריכטער פאַר די אויגן נישט געזען.

אָבער פריִער נאָך, אַוודאי אַרום מערץ 46, האָב איך געהאַט אין טורמע אַן אַנדערע אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונג, וואָס דאַרף פאַרצייכנט ווערן נישט נאָר ווי אַ גוטער לעבנס־סורפּריז

פאַר יענער צײַטס שטימונג, נאָר ווי אַ לויב צו דעם וואָס האָט זיך פאַר דעם מקריב געווען — אונדזער יוגנט־ליבלינג צו יענער צייט, וולאַדעק שער. די לאַנגוויַיליקע טעג און נעכט פון יענער טורמע־צײַט, פון יעדן אַרעסטאַנט, זענען געווען אַ סך פאַרנומען מיט נאָכטראַכטן וועגן די, וועמען מ׳האָט געלאָזט אויף דער פרײַ. איך פאַרשפּאַר נאָך אַ מאָל איבערצוחזרן אַז בײַ מיר איז דאָס, ליידער, געווען צו קאָמפּליצירט און צו טראַגיש.

אין איינעם אַ טאָג, ווען אַלע פאַרבינדונגען און קאָנטאַקטן זענען געווען איבערגעריסן און פאַרלוירן, ווער איך פּלוצים אַרויסגערופן צום טורמע־נאַטשאַלניק און מען זאָגט מיר נישט צוליב וואָס. און אַלע מאָל, אין טורמע צי אין לאַגער, איז דאָס נישט זאָגן דיר — נישט קיין זאַך וואָס באַרויִקט, נאָר — פאַרקערט. אַרײַנקומענדיק אין צימער פונעם טורמע־נאַטשאַלניק איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכער, דערפרײַענדיקער סור־פּריז: ממש אַן אומגלייבלעכער. אַנטקעגן מיר — דער ליבנדיקער וולאַדעק שער, וועמען איך האָב שוין באַלד 4 יאָר נישט געזען. אַ הויכער, סימפּאַטישער, אינטעליגענטער יונגערמאַן, געקליידעט אין אַ גוטן מיליטערישן שינעל פון אַ פּוילישן הויכן אָפיציר, מיט דעם אַראָפּשרײַענדיקן פּוילישן אָדלער פון היטל, — איז געקומען צו מיר פון דער אַקטיווער פּוילישער מיליטער־דינסט קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, אין טורמע אַרײַן אויף אַ „סווידאַניע" (זעונג). אמת, וולאַדעק איז קודם־כּל געקומען צו זײַן טאַטן דעם אַרעס־טאַנט, מישאַ, אָבער, זײַן טורמע־זעונג מיט מיר איז פון וויכטיקן באַדײַט און ווערט. דער עיקר דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די דרײַסטקייט און געוואַגטקייט, אין יענע באַדינגונגען, פאַר אַזאַ אונטערנעמונג.

צווישן מיר און וולאַדעקן — דער טורמע־נאַטשאַלניק. הגם ער הערט זיך נישט אַזוי געננוי אײַן אין אונדזער געשפּרעך, אָבער פאָרמעל קומט אַלץ פאָר אין רוסיש, ס׳איז צו זען אַז דער טורמע־נאַטשאַלניק אַליין איז אויך אַ ביסל „פּריטשמעליעט", ווי מען זאָגט, פון דעם אויטאָריטאַטיוון אויסזען און האַלטונג פונעם אויסלענדישן גאַסט, מיט זײַן פײַנער און ריינער רוסישער שפּראַך;

ער גיט מיר איבער אַ לעבעדיקן גרוס פון מײַנע קינדער אין לאָדזש, איבער װעמען אויך ער פּאַטראָנירט. ער דערציילט מיר װעגן דער פרוי סעגאַל און אַנדערע, װי אַזוי זיי גיבן זיך אַן עצה. צום ערשטן מאָל װי איך דערװיס זיך פון אים װעגן געמיינזאַמע באַקאַנטע, חברים, װאָס האָבן זיך געראַטעװעט נאָכן אויפשטאַנד פון געטאָ. באַזונדערס רירנדיק דערציילט ער װי אַזוי בערנאַרד גאָלדשטיין האָט זיך געראַטעװעט...

די מינוטן זענען געפלאָסן, די צײַט איז אַװעק, און מיר האָבן זיך אַזוי רירנדיק געזעגנט און צעשיידט, װי מיר האָבן זיך באַגעגנט. הײַנט, אַזויפיל יאָרן נאָך דעם, — װלאַדעק איז איצט אוניװערסיטעט־פּראָפעסאָר אין אַ ניו־יאָרקער הויכן לערן־אַנשטאַלט, — איז גוט צו פאַרצייכענען זײַן נישט־איינמאַליקן, געװאַגטן, הומאַניטאַרן און גרויס־חברישן אויפטו, מיטן אַרויסװײַזן אַזויפיל הילף װי ער האָט עס אין יענער צײַט געטאָן.

איך האָב זיך אומגעקערט אין דער טורמע־קאַמער געשטאַרקט און דערהויבן מיט אים און מיט די, װאָס איך האָב געלאָזן אויף דער פרײַ.

מיר זענען נאָך דעם אָנגעקומען אינעם ערשטן לאַגער, װאָס האָט זיך געפונען אין מאַרדאָװסקי א.ס.ס.ר. אַהין זענען מיר נאָך אָנגעקומען אַלע צוזאַמען אָבער דאָרט, שוין באַלד אין אָנהייב, האָט איינער פון אונדזער נײַנטל, קאָפּראָװסקי, פאַרענדיקט זײַן לעבן, און מיר זענען פאַרבליבן אַכט. און אָט די אַכט זענען פאַרטיילט און צעשיקט געװאָרן אין פאַרשידענע לאַגער־פּונקטן.

װעגן אונדזער ערשטן לאַגער דאַרף איך זאָגן, אַז ער איז נאָר געװען װי אַן אַרײַנפיר, צוצוגעװוינען אונדז צום לאַגער־לעבן, דערװײַל פון אַ לײַכטן רעזשים. און דער לאַגער האָט זיך טאַקע גערופן אי.ט.ק. — „איספּראַװיטיעלנאַ־טרודאָװאַיאַ קאָלאָניאַ" װאָס מיינט אויף ייִדיש אַזוי מילד: אַרבעט־קאָלאָניע פאַר אויס־בעסערונג.

נאָך אַ קורצער צײַט בין איך איבערגעשיקט געװאָרן אין סאַראָװסקי מאָנאַסטיר־לאַגער. אייגנטלעך איז דאָרט געװען מער װי איין לאַגער, דער סאַראָװסקי מאָנאַסטיר איז אויסגעשפּרייט אויף

אַ ריזיקן שטח, וואָס איז נאָך אין מײַן צײַט געווען באַוואַלדיקט, הגם שוין נאָר אַ טייל פון דעם, וואָס ס'איז געווען אַמאָל. געפונען האָט ער זיך בײַ דער שטאָט סאַראָוו. דער אָפיציעלער אַדרעס איז געווען: פּאָטשטאָוואַיאַ אָטדיעלעניע, סטאַנציאַ שאַטקי — און נומער פון פּאָסט־קעסטל. אַלע לאַגערן זענען דאָרט געווען פון מלוכהשן באַדייט — גאָסודאַרסטוויענאַיאַ זנאַטשעניע. אַזוי איז געווען זייער אָפיציעלער נאָמען. במילא זענען זיי געווען געהיים און זיך געפונען אין אַן אַרומגערינגלטער, פאַרבאָטענער זאָנע (זאַפּרעטנאַיאַ זאָנאַ). די אַלע באַוואָרענישן זענען געווען באַ־גרינדעט, ווײַל דער גאַנצער ריזיקער פאַרנעם דאָרט פון בוי־אַרבעט, איז פאָרגעקומען אין פולער געהיימניש און אַלץ אונטער דער ערד. ממש, אַ שטאָט מיט אַלע נייטיקע מעכאַניזמען, געפינט זיך אונטער דער ערד. בײַם אָנקומען אין אָט דעם לאַגער, האָט יעדער איינער אונטערגעשריבן אַ ספּעציעל צוגעגרייטן בלאַנק אין וועלכן ער פאַרזיכערט אַז ער וועט קיינמאָל קיינעם נישט דערציילן ווו ער געפינט זיך און וואָס ער האָט דאָ געטאָן. געווען אַזעלכע וואָס האָבן דאָס אָרט פאַרבונדן מיט דעם אָנהייב פון דער סאָוויעטישער אַטאָם־באַוואָפענונג. לויט די צײַט, יאָרן, און געהיימקייט פאַלט עס זיך צונויף. אָבער דער סאַראָווסקער מאָנאַסטיר איז פיל עלטער און אַפילו דער לאַגער דאָרט איז באַקאַנט שוין אין דער צווייטער העלפט פון די 20קער יאָרן, ווען עס איז אין פוילן, ווי אין אַנדערע לענדער, געוויזן געוואָרן דער באַקאַנטער סאָוויעטישער פילם „בעזדאָמניע" — היימלאָזע, מיט די הויפּט־העלדן, די יוגנטלעכע קאָלקאָ און מוסטאַפאָ, וואָס געפינען זיך אין דעם אויסבעסערונג־אַנשטאַלט און בויען דאָרט די נײַע באַן־ליניע, אייגנטלעך בלויז אַ קליין־באַן, אָדער ווי מען רופט עס — אַ קאָלעיקע. און קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר שפּעטער, — זינט איך האָב עס געזען אין וואַרשע אויפן עקראַן, איז מיר אויסגעקומען דאָס אַלץ צו זען אין דער ווירקלעכקייט, אָבער שוין נישט מיט אַזאַ באַגײַסטערטער התלהבות ווי פון דעם פילם, וואָס האָט געוויזן די סאָוויעטישע דערציִערס פון דעם „אויס־בעסערונגס־אַנשטאַלט": — „קאָלקאַ בודיעט מאַשיניסטאָם"... ווי

אַ רעפּערענט בײַ יוגנט־קרײַז, האָב איך דאַן שעהען־לאַנג, מיט באַגײַסטערונג גערעדט פֿאַר יוגנטלעכע, װעגן דעם פֿילם. אָבער שפּעטער, — אַליין „געזען" די נאָך פֿאַרבליבענע אור־װעלדער פֿון הײליקן מאָנאַך דימיטרי, פֿון סאַראָװסקי מאָנאַסטיר, װוּ כ'האָב איבער צװײ און אַ האַלב יאָר געאַרבעט און אָפּגעקומען אַ טײל פֿון מײַן אורטײל. אגב, דער אַ לאַגער װערט אױך דערמאָנט אין בוך פֿון חיים שמולעװיטש, אָבער פֿון אַ פֿריִערדיקן פּעריאָד, װען ער איז נאָך נישט געװען דאָס, װאָס ער איז געװאָרן בײַ מײַן צײַט, מיט זײַנע באַזונדערע צילן, אױפֿגאָבן און פּאַרנעם.

סטאָליפּינסקי וואַגאָן

איינע פון מײַנע שווערסטע דערינערונגען פון לאַגער אין סאַראָוו איז פאַרבונדן מיטן אָנקומען אַהין מיטן עטאַפּ אין „סטאָליפּינסקי וואַגאָן". און אָט דעם סטאָליפּינסקי וואַגאָן מוז איך ווידמען כאָטש געציילטע ווערטער, וואָס זענען אין מיר געבליבן נאָך פון יענער צײַט זינט איך האָב אים מיטגעמאַכט. עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז פאַר אַ מענטש, וועמענס גורל עס פאַלט אויס צו זײַן אַן אַרעסטאַנט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז צומשווערסטן און אוממענטשלעכסטן מיטצומאַכן אַ נסיעה אין „סטאָליפּינסקי וואַגאָן".

קודם־כּל אַ פּאָר ווערטער וועגן זײַן געשיכטע.

ביז דעם געוועזענעם צאַרישן אינערן־מיניסטער וואָס זײַן נאָמען איז געווען **סטאָליפּין**, האָט מען אין רוסלאַנד, צו די ווײַטסטע ווײַטן, געשיקט און געפירט עטאַפּן אַרעסטירטע, פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט — צופוס. ביז מען האָט דערגרייכט דאָס פאַרשיקונג־אָרט. דאָס רוסישע פאָלק אין פון צײַטן און דורות אַזוי אײַנגעלעבט מיט טורמעס און פאַרשיקונגען, אַז זיי זאָגן נישט „פאַרשיקונג" נאָר „אוגנאַלי" — **פאַרטריבן**. ווײַל מען האָט די מענטשן געטריבן ווי בהמות, און דער אויסדרוק „אונגנאַלי" האָט אַ סך שילדערונגען אין דער רוסישער, ווי אין אַנדערע ליטעראַטורן. ביז ס'איז געקומען דער מיניסטער סטאָליפּין און געזאָגט: מען קאָן אַרעסטאַנטן פירן מיט דער באַן... דאָס הייסט, מען טשעפּעט צו אַ ספּעציעלן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן, וואָס אויסערלעך האָט ער דעם אויסזען ווי אַלע אַנדערע, — צו אַ פּאַסאַזשיר־צוג. מען וואַרפט אין אים אַרײַן וויפל נאָר מען וויל אַרעסטאַנטן, און זיי קומען שנעל אָן אַהין וווּ זיי דאַרפן אָנקומען.

און וואָס מיינט טאַקע „סטאָליפּינסקי וואַגאָן" אין די הײַנטיקע צײַטן? דאָס מיינט: אַרײַנוואַרפן דיך, אַ מענטש, אין דער פּול־

שטענדיקער הפקרדיקייט פון דער פינצטערניש, סײַ בײַטאָג סײַ בײַנאַכט. קיין פענצטער איז נישט פאַראַן. דער גאַנצער סדר און די הערשאַפט געהערן דאָרט צו דער פאַרברעכערישער אונטער־וועלט, מיט אַלע אירע באַזונדערע געוווינהייטן. אָן שום מעגלעכקייט פאַר דיר, מענטש, פון זיך קעגנשטעלן. אַז דו ווערסט דאָרט אַהין אַרײַנגעוואָרפן ערגעץ־ווו אויף אַ סטאַנציע, פילסטו ווי מען באַפאַלט דיך, דו זעסט בלויז נישט ווער און וואָס. דו פילסט נאָר אַז מען רײַסט פון דיר שטיקער, מען צופּט פון דיר, ווי גרויסע שטשורעס וואָלטן דיך געביסן. און דו זעסט נישט און ווייסט נישט ווי אַזוי זיך צו ווערן. דו ווערסט אַרומגעריסן און באַרויבט ביזן ביין. און עס שטיקט ביז אויסגיין פון דעם שווערן, אינעווייניקסטן געשטאַנק. דערצו האָבן זיי, די אונטערוועלטיקע, אַ מינהג: איידער זיי פאַרלאָזן דעם וואַגאָן, לאָזן זיי איבער איין שטיוול, אַ שוך אָדער אַ וואַלענקע, און פילן אים אָן מיט אַ פאַרציע צואה, פון וועלכער קומסט שוין ערגער אום... ווער עס האָט דאָס נישט מיטגעמאַכט, קאָן די אַ מענטשלעכע באַליידיקונג און דערנידעריקונג קיינמאָל זיך נישט פאָרשטעלן און פאַרשטיין.

די לאַגערן אין דער זאָנע פון דער שטאָט סאַראָוו און סאַראָווסקי מאָנאַסטיר זענען געווען ריזיקע און האָבן אַרומגענומען צענדליקער טויזנטער אַרעסטאַנטן. די „פאַרבאָטענע זאָנע" איז נישט נאָר געווען פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג פון אַרום, נאָר איז אויך חל געווען אַפילו אויף אַרעסטאַנטן וואָס זענען דאָרט אָפּגעקומען זייער אורטייל, און ווען דער אורטייל האָט זיך דאָרט פאַרענדיקט, זענען זיי באַפרײַט געוואָרן פון דער לאַגער־זאָנע ווי אַרעסטאַנטן, אָבער נישט אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דער סביבה אַרום ,וואָס האָט געהערט צו דער, וואָס מיר האָבן גערופן „פאַרבאָטענע זאָנע", און געמוזט בלײַבן אין איר לעבן.

ווי לאַנג דאָס האָט דאָרט אַזוי אָנגעהאַלטן ווייס איך נישט. פאַר מײַן צײַט, אָבער, ווען איך בין דאָרט געווען, איז עס געווען ווי אַ געזעץ. דער פאַרנעם פון אַרבעט און בויונג איז דאָרט געווען אַ ריזיקער, מיט דער באַטייליקונג פון אַ גרויסן אינזשיניער־טעכנישן פערסאָנאַל, פון אַרעסטאַנטן און פרײַ־אַנגאַזשירטע. צום

דער מחבר, אין די לעצטע טעג פאַרן אַרעסט

ערשטן מאָל ווי איך האָב זיך „באַטייליקט״ אין די אונטער־ערדישע אַרבעטן. דאָס צוגעבן די אָרטיקע לאַגערן אַ מלוכהשן באַדינט, איז נישט נאָר אַ פאָרמעלער ענין; דאָס זאָגן, אַז דער לאַגער האָט אַ „גאָסודאַרסטווייעננאָיע זנאַטשעניע״ מיינט, אַז דער געגעבענער לאַגער האָט געוויסע מלוכהשע פּריווילעגיעס, סיי אין דער אַדמיניסטראַטיווער פירונג, סיי אין דער טאָג־טעגלעכער, משטיינס־געזאָגטער באַשפּייזונג. מ׳האָט די שווער־פאַרהאָרעוועטע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַרנאַכט אומגעקערט הונגעריקע פון אַ פולן,

איבערגעמידעטן אַרבעט־טאָג, געשפּײַזט מיט דער טונקל־בלאָטיק־געדיכטער זופּ, וואָס אין איר זענען געווען אַרײַנגעטאָן די קליינע אומגערייניקטע פישלעך, וואָס האָבן דעם פראַנצויזיש־קלינגענדיקן נאָמען „קאַמסאַ". די קאַמסאַ־זופּ האָט געלאָזט פון זיך אַ ריח אויף קילאָמעטערס ווײַט. אָבער די „פּאַיקע" ברויט, וואָס איז אין לאַגער דער אָנהאַלט און אָנשפּאַר פון דער אויסהאַלטונג פון דעם וואָס מען רופט לעבן, האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן פון 600 גראַם, און פּאָר איבערשטײַגן די נאָרמע אין אויספירן די אַרבעט — ביז 800 גראַם. אין אויסנעם־פאַלן — ביז אַ קילאָ ברויט אַ טאָג! בעת אין אַנדערע לאַגערן האָט די „פּאַיקע" ברויט זיך אָנגעהויבן פון 400 גר. און איר מאַקסימום איז געווען 600 ביז 800 גראַם.

אַוודאי זענען נאָך געווען ענלעכע „פּריווילעגיעס", דער לאַגער האָט געהאַט דאָס, וואָס מען רופט אין דעם לאָקאַלן זשאַרגאָן „זאַטשאָטן", וואָס דאָס מיינט, אַז פּאַר אויסצייכענען זיך בײַ דער אַרבעט, קאָנסטו פאַר דעם טאָג פאַרדינען נאָך אַ טאָג, מען זאָל דיר אַראָפּנעמען פון דער צײַט פון דײַן אורטײַל.

ווי שוין פריִער געזאָגט, אַהיים לאָזט מען דיך טאָקע נישט, אָבער „זאַטשאָטן" זענען דאָ; פאָרמעל הייסט עס, אַז אַ דאַנק די זאַטשאָטן האָסטו שאַנסן און מעגלעכקייטן פריִער באַפרײַט צו ווערן.

אַזוי איז געשען מיט מיר. אַדאַנק די זאַטשאָטן וואָס איך האָב באַקומען, האָט זיך פאָרמעל דערנענטערט דער סוף פון מײַן אורטײַל. אָבער עס איז געווען ווער עס זאָל באַצײַטנס זאָרגן פאַר מײַן ווײַטערדיקן „תכלית". די וואָס האָבן וועגן דעם געטראַכט, דאָס מיינט די מאָסקווער „טראַיקע", האָבן אײַנגעפּונען, אַז עס קומט מיר נאָך דעם 6יאָריקן אורטײַל אַ „דאַבאַוואַטשני" אין קאַלימאַ, — אין דאָרטיקן טויטן־לאַגער, ווי מען האָט אים גערופן. נאָך אין זומערצײַט 1949 בין איך אַרײַן אין אַ ווײַטן „דאַלני עטאַפּ" צום ווײַטן מזרח, וואָס פריִער זאָגט מען נישט ווּהין, און ממילא ווייסט קיינער נישט אין וועלכן טייל פון דער וועלט די וועסט פאַרוואָרפן ווערן.

איך בין געווען איינער פון די 56 אין לאַגער, וואָס זענען

באַשטימט געוואָרן צו דעם, וואָס מען רופט „דאַלני עטאַפּ". כּדאַי צו וויסן, אַז „דאַלני עטאַפּ" איז נישט נאָר אַ נאָמען, נאָר אויך אַ ווײַטערדיקער גרויל אין לאַגער־לעבן, פון וועלכן אונדזערס אַ מענטש ווערט פאַרצערט און פאַרצווייפלט. ווי ביטער עס זאָל נישט זײַן דײַן לעבנס־קיום אין לאַגער, האָסטו שוין דאָרט דײַן טעפּל מיטן לעפל און בײַנאַכט דײַן אָרט אויף דער נאַרע, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. ווען דו ווערסט גענומען אין אַן עטאַפּ און דערצו נאָך אין אַ ווײַטן, ווערסטו פונדאַסנײַ אויף וואָכן אָדער חדשים אַרײַנגעוואָרפן אין אַ ברוטאַלן, הפקרדיקן אַרום, פון דער קרימינעלער אונטערוועלט פון איין זײַט, און פון דעם ספּעציעל צוגעגרייטן קאָנוואָי, וואָס באַגלייט דיך מיט ממש הינטישן און אוממענטשלעכן טעראָר, וואָס זיי איבן אויס אויף דיר, דערפירנדיק דיך צום ראַנד פון אונטערגאַנג און אומקום.

עס איז געווען אין 25סטן אויגוסט 1949. דער אָנהייב פון קאָנצענטרירן אונדז אין אַ קאַרצער־איזאָלאַציע — צום עטאַפּ. דעם 28טן אָקטאָבער האָבן מיר געלאַנדעט אויף אַ סתּם־ברעג פונעם אינדזל קאָלימאַ, אויף דעם שטילן אָקעאַן, אין מאַגאַדאַן. כּדי אַהין אָנצוקומען האָבן מיר זיך געשלעפּט און געוואַלגערט אין און מיט אַלע מעגלעכע קאָמוניקאַציע־מיטלען: באַן, שיף, אויטאָ און אַפילו עראָפּלאַן, — און אומעטום באַגלייט מיט דער פּײַן פון דײַן הפקרדיקער הילפלאָזיקייט.

אָנגעהויבן דעם אומבאַקאַנטן וועג האָבן מיר פון סאַראַטאָוו צו דער באַן־סטאַנציע שאַדקי. פון דאָרט איז די גאַנצע גרופּע אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין אַ פּראַכט־וואַגאָן, ווו מיר האָבן זיך דערוווּיל געפילט אַלע היימיש, ווי אַ קאָמפּאַניע פון איין לאַגער. די הויפּט פאַראינטערעסירונג איז געוויינלעך געווען: וווהין פירט מען אונדז? יעדער פרוווט טרעפן וווהין. נאָר קיינעם איז נישט אײַנגעפאַלן די ווײַטקייט, וואָס מיר האָבן דערגרייכט. די פּאַר־העלטנישמעסיקע היימישקייט און נאָענטקייט האָט אָנגעהאַלטן ביז דער סטאַנציע טשעליאַבינסק. דאָרט איז אין אונדזער וואַגאָן אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אַ גרופּע פון 8 אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן תּיכּף ומיד מיט ווילדן טעראָר אונטערגעאָרדנט די גאַנצע גרופּע

פון 56, אין אַ טאָטאַלער אונטערטעניקייט, ביז אַבסאָלוטער הילפלאָזיקייט. דער הויפּט פון די אַכט איז געווען איינער קאַזיעק, וועמען מיר האָבן שפּעטער גוט דערקענט און די גאַנצע צײַט געפילט זיין אָנגעוואָרפענעם דיקטאַט. דאָס איז אייגנטלעך געווען מײַן ערשטער פּנים־אל־פּנים צוזאַמענטרעף, אָדער צוזאַמענשטויס, מיט דעם ווילקירלעכן דיקטאַט פון דער רויבערישער אונטערוועלט. דאָ, אין דעם דאָלני עטאַפּ קיין קאָלימאַ, האָבן מיר זיי גוט דערקענט. דאָס זענען דרײַ באַזונדערע גרופּן וואָס קעמפן צווישן זיך אין דער אונטערוועלט, אויף לעבן און טויט. דער טויט איז דאָ נישט בלויז אַן אויסדרוק, נאָר אַ ממשותדיקער פאַקטאָר. פון די אַלע דרײַ גרופּן איז דער קרבן — דער פּשוטער און געוויינלעכער אַרעסטאַנט, וואָס ווערט באַרויבט און אויסגעטון ביז צום העמד און בלײַבט אַ שטענדיק־פאַרהונגערטער און באַרויבטער, אַפילו פון דעם, וואָס די אָפיציעלע מאַכט טיילט אים צו. און דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן אין אונדזער עטאַפּ מיטן אַרײַנקומען פון די אַכט אין טשעליאַבינסק. דאָס האָט אָנגעהאַלטן — מיט איבער־רײַסן — ביז צום סוף. אונדזער העלד, קאַזיעק, לויט אַלע וואָר־שײַנלעכקייטן אַ פּאָליאַק, האָט זיך געהאַלטן און געפילט אין דער גרופּע ווי אַן אַטאַמאַן פון אַ באַנדע. זײַן וואָרט, באַפעל אָדער פאַרלאַנג — איז געווען נישט צו באַשטרײַטן. ער האָט געהאַט זײַנע געהילפן, וואָס זענען געווען די אויספירער פון אַלע זײַנע באַפעלן, און אַלץ אין זײַן נאָמען. די רעכטע האַנט פון דעם קאַזיעקן איז געווען אַ מיאוס־פּנימדיקער געלער טאַטאַר, וואָס האָט זיך פאַר אַלע פאַרענטפערט, אַז אַזוי וויל, אָדער, אַזוי האָט קאַזיעק געהייסן...

זאָל אונדז ווערן אַ ביסל לײַכטער אויפן האַרצן מיטן דערציילן, אַז דער אַ קאַזיעק האָט באַוויזן אָנצוקומען אויפן אינדזל קאָלימאַ צוגלײַך מיט אַלע אין אַ לאַגער, און שוין אויפן 3טן טאָג פון זײַן זײַן דאָרט איז ער דערשטאָכן געוואָרן דורך זײַנס אַ „קאָנקורענט" פון אַ צווייטער אונטערוועלט־גרופּע.

אָבער אין אונדזער וואַגאָן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. זיי זענען געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, באַרויבט און אויסגעטון

ביז צום לעצטן, אָנוואַרפנדיק אויף אַלעמען אַ פחד. ביז מיר, עטלעכע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך נענטער געקענט פון פריִערדיקן לאַגער, האָבן אין פולער קאָנספּיראַציע זיך צונויפגערעדט, און אַרויסגעוואָרפן אַ צעטל דורכן וואַגאָן־פענצטערל אויף אַ סטאַנציע, צום דעם קאָנוואָי־קאָמענדאַנט, אַז מען האָט אונדז דאָ באַרויבט און מיר פאָדערן הילף. זענען ווײַטער געגאַנגען טעג, און אָט הערט מען ווי עס שליסט זיך אויף די וואַגאָן־טיר, עס פאַלט אַרײַן אַ קאָנוואָי־וואַך מיטן קאָמענדאַנט, און ער פרעגט: וואָס הערט זיך דאָ?... איז אַלץ אין אָרדענונג דאָ בײַ אײַך? קיינער באַוואַלט נישט קיינעם?... און דער, וואָס איז געווען באַשטימט ער זאָל זײַן דער אַרויסשרײַער, — שווײַגט. עס האָט אים אויסגעפּעלט מוט און ער האָט זיך דערשראָקן. נישט באַקומענדיק פון קיינעם קיין אָנקלאַג, איז די וואַך אַוועק מיט גאָרנישט. און דער טעראָר אין וואַגאָן איז ווײַטער אָנגעגאַנגען. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אויך צוגענומען אַ טייל פונעם פּאַיאָק, וואָס מיר האָבן באַקומען.

דערווײַל האָט מען זיך נאָך אַ מאָל צונויפגערעדט און ווידער אַרויסגעוואָרפן אַ צעטל פאַרן קאָנוואָי. זענען זיי אַ צווייט מאָל אַרײַן אין וואַגאָן און דעמלט האָט איינער פון אונדז אויסגעשריגן: נאָס אָגראַבילי! מען האָט אונדז באַרויבט... דערנאָך האָבן שוין אַלע באַקומען מוט און דערציילט וואָס מען האָט בײַ יעדן צוגענומען. דער קאָנוואָי־קאָמענדאַנט האָט שוין, ווײַזט אויס, געקענט זײַנע העלדן. אַ טייל פון זיי ווערן מיט קייטלעך אויף די הענט אָפּגעפירט אין וואַגאָן־קאַרצער. איז געוואָרן אַ גדולה — מען אָטעמט פרײַער. עס האָט אויפגעהערט דער טעראָר. אָבער זיי דראָען זיך אָפּצורעכענען מיט אונדז בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט. ד.ה., ווען מיר וועלן אַרויסגיין פון באַן־וואַגאָן אויפן איבערגאַנגס־פּונקט, אָדער גאָר אָנקומענדיק אין לאַגער. ס'ווערט אַ לעבנס־געפאַר, אַ גאַנץ ערנסטע, פאַר אַ טייל פון אונדז.

דער לאַנג־דויערנדיקער וועג קיין קאָלימאַ, וואָס האָלט בײַ 16—17 טויזנט קילאָמעטער, איז געווען קוים אין אָנהייב. דער וועג האָט געפירט איבער דער ריזיקער טראַנס־סיבירער באַן־ליניע, וואָס ציט זיך איבער די אַלע שטעט, אָנהייבנדיק פון סווערדלאָווסק,

טשעליאַבינסק, טאָמסק, אָמסק און אַנדערע, איבער פיל טויזנטער קילאָמעטער. ביז קאָמסאָמאָלסק בײַם אַמור. טײלמאָל איז דער אײנציקער סימן פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע — די צום הימל הויך אַרויפגעריסענע לאַגער־טורעמס, וואָס דערמאָנען און דערציילן ווי מיר געפינען זיך. דאָס איז דאָס לאַנד פון ווײַטקייט און פאַרפאַלנקייט, דאָס לאַנד פון פאַרשיקונג און פאַרפאַלגונג, וואָס איז שוין אַזוי אַרײַן אין דער פאָלקס־פסיכיק, אַז ווען מען זאָגט „סיביר" — „פאַרשיקט קיין סיביר", מיינט מען דאָס אָרט וואָס האָט כּמעט קיין סוף נישט. ערשט ווען דו וואַלגערסט זיך טעג און נעכט, וואָכן און חדשים, איבער די קנאַפּע 10 טויזנט קילאָמעטער נאָר ביז וולאַדיוואָסטאָק און אַנדערע, ענלעכע, ווי נײַע נעמען פון שטעט און ערטער, וואָס זענען נאָך אַפילו נישט באַקאַנט — זעסטו, אַז עס איז דאָ נאָך עפּעס ווײַטערס פון סיביר, און אַז די מאַכט פון פאַרפאָלגונג איז אויסגעברייטערט. דער רעזשים פון די סיבירער לאַגער־ווערכושקעס האָט זיך אַנטוויקלט און אויסגעפונען פאַרפאַלגונגס־ערטער, וואָס זענען שטאַרקער און ווירקזאַמער ווי סיביר.

ערשט ווען דו זעסט אַליין די ריזיקע שטחים, נאָך ליידיקע פון מענטשן, וואָס ציִען זיך אָן אַ סוף, באַפאַלט דיך אַן אינערלעכער פּחד שוין פונעם אויסזען פון דער נאַטור. געווען זענען עס נאָך סעפּטעמבער־נעכט, אָבער שוין פאַלן שנייען וואָס דעקן צו די דרויסנדיקע וואַר־קאָנוואָיערס, וואָס זענען אײַנגעהילט אין זייערע טולופן, אַז מען זעט זיי קוים אַרויס. זיי היטן יעדן וואַגאָן באַזונדער פון דרויסן, און חלומען ווען געפאַרן באַפאַלן צו ווערן שטייענ־דיקערהייט.

פּלוצים, אין איינער אַזאַ נאַכט, האָבן מיר דערהערט שאָסן. דער צוג פאַרהאַלט זיך. באַלד הערט מען ווי אונדזער טיר שליסט זיך אויף. דער קאָנוואָי פאַלט אַרײַן און נעמט ווידער צו — מיט קייטלעך אויף די הענט — עטלעכע אומשולדיקע פון אונדזער וואַגאָן. דאָס איז וואַרשיינלעך דער רעזולטאַט פון אַזאַ שטייענדיקן חלום פון אונדזער וואַגאָן־קאָנוואָיענט, ווען ס'האָט זיך אויס־געדאַכט אַן אײַנברוך אין אונדזער וואַגאָן. ער האָט דאָס אויס־

געשאָסן. דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן און דער קאָנוואָי האָט זײַנס געטאָן.

די „דאַלנאַ־וואָסטאָטשנײַע" עטאַפּן — ווײַט־מזרחדיקע אין ייִדיש — האָבן זייערע וועגן און אומוועגן, ווי אַזוי צו דערגרייכן דאָס אָרט, וואָס זיי דאַרפֿן. און פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס באַשטימען, וועלכער זאָל זײַן דער וועג פֿון געגעבענעם עטאַפּ. פֿאַר אונדזער עטאַפּ, וואָס איז באַשטאַנען פֿון בערך פֿינף טויזנט מענטשן, איז אויסגעפֿאַלן, לאָמיר זאָגן, דער אומוועג, וואָס האָט נישט געפֿירט אויף וולאַדיוואָסטאָק, נאָר אונדז גאָר אָוועקגעפֿירט צו קאָמסאָ־מאָלסק בײַם אַמור. דאָרט איז מיט אונדז געשען אַן אויפֿ־טרײַסלענדיקע, צו יענער צײַט נאָך נישט באַקאַנטע, געשעעניש, וואָס מיר האָבן נישט געוווּסט און נישט פֿאַרשטאַנען און פֿון קיינעם קיין וואָרט נישט געהערט וועגן דעם. מיר האָבן פֿון דער ווייניק זעבאַרקייט דורכן קליינעם וואַגאָן־פֿענצטערל געזען, אַז מיר געפֿינען זיך בײַם ברעג פֿון אַ טײַך, צו וועלכן מיר זענען ממש האַרט דערגאַנגען. מיר האָבן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס מען וויל מיט אונדז טאָן. ס'זענען אַפֿילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטײַטשט, אַז מען וויל אונדז אַרײַנוואַרפֿן אין אָט דעם טײַך. ס'איז זיך נישט צו וווּנדערן וואָס בײַ אַ טייל פֿון די אַרעסטאַנטן זענען געווען אַזעלכע געדאַנקען. דער פּסיכישער גלײַכגעוויכט איז שוין בײַ אַ סך צעשטערט פֿון די שווערע, פּײַנלעכע איבערלעבונגען אויפֿן עטאַפּ.

אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר געהערט פֿון דרויסן פֿאַרשידענע באַפֿעלן און פֿאַראָרדענונגען. ווײַזט אויס, אַז עפּעס טוט מען דאָ מיט אונדז. און צו אונדזער גרויסער פֿאַרוווּנדערונג האָבן מיר זיך דערזען מיט אונדזער וואַגאָן — שווימען אויפֿן טײַך.

דעם אמת זאָגנדיק איז דאָס ווײַט נישט קיין באַרויִקנדיק און גוט געפֿיל. אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אונדזער גאַנצער עטאַפּ־צוג ווערט אַריבערגעפֿירט איבערן טײַך אַמור מיט אַזאַ אײַנגעאָרדנטן פּאַראָם, וואָס האָט אויף זיך באַן־רעלסן און פֿירט איבער מיט איין מאָל צו 6 וואַגאָנען — דרײַ און דרײַ אויף אַ ליניע. און דאָרט, אויף דער צווייטער זײַט פֿון אַמור, איז אונדזער

גאַנצער צוג צוריק פאַרמירט געוואָרן און מ׳האָט אונדז אַוועק־געפירט אין אַן אומבאַקאַנטער און אומבאַוווּסטער, בעיקר וואַלדיקער געגנט. לויט דער צײַט פונעם פאָרן מיטן צוג דאַרף עס זײַן בײַ אַ 150 ק״מ פון אַמור.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ שטאָט פון פאַרשיקטע. די שטאָט געפינט איר אַפילו אויף דער סאָוויעטישער מאַפּע, זי טראָגט דעם נאָמען (לאַכט נישט!) סאָץ־גאָראָד. דאָס מיינט: סאָציאַ־ליסטישע שטאָט... און אַ פּאָר קילאָמעטער פון סאָצגאָראָד געפינט זיך דער ווייניקער באַקאַנטער פּאָרט סאָץ־גאַוואַן — סאָציאַ־ליסטישער האַפן.

לאָמיר פרוּוון דערציילן וואָס עס איז מיט אונדז געשען אין סאָץ־גאָראָד.

ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, איז די שטאָט נישט באַוווּינט פון אַ נאָרמאַלער ציווילער באַפעלקערונג. מיר האָבן זיך באַלד איבערצײַגט, אַז סײַ די באַן־ליניע וואָס האָט אונדז אַהין געבראַכט, סײַ די שטאָט און אויך דער פּאָרט — זענען אַ וועג אויף צו פירן אַרעסטאַנטן אין דער ווײַטער קאַלימער געגנט, און אפשר אויך אין אַנדערע. געגנטן וואָס פירן מיטן ים צום שטילן אָקעאַן, און דער אַ ספּעציעלער וועג דאַרף פאַרהיטן וולאַדיוואָס־טאָק פון די אויגן פון אויסלענדער וואָס פאַרבלאָנדזשען אַהין און, במילא, אַ קאַפּעלע באַפרײַען די באַקאַנטע פּאָרט־שטאָט אויפן ווײַטן מזרח פון די צו גרויסע אַרעסטאַנטישע באַלאַסטן.

אין סאָץ־גאָראָד זענען מיר געהאַלטן געוואָרן 10 טעג אויפן פּערעסילני־פּונקט, ביז ס׳איז פאַר אונדז גרייט געוואָרן דער שיף־טראַנספּאָרט. אָבער די אַלע טעג אויף דער „פּערעסילקע״ זענען פאַר אַן אונדזעריקן געווען סכּנותדיק און הפקרדיק. אַלץ איז דאָרט צײַטווײַליק און פאַריבערגייענדיק. ס׳איז דאָרט די מאַכט נישט קיין סטאַבילע — ס׳איז אַ האַלבע... און ווי יעדער פּערעסילני־פּונקט — אַפילו אויף דער גרויסער מאַמע־ערד פון סאָוויעט־רוסלאַנד, איז דער פּערעסילני־פּונקט פרײַ און הפקר פאַר דער כוליגאַנישער, פאַרברעכערישער אונטערוועלט.

מיר, די גרופּע פון וואַגאַן, האָבן דאָ דערוואָרט אַ נקמה־

אַקט אָדער אַן איבערפֿאַל פֿון אונדזערע וואַגאָן־שותּפֿים, וואָס האָבן צוגעזאָגט מיט אונדז זיך אָפּצורעכענען פֿאַר דער, לויט זיי, באַגאַנגענער עוולה. אין דעם באַראַק ווו מיר האָבן זיך געפֿונען, האָבן מיר בייטאָג און ביינאַכט געהאַלטן וואַך. הגם אַלע אַרעס־טאַנטן זענען דאַך ליידיק און אַנטוואָפֿנט, פֿאַרמאָגט אָבער די אונטערוועלט, ביי אַלע אומשטענדן, גענוג כּלים און מיטלען אויף צו הרגענען אַ מענטש. זענען מיר דערפֿאַר געווען אין אונדזער באַראַק גרייט זיך צו פֿאַרטיידיקן און פֿאַרהיטן אונדזערע שוין גענוג אָפּגעשוואַכטע לעבנס.

אָבער יענער צד האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז זיי לייגן דאָס אָפּ ביז אויף דער שיף־באַרזשע, ווו זיי וועלן האָבן נאָך אַ בעסערע געלעגנהייט. ווייל דאָרט איז די הפֿקרות דורך קיינעם נישט באַגרענעצט און קאָנטראָלירט.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פֿון פֿאַרלאָזן סאָץ־גאָראָד. דער וועג פֿון סאָץ־גאָראָד ביזן סאָץ־גאַוואַן איז בלויז עטלעכע קילאָ־מעטער. אָבער פֿאַר אונדזער עטאַפּ איז ער געווען אַ לאַנגער און שווידערלעכער. מיר געפֿינען זיך דאַך שוין באַלד צוויי מאָנאַטן צייט אין דעם פֿייניקנדיקן, אויסהונגערנדיקן פֿאַרצוויפֿלונגס־עטאַפּ. פֿאַרשטייט זיך, אַז גאַנץ אָדער האַלב־קראַנקע, אָפּגעשוואַכטע אויף די פֿיס. און דאָ קומט נישט קיין געוויינלעכער גאַנג־מאַרש צום פּאָרט, נאָר אַ געלויף, אַ געיאָגעניש, מיט אַ צוגאָב פֿון צערייצטע הינט. זיי צוזאַמען — די צווייפֿיסיקע און פֿיר־פֿיסיקע, — וואַרפֿן אַן אויף אונדז אַ מורא, אַז עס זאָל קיינעם פֿון אונדז נישט איינפֿאַלן צו וועלן אַנטלויפֿן. אַזוי אַרום איז עס געוואָרן נישט אַ גאַנג אַהין, נאָר אַ ווילד, צערייצט און בייז יאָגעניש, וואָס האָט געוואָרפֿן אויף דער רויער ערד אַ סך פֿאַלנדיקע, וואָס זענען אויפֿגעהויבן געוואָרן און געשלעפּט געוואָרן ביז סאָץ־גאַוואַן. דאָ האָט אויף אונדז געוואַרט אַ פֿראַכט־שיף, וואָס האָט געטראָגן דעם יאַפּאַנישן נאָמען „דזשורמאַ". „דזשורמאַ" איז אין יענער געגנט, אַ באַקאַנטע שיף מיט אַ רייכער פֿאַרגאַנגענהייט. די לעצטע יאָרן פֿירט זי אַרעסטאַנטן פֿון „מאַטעריק" צום אינדזל קאָלימאַ. אָבער זי האָט שוין באַוויזן ביז און אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

2 מאָל צו טרינקען. איין מאָל האָבן זי די יאַפּאַנער, צו וועלכע זי האָט אַמאָל געהערט, אַרויסגעצויגן; דאָס צווייטע מאָל — אין דער צײַט פון מלחמה, — האָבן זי די סאָוויעטן אַרויסגעצויגן און זי צוגענומען פאַר זיך. ווי געזאָגט, אַ פּראַכט־שיף אָדער באַרזשע, — אָבער נישט פאַר מענטשן.

זי פאַרמאָגט אין זיך 3 שטאָק (באָרטן): ערשטער, צווייטער און דריטער. ווערן אַהין אַרײַנגעוואָרפן אַרעסטאַנטן, אַנשטאָט פראַכט, און אין אונדזער פאַל — בערך 5.000 מענטשן. וואָס עס ווערט דאָרט — פון די מענטשן און מיט די מענטשן — וועלן מיר נאָר אפשר אַ טראָפּן פון אַ טראָפּן קאָנען איבערגעבן. פרִיער אָבער לאָמיר זיך באַקענען מיט איר הויפּט־העלד, וואָס דער קאָנוואָי־קאָמענדאַנט האָט באַשטימט פאַרן עלטסטן, אָדער „סטאַרשי", איבער די 5.000 קוים נאָך לעבעדיקע מענטשן.

זײַן נאָמען איז געווען זאָלאָטאָי. ער האָט מסתמא פאַרמאָגט זײַן אייגנטלעכן נאָמען. אָבער זאָלאָטאָי — דאָס איז געווען זײַן פסעוודאָנים אין דער קרימינעלער אונטערוועלט, ווו ער איז געווען אַ באַקאַנטע פיגור. ווען איך האָב אים דערקענט און געזען, האָט ער שוין געהאַט נאָר איין אויג, אָבער דאָס זעגען, ווײַזט אויס, די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס מיט וועלכע די טורמע־און לאַגער־מאַכטן באַנוצן זיך אומעטום, און אַוודאי אויך דאָ. פאַר אונדזער קאָנוואָי־קאָמענדאַנט איז אַזאַ איינער געווען מער ווי פּאַסיק צו ווערן דער „סטאַרשי" אויף דער שיף.

ווען די גאַנצע מענטשן־מאַסע האָט זיך געפונען צוזאַמען, פאַרן אַראָפּלאָזן אונדז אין די שיף־באָרטן, האָט זאָלאָטאָי געהאַלטן פאַר אונדז אַ רעדע מכּוח דעם וואָס עס דערוואַרט אונדז אויף דער שיף, און ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן. זיינע פערלדיקע רייד האָבן זיך געשיט פון זײַן מויל ווי פון אַ נאַפּאַלעאָן. הײַנט, נאָך אַזויפיל יאָרן, געדענק איך נאָך זײַן זאָג: „פּאַיקאַ — עטאָ נאַשאַ זשיזן" — דאָ, זאָגט ער, אויף דער שיף, אויפן אָפענעם ים, איז דער פּאַיאָק דער אינהאַלט פון אונדזער לעבן, וואָס מיר מוזן אָפּהיטן פאַר יעדן איינעם, ער זאָל פּינקטלעך באַקומען דעם אים צוגעטיילטן פּאַיאָק.

באַלד נאָך דעם איז די גאַנצע מענטשן־מאַסע אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון די דרײַ באָרטן, ווו ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גיהינומדיקע זײַן אויף דער שיף „דזשורמאַ".

אין מײַן טורמע־און לאַגער־פּראַקטיק געהערט די רײַזע אויף דער שיף „דזשורמאַ" צו די פֿינצטערסטע און קאָשמאַרסטע טעג. די שיף־דעק איז באַדעקט און באַלייגט מיט אַ מענטשן־מאַסע, נישטאָ ווו אַוועקצושטעלן אַ פוס אָדער איבערשפּרײַזן אַ טריט. אַן אָרדענונג פון ברוטאַלער אומאָרדענונג, סײַ פון דער קאָנוואָי־מאַכט, סײַ פון אירע אונטערוועלטניקעס — צוהעלפער.

די ביידע שטעלן דאָ אײַן אַן אָרדענונג פון כּוח און געוואַלד, מען באַרויבט די שוין פון פריִער באַרויבטע, אויב עס איז דיר נאָך בכלל עפּעס פאַרבליבן פונעם וואַגאָן. אויב דײַן קערפּער איז נאָך מיט עפּעס אַ שטיקל בגד צוגעדעקט, איז עס שוין אויך נישט דײַנס. צוויי מאָל אין טאָג האָט מען געציילט, צי אַלע זענען דאָ. מען האָט אַלע אַראָפּגעטריבן אין אונטערשטן שטאָק און דאָ באַפאַלן דיך די שפּאַנאַ־רויבערס. מען שטיקט דיך מיט צוויי פינגער דעם האַלדז, זאָלסט נישט קאָנען שרײַען. און דאָס וואָס איז מיט דיר און אויף דיר איז שוין נישט דײַנס. בײַם אַרויפגיין אויף די טרעפּ, ווו מען ווערט פאַקטיש געציילט, ווערט מען כוליגאַניש געשטופּט און געשטויסן און אַפילו אויך געשלאָגן. דער שיף־עלטסטער זאַלאַטאָי האָט נאָך פאַרן אַרויפגיין אויף דער שיף צונויפגענומען געלט בײַ די נאַיִווע מוזשיקעס, וואָס האָבן נאָך בײַ זיך עפּעס געהאַט, כלומרשט אײַנצוקויפן פאַר זיי פּראָדוקטן, טאַבאַק און אַנדערע זאַכן; ער האָט אָבער זיי אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט, און גענומען אַלץ פאַר זיך און זײַן באַנדע. ווען ער האָט געהערט געשרייען פון אַ באַפאַלענעם, האָט ער ציניש געלאַכט און געזאָגט: גיב אָוועק, וועט מען דיך נישט טשעפּען... ער האָט זיך אַלעמאָל געפונען אויבן, אין דער געזעלשאַפט פון קאָנוואָי.

דער אַזוי־גערופענער „טרוקענער פּאַיאָק" איז באַשטאַנען פון אַ נאַסע, ליימיקע פּאַיקע ברויט, פון 400 גראַם, מיט אַ האַלבן הערינג אויף אַ מעת־לעת. דאָס טרינקוואַסער איז באַלד נישט געוואָרן. און אַז עס איז געווען, האָבן נישט אַלע באַקומען. אַלע

מאַכערס און פּאַרטיילערס זענען געווען פון דער אונטערוועלט און ביי אַ סך פון די וואָס האָבן עפּעס יאָ באַקומען, איז עס דערנאָך צוגערויבט געוואָרן.

די „דזשורמאַ" האָט זיך קוים קוים געריקט פאָרויס איבער דעם יאַפּאַנישן און אָכאָטישן ים, צום שטילן אָקעאַן. פאַרביי קאַמטשאַטקאַ, די קורילער אינדזלען, סאַכאַלין און אַנדערע ערטער. אין צווישן האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם וואָס האָט די שיף געהויבן און געוואָרפן, צעוויגט און צעוואַקלט. געזאָגט האָט מען, אַז דער חודש אָקטאָבער איז דאָרט איינער פון די שטורעמדיקסטע אין יאָר. די אַזוי אויך אָפּגעשוואַכטע און קראַנקע זענען מאַסנווייז געפאַלן, אויב נאָר ס'איז געווען אָרט ווו צו פאַלן. די שיף האָט זיך נישט געקאָנט באַוועגן פאָרויס — זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געאַנקערט אין מיטן ים. מיר זענען מוראדיק געוואָרפן געוואָרן און זיך נישט געקאָנט דערהאַלטן.

אויף דער שיף האָט אויסגעבראָכן אַ דיזענטעריע, וואָס האָט פאַראומרייניקט אַלץ און אַלעמען. דער דאָזיקער גרויל אויף דער שיף „דזשורמאַ" שטייגט איבער יעדער מענטשלעכע פאַנטאַזיע. און ביי דעם אַלעם האָבן די אונטערוועלט־העלדן געצאַרסטוועוועט אויף זייערע נאַרעס, געהאַט אַלע גוטע זאַכן וואָס איז נאָר מעגלעך, געשפּילט אין קאָרטן און איינעם פון דער הויפּט־חברה מיטן נאָמען „זשיד" האָבן די לייט געדינט מיט גרויס אונטערטעניקייט. דער נאָמען „זשיד" איז וואָרשיינלעך אויך געווען אַ אונטערוועלט־פּסעוודאָנים. איך קען נישט און ווייס נישט זיינע זכותן אין אָט דער אונטערוועלט, אָבער עס וועט מיר נאָך אויס־קומען צו דעם נאָמען זיך אומצוקערן און צו זען אים אין אַ גאַנץ אַנדערן וואַריאַנט און ביי אַנדערע באַדינגונגען.

איך מוז נאָך דערמאָנען נאָך איין נאָמען פון דער גיהנומדיקער שיפס־רייזע: דאָס איז דער טאַטאַר קאַלקאַ. ער האָט זיך אויף דער שיף אויסגעפּוצט מיט דעם אַרויסגערוקטן ווייסן קעלנערל פון זיין גימנאַסטיאָרקע, וואָס איז געווייינלעך דער באַוויז און די אוניפאָרם פון דער פּאַטענטירטער אונטערוועלט. ער, קאַלקאַ, האָט ביי מיר די גאַנצע צייט געוואָלט צונעמען מיינע צוויי שטיוול —

איך זאָג נישט אַ פּאָר שטיוול, ווײַל נישט מיט אַלע זענען זיי געווען ענלעך צו אַ פּאָר... מיט זיי בין איך אַרויס פון לאַגער, זיי נאָך געהאַט אויף דער שיף; און ער, קאַלקאַ, האָט זיי בײַ מיר געוואָלט צונעמען. אויך צו אים וועלן מיר זיך נאָך אומקערן בײַ אַן אַנדערער געלעגנהייט.

דער ים־שטורעם פון 7 באַל האָט זיך אײַנגעשטילט, די „דזשורמאַ" איז דאָס מאָל, צום גליק, נישט דערטרונקען געוואָרן, פּאָר וועלכן אַ סך פון אונדז האָבן מיט רעכט מורא געהאַט. אויפן 6טן טאָג האָט זי אונדז דערשלעפּט — די מערהייט אין אַן אויסגייענדיקן מצב — צום אײנציקן קאָלימער פּאָרט־ברעג — אין מאַגאַדאַן, וואָס איז נאָך דעם 28טן אָקטאָבער נישט געווען פאַרפרוירן. האַלב־טויטע זענען מיר אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן רויען קאָלימער ברעג. אויך דאָ האָט גענומען צײַט ביז אַלע זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן מיט אַלע מעגלעכע טראַנספּאָרט־מיטלען: אויטאָס, עראָפּלאַנען און אַנדערע — צו זייערע באַשטימטע לאַגער־פּונקטן.

און פאַראַן אין קאָלימאַ וווּהין פונאַנדערצושיקן. איך האָב געהערט צו אַ גרופּע וואָס איז פון מאַגאַדאַן איבערגעפירט געוואָרן מיט אַן עראָפּלאַן צו אַ ראַיאָן־שטעטל אויף דעם אינדזל וואָס רופט זיך סעסומאַן. אויך די ראַיאָן־שטעט דאַרפן נישט פאַרשטאַנען ווערן ווי שטעט מיט אַ באַוווינטער באַפעלקערונג. דאָס איז אויף גאַנץ קאָלימאַ נישט פאַראַן. דאָס שטעטל, אָדער די שטאָט, איז פּשוט דאָס זיץ־אָרט פון דער טורמע־און לאַגער־אַדמיניסטראַציע אין דעם געגעבענעם ראַיאָן. ערשט פון דער ראַיאָן־שטאָט זענען מיר איבערגעשיקט געוואָרן אינעם לאַגער, אָדער „פּריִסק" אויפן נאָמען פון קאַלינין.

דערווײַל זענען מיר אין סעסומאַן אַרײַנגעפירט געוואָרן אין דער פּערעסילנער טורמע. און דאָרט איז מיט אונדז ווידער געשען אַ נישט־געוויינלעכע געשעעניש. אָבער כּדי זי צו פאַרשטיין, דאַרף מען זיך אומקערן צו די גרופּן־קאַמפּן אין דער קרימינעלער אונטערוועלט, וואָס איז באַזונדערס שטאַרק אויף דעם פון לעבן־רעזיגנירטן אינדזל קאָלימאַ, ווו ס'איז שוין נישטאָ וואָס צו פאַרלירן.

זיי רופן זיך: **וואָרי** (גנבים), **סוקי** (הינט) און **שפּאַנאַ** (כאַפּערס, אַרומלויפנדיקע יינגלעך אַ.ד.גל.).

איינע פון די דריי גרופּן, די וואָס רופן זיך „וואָרי״ (גנבים), באַטראַכטן זיך פאַר דער א.ג. אַריסטאָקראַטיע פון דער אונטערוועלט. זיי זענען קאָנסעקווענט איינגעשטעלט קעגן דער מאַכט וואָס שטערט זיי, און אַוודאי קעגן דער טורמע־און אַדמיניסטראַציע־מאַכט אין די לאַגערן. זיי פירן אַ קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף נישט אַרויסצוגיין פונעם לאַגער אויף אַרבעט, און מער נאָך, נישט צוזאַמענצואַרבעטן מיט דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. זיי פירן אויס אַ סך מאָרדן איבער די קאָנוואָיענטן און אַנדערע. זיי האַלטן זייער פּאַך: „**וואָרי**״, פאַר לעגיטים, האָבן אויסערגעוויינלעכע פאַרבינדונגען אין דער תּפיסה־וועלט אין גרויס־רוסלאַנד, איבער פיל טויזנטער קילאָמעטערס. ס׳איז פּשוט צו שטוינען ווי אַזוי זיי באַווייזן דאָס. די לאַגער־מאַכט אין קאָלימאַ האָט פאַר זיי מורא. מען ווענדט אָן לגבי זיי אַן אויסנעם־רעזשים, אַפילו מיט קייטן אויף די פיס. אָבער די „וואָרי״־לייט זענען פּרינציפּיעלע אַרעסטאַנטן און פירן זייער קאַמף קעגן דער גרופּע קרימינעלע, וואָס רופן זיך „סוקי״ — אַ הינטישער נאָמען — און פירן אויס פאַרשידענע אויפגאָבן אינעם לאַגער: זיי גייען אַרויס אויף אַרבעט, זענען בריגאַדירן און אַנדערע עלטסטע, און אַרבעטן צוזאַמען מיט דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע.

די דריטע גרופּע, וואָס ווערט אָנגערופן **שפּאַנאַ**, — צו זיי באַציִען זיך די „וואָרי״ מיט איגנאָראַנץ, אָבער אויך מיט קעגנערשאַפט, כאָטש נישט אַזוי אַגרעסיוו ווי צו די „סוקי״.

ווען מיר זענען אין סעסומאַן אַרײַן אין דער איבערשיקונגס־טורמע, האָבן זיך אין דער ריזיקער קאַמער געפונען בלויז צוויי יונגעלייט. ווי נאָר די טיר האָט זיך פאַרמאַכט נאָך אונדז, און יעדער איינער האָט געוואָלט זײַן וואָס טיפער און ווײַטער, מען זאָל אים נישט אַרויסזען, זענען די צוויי יונגעלײַט אַרויס ווי פון די צוויי ווענט פונעם קאַמער, האַלטנדיק לאַנגע און שפּיציקע מעסערס אין די הענט, און הויך אויסגערופן און באַפוילן: „מוזשיקי! איר דאַרפט זיך נישט באַאומרויִקן, אײַך מיינען מיר נישט. אײַך וועלן

מיר נישט טשעפּען. איר גייט אַלע אַוועק צו דער הינטערשטער וואַנט. ווער ס'איז דאָ פון די „סוקי'ס", זאָל אַרויסגיין אַהער מיט זייערע וויעשטשעס... און ווער ס'איז דאָ פון „שפּאַנאַ" זאָל שפּעטער אַרויסגיין.

אין ערשטן מאָמענט איז קיינער נישט אַרויס. אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט אין קאַמער. די דאָזיקע צווי רופן ווידער: ווער ס'איז דאָ אַ „סוקי", זאָל אַרויס! אויב נישט, וועט זײַן ערגער!...

דער פריִער־דערמאָנטער קאַלקאַ, וואָס האָט געגלוסט מײַנע שטיוול, האָט שנעל אַראָפּגעריסן דאָס ווייסע קעלנערל פון זיין גימנאַסטיאָרקע, עס זאָל אים נישט מסרן פאַר אַ „שפּאַנאַ"־העלד. נאָכן מינוטיקן שטילשווײַגן גייט אַרויס מיט זײַן טשעמאָדאַנטשיק דער פריִער־דערמאָנטער „זשיד". זיי פרעגן אים: דו ביסט אַ וואָר? — יאָ! — זאָגט ער. און דעם דיאַדיאַ וואַניאַ קענסטו? (קענטיק איינער פון זייערע אויטאָריטעטן)...

די דינגעניש און זוכעניש אין זײַן טשעמאָדאַן האָט אָנגעהאַלטן. אַלע זענען מיר געווען זיכער און געמיינט, אַז דאָ וועט געשען אַ מאָרד. אָבער אין די מינוטן האָט זיך די טיר פון קאַמער געעפנט און מיר אַלע, און אויך אונדזערע דערמאָנטע העלדן דאָ, זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון קאַמער. זײַן, אָדער זייער לעבן איז געראַטעוועט געוואָרן. מיר אַלע זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין אונדזער לאַגער־פּונקט אויפן שוין דערמאָנטן פּריִיסק „קאַלינין".

צומאַרגנס נאָך אונדזער אָנקומען אויפן פּריִיסק האָט איינער פון דער נאַטשאַלסטווע אונדז באַקענט מיט דעם אָרט ווו מיר געפינען זיך. זײַנע רייד האָבן באַשטעטיקט דעם טרויער וואָס מיר האָבן דערזען אַרום זיך, אַפילו אין דער נאַטור, נאָר נאָך מער באַשווערט און פאַרביטערט אונדזער אַזוי אויך אָפּגעשוואַכטן פיזישן צושטאַנד, אונדזער ביז גאָר געפאַלענעם מאָראַלישן אליין־ווערט. קוים־קוים, נאָך חדשימדיקער אַרומוואַנדערונג און הפקרדיקער באַליידיקונג און שמוץ, הערן מיר פון נאַטשאַלניק, אַז „קיין צוריק איז פון דאַנען נישטאָ; אַז... דאָ אַהער ברענגט מען נישט אויף צוריק אַהיימצופאָרן — ס'איז צו ווײַט..." און מיט אַ ביסל הומאָר און איראָניע גיט ער צו, וואָס מען זאָגט דאָ וועגן

גערעכטיקייט: דער בער איז דאָ פּראָקוראָר, און דער וואָלף איז דער ריכטער און פאַרטיידיקער...

דאָס וואָס מיר האָבן געהערט פונעם מויל פון נאַטשאַלניק איז געווען בלויז אַן עפּעס פון דעם, מיט וואָס מיר האָבן געדאַרפט זיך באַקענען און מיטמאַכן אויף דעם אינדזל וואָס אין דער לאַגער־וועלט טראָגט ער דעם נאָמען „סמיערטעלני אָסטראָוו קאָלימאַ״ — **דער טויט־אינדזל קאָלימאַ.**

אין קליינע, דאָ פאַרשפּרייטע גלײַכווערטלעך: קאָלימאַ, קאָלימאַ, טשודנאַיאַ פּלאַנעטאַ — אָדינאַדצאַט מיעסיאַצעוו זימאַ, אָסטאַלנאַיע ליעטאַ״ (קאָלימאַ, קאָלימאַ, וווּנדערלעכער פּלאַנעט — עלף מאָנאַט דאָ איז ווינטער, די איבעריקע איז זומער...) אָדער — ערגעץ־ווו אין אַ לאַגער בייזערט זיך דער נאַטשאַלניק און דראָט דעם אַרעסטאַנט: „כ׳וועל דיך שיקן אַהין, דאָרט ווו ניין־און־ניינציק וויינען און איינער לאַכט״... געמיינט, פאַרשטייט זיך, קאָלימאַ. דער איינער וואָס לאַכט איז דער נאַטשאַלניק פון לאַגער, אַ פּרײַ־אַנגאַזשירטער. אָבער דער אמת איז, אַז אין קאָלימאַ לאַכט קיינער נישט. קאָלימאַ איז אויסער דער וועלט, וואָס מיר קענען. עס איז אפשר ריכטיק צו זאָגן: אַן אויסטערלישע וועלט! אַפילו איר נאַטור איז אויסטערליש. אונדזערס אַ מענטש, וואָס וואָלט דאָרט פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן אין אַ ווינטער־נאַכט, וואָלט אומגעקומען בלויז פון דעם וואָס ער זעט אַרום זיך. ריזיקע שניי־בערג און טאָלן, דער הימל — ווי אײַנגעהילט אין טרויער, מיט אַ טונקל־ווײַנענדיקן קאָליר, — עפּעס לעבעדיקס זעט זיך נישט אַרום. קאָלימאַ פאַר־מאָגט נישט קיין ערדענעם באָדן, אַלץ איז אײַזיק און פאַראײַזט. פליסיק וואַסער איז דאָרט מעגלעך נאָר בײַ אַן אַנדערטהאַלבן ביז צוויי חדשים אין יאָר, — בערך יולי—אויגוסט. קיין שום ערד־געוויקסן באַוויַזן נישט דאָ רייף צו ווערן, זענען במילא נישט פאַראַן דאָרט קיין ערד־געוויקסן.

איך האָב נישט געזען אין קאָלימאַ קיין וואַלד, אַ מער־ווייניקער פאַרמירטן לויט אונדזערע באַגריפן. אָבער ביימער האָב איך געזען אַ סך, און ריזיקע אין זייער וווּקס און פאַרנעם, הגם זיי וואַקסן דאָרט אין גערانגל מיט דער נאַטור. מער אין אַ דזשונגל,

ווי אין אַ וואַלד. קאָן זײַן, אַז אין דעם ריזיקן קאַלימאַ זענען אויך פֿאַראַן באַוואַלדיקטע געגנטן, אָבער איך האָב זיי נישט באַוויזן צו זען.

אַן אינטערעסאַנטע נאַטור־דערשײַנונג: אונטער די צווײַגן פֿון די ביימער פֿאַלט אַראָפּ אַזאַ מין געוויקס, וואָס די רוסן רופֿן עס ברושניקי. דאָס איז אַזאַ מין סאָרט בוראַווקעס. נאָר אין דעם יאָר ווען זיי וואַקסן, ווערן זיי פּריצײַטיק צוגעדעקט מיטן שניי, אַזוי, אַז ערשט אויפֿן צווייטן יאָר, ווען דער שניי צעגייט, קאָן מען זיי זאַמלען און פֿון זיי געניסן. זיי זענען פֿאַר דער צײַט זיס געוואָרן.

פֿון דעם איז קלאָר, אַז קאַלימאַ קאָן נישט און באַזאָרגט נישט דאָס נייטיקע און מינימאַלע פֿאַר אַ מענטשלעך לעבן אויף אָט דעם אינדזל. און אויב, און אויף וויפֿל מענטשלעך לעבן ווערט דאָרט פּראַקטיצירט און אָנגעוואָנדן, מוז עס זײַן אויסגעשטעלט נאָר אויף דעם וואָס עס ווערט אַהין אַרײַנגעבראַכט מיטן ים אָדער דורך לופֿט־טראַנספּאָרט. קיין אָרטיקע, אײַנגעבוירענע באַפֿעלקערונג פֿאַרמאָגט נישט דער אינדזל קאַלימאַ, הגם עס איז באַקאַנט פֿון דער געשיכטע, אַז דער אינדזל איז אַמאָל געווען באַוווינט פֿון אַ שבט וואָס האָט זיך גערופֿן „נינעיצי". די נינעיצעס זענען געווען אַ שבט צווישן די דאָרט נאָענטע עסקימאָסן און יאַקוטן, וואָס זענען אייגנטלעך די געאָגראַפֿיש נאָענטסטע צום קאַלימאַער האַלבאינדזל, פּאַקטיש — אַ גאַנץ־אינדזל, ווײַל יאַקוטסק איז אָפּגעטיילט פֿון קאַלימאַ מיט נישט־דורכגייבאַרע טונדרעס. די נינעיצעס אַליין האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע שפּראַך און קולטור, זענען זיי אין דער וויסטעניש מיט דער צײַט פֿאַרשוווּנדן, ווי מען האָט דאָס דערציילט און געשיכטלעך דערקלערט אין מײַן צײַט און איך האָב דאָס געלייענט אין דער אָרטיקער צייטונג, „סאָוויעטסקאַיאַ קאַלימאַ".

דער אינדזל קאַלימאַ איז אַנטדעקט געוואָרן נאָך אין 17טן יאָרהונדערט דורך אַמעריקאַנער גאָלד־סוחרים און גאָלד־זוכערס, און דאָך איז ער געבליבן אומבאַקאַנט און נישט באַזעצט ביזן אָנהייב פֿון דער קאָלעקטיוויזאַציע אין די 30קער יאָרן, ווען די סאָוויעטישע מאַכט האָט באַדאַרפֿט געפֿינען אַן אָרט פֿאַר די

באַזײַטיקטע „קולאַקעס”. נישט נאָר ווו זיי צו פאַרשיקן, נאָר זיי אויך צו ליקווידירן. איז דער אינדזל קאָלימאַ געווען דערצו אַ פּאַסיק אָרט.

זינט דעמלט האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי־גערופענע אַנטוויקלונג אָדער באַזעצונג פון קאָלימאַ, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן איבער דער גאַנצער, גרויס־פאַרשפּרייטער לאַגער־נעץ פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ווי דאָס אָרט פון דער שרעקלעכסטער שטראָף־אָנווענדונג, דאָס אָרט פון אומקום. און פון דאַנען דער נאָמען **„סמיערטעלני אָסטראָוו”**.

בעת מײַן זײַן דאָרט, איז דער ריזיקער אינדזל קאָלימאַ געווען פאַרטיילט אין דרײַ באַזונדערע, אַ.ג. „זעלבסט־פאַרוואַלטונגען” (אופּראַוולעניעס) : ניזשני, וויערכני און סרעדני, (נידעריקע, הויכע און מיטעלע), וואָס אַלע צוזאַמען זענען זיי געווען שטרענג אָפּהענגיק און קאָנטראָלירט דורך דעם דאַל־סטראָי־מיניסטעריום, וואָס האָט זיך געפונען אין מאָסקווע. און מעג מאָסקווע זיך געפינען אַזוי ווײַט ווי זי געפינט זיך געאָגראַפיש פון קאָלימאַ, — איז זי איינציק און אַליין די באַשטימערין פון אַלץ וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

וואָס און ווער איז „דאַלסטראָי״?

„דאַלסטראָי״, אויף וויפל דאָס איז מיר באַקאַנט געווען, איז פאַרמעל געווען אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט אַנגאַזשירט מענטשן צו אַרבעט און באַשעפטיקונג. אַפילו געשלאָסן מיט זיי אָפמאַכן, וואָס האָבן פאַרגיטיקט פאַר דער וויַיטקייט און דער שווערקייט פונעם אָרט. אָבער די פריַי־אַנגאַזשירטע אין די גרויסע שטעט, די נאַטשאַלסטווע, וואָס זענען געווען צענדליקער אָדער הונדערטער, האָבן געלעבט אויפן חשבון פון די הונדערטער טויזנטער אַרעסטאַנטן און פאַרשיקטע, וועלכע מ׳האָט דאָרט לעבנס־לענגלעך פאַרשקלאַפט, — אין מיַין ציַיט האָט מען גערעדט וועגן צוויי מיליאָן, וואָס זענען דאָרט אין זייערע ביכער געווען פאַרשריבן ווי לוין־באַשעפטיקטע. וויַיל ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָלימאַ איז שוין מיַין באַקומענער אורטייל פאַרמעל געווען פאַרענדיקט. האָט עס געהייסן, אַז איך אַרבעט אין „דאַלסטראָי״.

דאָס איז פאַקטיש די איבערגעטריבענע ביטערקייט, די צביעות און אָפּנאַריַי פון אַ רעזשים, וואָס פון איין זיַיט האַלטן זיי אויף ביוראָען אין די גרויסע שטעט, שליסן אָפמאַכן מיט איינצלנע, וועלכע אַנגאַזשירן זיך אין דער פירמע — לאָמיר זי אָנרופן „וויַיטע־בויונג״ — און פאַר די אַנגאַזשירטע איז דער „דאַל־סטראָי״ מן הסתּם דאָס בעסטע פאַרדין־אָרט, און פון דער צווייטער זיַיט, איז דאָס אַ ריזיקער, ספּעציעל אויסגעשולטער ק.ג.ב.־שטאַב, וואָס האָט זיַינע פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע אויפגאַבן, צו העלפן דער אונטערדריקונג פון די מיליאָנען, וואָס ווערן אַהין געבראַכט און אין מערסטע פאַלן צו לעבנס־לענגלעכער פאַרשקלאַפונג. קלאָר אַז איך מיין דאָ נישט די קרימינעלע פאַר־ברעכער, פאַר וועמען קאָלימאַ איז, אַזוי צו זאָגן ,די לעצטע פּאַזע׳ אין זייער קאַריערע. איך האָב דאָ אין זינען די מיליאָנען פון דער פעלקער־מאַסע, וואָס באַוווינען די ריזיקע טעריטאָריע פונעם ראַטן־

פאַרבאַנד, פון וועלכע דער רעזשים געפינט תּמיד אויס פּאָליטישע פאַרשולדיקטע, צי פאַרדעכטיקטע, וועלכע ער וויל איזאָלירן און ליקווידירן.

פאַר די פיר יאָר פון מײַן זײַן אין קאָלימאַ האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ ריזיקער פעלקער־מאַסע, פון אַ גאַנצן אינ־טערנאַציאָנאַל, וואָס באַווינען, אָדער האָבן באַווינט, ווײַטערע און נענטערע ערטער, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט די פראָנט־קאַמפן אין דער 2טער וועלט־מלחמה, און צו זיי האָט די סאָוויעטישע מאַכט נישט געהאַט קיין צוטרוי. אָדער גאָר די אומגליקלעכע רויט־אַרמייער, וואָס זענען באַפרײַט געוואָרן פון פלען און אַנשטאָט מ׳זאָל זיי לאָזן אַהיים זענען זיי געשיקט געוואָרן קיין קאָלימאַ. און ס׳וועט נאָך אויסקומען זיי צו דערמאָנען.

מיט אָט דער ריזיקער פאַרשקלאַפטער מענטשן־מאַסע אין קאָלימאַ, דערגרייכט דער רעזשים אַ צווייפיקן ציל: ער איזאָלירט, אָדער ליקווידירט, די, וואָס ער וויל ליקווידירן און פון דער צווייטער זײַט שאַפט ער פאַר זיך גרויסעווירטשאַפטלעכע גאָלד־פאַרמעגנס, וועלכע קומען אים אַרײַן פון די קאָלימאַער גאָלד־גראָבנס פאַרן פרײַז פון ליקווידירטע לעבנס וואָס קאָסטן גראָשנס...

ווי אַזוי מאַכט מען גאָלד אין קאָלימאַ? איך זאָג ווי אַזוי מען „מאַכט" גאָלד, אָבער מיר ווייסן, אַלע, אַז גאָלד מאַכט מען נישט, דאָס גאָלד איז פאַרטיק, עס איז נאָר אַזוי טיף פאַרשטעקט אין דער ערד, אַז ביזן אַרויסבאַקומען עס און מאַכן עס גאָלד־ווערטיק, פאָדערט זיך נישט נאָר געוויינלעכע מענטשלעכע מי און אַרבעט, נאָר סכּנותדיקע און לעבנס־געפערלעכע אָנשטרענגונגען, פאַר די וואָס טוען דאָס. און באַזונדער בײַ די פרימיטיווע באַדינגונגען ווי אין קאָלימאַ. פאַר יעדן פאַל איז עס געווען אַזוי אין יענע יאָרן, וואָס איך וויל דאָ דערציילן.

פאַראַן דאָרט צוויי סאָרטן גאָלד־גראָבנס: פאַרמאַכטע און אָפענע. די אָפענע זענען נאָר אַ צוגאָב צו די פאַרמאַכטע, וואָס זענען דער עיקר פון דער פּראָדוקציע. אויפן דריטן טאָג פון מײַן אָנקומען אויפן פּריִסק, בין איך אַראָפּגעשיקט געוואָרן אין אַזאַ פאַרמאַכטן גאָלד־שאַכט. אַן אויסגעמאַטערטער, אויסגעהונ־

גערטער און דערשעפטער פון דעם חדשימדיקן עטאַפּ, בין איך געשיקט געוואָרן צונויפצוזאַמלען און טראָגן ערד פון דעם נאַר־וואָס דורכגעפירטן אויפרײַס אין די ווענט פונעם גראָבן. דאָ זאָגט זיך ערד — אָבער ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, פּאַרמאָגט נישט קאַלימאַ קיין ערד און אָוודאי נישט אין די גראָבנס. ווײַל וואָס טיפער מען גראָבט אַלץ מער אײַז און ווייניקער ערד. די אײַן־ערד איז באַזונדער שווער צו זאַמלען, ווײַל זי איז צעשיט און צעוואָרפן אויף די הענגענדיקע שפּיצן פון די ווענט. דאָס אַלץ דאַרף אָפּגערייניקט ווערן און צוגעטראָגן ווערן צו דער עפענונג פון די גראָבנס, כּדי אויפגעהויבן צו ווערן צו דער אויבערפלאַך, צו אַ הויך אָנגעשיטן באַרג, וואָס וועט שפּעטער, אין זײַן צייט, ווען דאָס וועטער וועט עס דערמעגלעכן, געשיקט ווערן אין די וואַש־קאַריטעס, אין אַ גאַר שטאַרקן שטראָם וואַסער, וואָס שווענקט אָפּ די ערד פון דעם גאָלד און דאָס גאָלד זעצט זיך אָפּ און בלײַבט אין קאַריטע.

אַראָפּגעפירט אין דער שאַכטע ווערט מען אין אַזאַ וואַגאָנדל. פינצטער. חושך. בלויז איין קאַרביד־לעמפּל אָדער אַ באַטעריע. און זייער אָפּט לעשט זיך דער קאַרביד־לאָמפּ אויס — ביסטו אין דער גאַנצער אַרומנעמענדיקער פינצטערניש פונעם פּונקט, ווו מען לאָזט זיך אַראָפּ. וועררסט געפירט אין דער לענג פון גראָבן, דעם אַרבעט־פּונקט, בײַ דעם נאַר־וואָס פאַרגעקומענעם אויפרײַס. דו פאַלסט אַהין אַרײַן אין אַ געפרוירענער אײַזיק־דומפּיקער לופט, ממש נישט צום אויסהאַלטן. און דער כוליגאַנישער אויפזעער אין גראָבן איז ווידער פון דער קרימינעלער וועלט, ער זידלט און שלאָגט אַפילו, צווינגענדיק דיך צו טאָן דאָס, וואָס איז דיר פּשוט אוממעגלעך.

דער אַזוי־גערופענער אַרבעט־סיסטעם אין די גראָבנס איז לויט „וואַכטעס״. דער ערשטער איז דער וואָס בויערט די טיפונג אַהין אַרײַנצולייגן דעם אויפרײַס־מאַטעריאַל. דאָס איז אַן אויסערסט פיזיש שווערע און לעבנס־געפערלעכע אַרבעט. עס געשעען פאַלן, אַז דער בויערער טרעפט אָן אין וואַנט אויף עפּעס וואָס רײַסט אויף אים מיט אַלץ אַרום, פון וואָס איך אַליין בין געווען אַן

עדות אין מײַן וואַכטע: דער בוירערער איז געבליבן שטיין מיט צוויי איס אַרויסגעריסענע אויגן. נאָך אים קומט דער צווייטער — שוין נישט אַזוי פּיזיש־שווער, אָבער נאָך אַלץ לעבנס־געפערלעך. דאָס איז דער, וואָס אויף רוסיש רופט מען אים „זריוווטשיק" — דער אויפרײַסער. ער דאַרף אונטערלייגן דעם אויפרײַס־מאַטעריאַל און אין געציילטע מינוטן באַווײַזן צו אַנטלויפן אויף אַ געהעריקן מרחק, אָפציילן לויטן געהער די אַלע פּונקטן וווּ ער האָט אונטער־געלייגט דעם אויפרײַס־מאַטעריאַל, צי זיי האָבן אויפגעריסן, אַנטלויפן פון דעם אויפרײַס — איידער ער קומט פּאָר. אָבער אויך דאָ געשעען אַ סך טעותים וואָס קאָסטן מענטשלעכע לעבנס. נאָר צו דעם איז מען אין קאָלימאַ צוגעוווינט, ווי צו אַ געוויינלעכקייט. וואָרעם וואָס האָט דאָרט די ווערט אַ מענטשנס לעבן ?...

די אָפּענע „פּאַליגאָנס", ווי מען רופט עס דאָרט, — זענען מיט אַ גאָר פּרימיטיווער אויסשטאַטונג און טעכניק: זיי זענען געבויט אין זייער פּאָרעם און אויסזען ווי אַ וואַסער־ברונעם אין אַן אַמאָליקן פּוילישן אָדער רוסישן דאָרף. דאָרט אַהין ווערט אין עמער, וועלכן מ'לאָזט אַראָפּ, אַרײַנגעשטעלט אַ מענטש. ער לייגט דאָרט אונטער דעם אויפרײַס־מאַטעריאַל. פון ביידע זײַטן „ברונעם" שטייען צוויי מענטשן וואָס דרייען די קאָרבעס און ציִען צוריק אַרויף דעם שטייענדיקן מענטש אינעם עמער. דאָס אַלץ, ווען אַלץ גייט ווי מען באַדאַרף. אָבער צוליב דעם שטענדיקן פּראָסטיקן וועטער וואָס דערגייט אין די מערסטע חדשים פון יאָר ביז עטלעכע און פופציק גראַד אונטערן נול, — קאָן מען דאָרט נישט באַנוצן קיין אײַזערנע קייט בײַם אַראָפּלאָזן אָדער אַרויפציִען, ווײַל דאָס אײַזן פאַרפרירט. באַנוצט מען זיך דאָרט מיט גאָר דיקע שטריק. אָבער אויך זיי פרירן טיילווײַז, און פון דעם געשעט: די געפרוירענע שטריק ווערן אָפּגעשוואַכט און רײַסן זיך איבער, און דעמלט בלײַבט דער אַראָפּגעלאָזטער אַ... קרבן בײַ זײַן אַרבעט. דער עיקר אַז מען קוקט זיך דאָרט צו ווי אַזוי **גאָלד** ווערט **גאָלד**, פאַרלירט מען דעם חשק צו גאָלד און אַפילו צו דעם טײַערן גאָלד־ווערט אויפן וועלט־מאַרק.

נאָכן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אין די גראָבנס, וואָס כמעט

יעדער מוז דאָס דורכמאַכן, בין איך איבערגעשיקט געוואָרן צו מער קוואַליפיצירטער פאַר־אַרבעט פון סטאָלעריַי און טעסלעריַי, וואָס פאַרנעמען זיך מיט בויען די אַגרעגאַטן און קאַריטעס פאַר וואַשן דאָס גאָלד.

די אַרבעט איז אַ 24־שעהיקע אין מעת־לעת. זי פאַלט זיך צונויף מיט די חדשים פון גאַנצער טאָג־ליכט אין מעת־לעת, וואָס האַלטן דאָרט אָן בערך אַ 3 חדשים: אַפּריל, מאַי, יוני. פאַראַן דאָרט נאָך אָן אַנדערע אויסערגעוויינלעכע נאַטור־דערשײַנונג: דאָס איז שוין גראַד אינעם ווינטערדיקן האַרבסט. ס'איז דעמלט צו זען דאָרט די אַזוי־גערופענע „סיעוויערנאַיע סיאַניע" — די ליכט־שטראַלן פון צפון־פּאָלוס. דאָס גיט אַזאַ וווּנדערלעך ליכט אויפן הימל, באַגײַסטערט צו ווערן! עס איז אויך אַ טעמע פאַר נישט־רעאַלע באַטראַכטונגען און האָפענונגען, וואָס אין אונדזער צײַט זענען געווען אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט יאַפּאַן דערקלערט קריג דעם סאָוויעט־פאַרבאַנד און אַז דאָס איז אַ ליכט פון עראָפּלאַנען־שײַן. און, ווי געוויינלעך, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט זײַן אַן אַמנעסטיע... אָט די צוויי וווּנדערלעכע נאַטור־דערשײַנונגען אין קאַלימאַ — פון חדשים־דיקער טאָג־ליכט און האַרבסטיקע, צפונדיק וווּנדערלעכע ליכט־שטראַלן, זענען נאָך אַ באַווײַז פאַר אונדזערס אַ מענטש, אַז ער איז נישט אין זײַן וועלט.

די אַגרעגאַטן אויף שווענקען דאָס גאָלד ווערן גענוצט פון 6 וואָכן ביז מאַקסימום 2 חדשים אין יאָר: יולי־אויגוסט בערך. דאָס איז די צײַט, ווען עס איז דאָרט פאַראַן פליסיק וואַסער. אַלע אַנדערע חדשים פון יאָר איז שניי אָדער אײַז־צעטײַונג דאָס מיטל צו האָבן וואַסער. אָט די בערך צוויי חדשים זענען דאָס דער הויפּט־סעזאָן פון עפעקטיוון אַרויסבאַקומען גאָלד. מען דאַרף דערבײַ געדענקען, אַז דער מלוכהשער פּלאַן האָט פאַרויסגעזען 1 גראַם גאָלד פון אַ טאָן אַרויסגעהויבענער אײַז־ערד, נישט אַרײַנ־רעכענענדיק דאָס, וואָס עס גליקט אַמאָל אָפּ צו געפינען אַ שטיקל, אָדער אַ גאַנץ שטיק, גאָלד, אין וואָג פון קילאָגראַמען, אין דער דאָזיקער ערד. אין פאַרנעם איז דאָס נישט גרויס, ווײַל גאָלד

איז דער שוועסטער פון אַלע אַנדערע מעטאַלן. דאָס איז אויך דער פאַקט, וואָס טראָץ דעם שטאַרקן שטראָם פון וואַסער, וואָס רייניקט אַלץ אָפּ, בלײַבט דאָס גאָלד אָפּגעזעצט אין דער קאַריטע.

מ׳קאָן אָן ספק זאָגן, אַז גאָלד איז די הויפּט־פּראָדוקציע און די פּילווערטיקע ווירטשאַפטלעכע באַזע, נישט נאָר פונעם אינדזל, נאָר אויך פון אַלפאַרבאַנדישן אינטערעס. כ׳האָב שוין פריִער דערמאָנט, אַז קאָלימאַ פאַרמאָגט ריזיקע אוצרות פון פאַרשידענע מינעראַלן און מעטאַלן, וואָס נישט פון אַלע ווייסן מיר און איך — אַוודאי נישט. און הגם זיי ווערן געשאַצט פון קאָלאָסאַלן ווירט־שאַפטלעכן ווערט, ווערן זיי אָבער נישט אַלע אויסגענוצט, צוליב די שוועריקייטן און דער ווײַטקייט פון טראַנספּאָרט. אגב, בעת אונדזער אָנקומען אַהין האָט מען דערציילט און גערעדט, אַז פון יאַקוטסק זענען געמאַכט געוואָרן פּרווון צו פאַרלייגן באַן־ליניעס איבער די וויסטע, זומפּיקע טונדרעס, און אַלע פּרווון, מיט אַ סך מענטשלעכע קרבנות, האָבן זיך נישט אײַנגעגעבן. פונדעסטוועגן פלעגט מען אונדז זאָגן, אַז ביזן יאָר 1952 וועלן געלייגט ווערן באַן־רעלסן, כּדי צו פאַרבינדן דאָס קאָלימאַ־אינדזל מיטן קאָנ־טינענט. ביז מײַן פאַרלאָזן קאָלימאַ אין דער חלום וועגן אַ וועלכער ס׳איז טראַנספּאָרט־פאַרבינדונג איבער די טונדרעס נאָך געווען אַזוי ווײַט, נישט ווייניקער ווי ער איז געווען בעת אונדזער אָנקומען אַהין. די פראַגע איז, בלויז צי איז געווען אויפן אינדזל אַ מענטשלעך לעבן און אין וואָס האָט עס זיך אויסגעדריקט? דער אינדזל קאָלימאַ פאַרמאָגט דאָך אַ מיליאָן קוו. ק״מ. און פאַרמאָגט נישט קיין אָרטיקע באַפעלקערונג. דאָס מיינט, אַז איר געפינט זיך אויף אַן אָרט וווּ דאָס מענטשלעכע אויג האָט נישט וואָס צו זען... נישט קיין שטעט, נישט קיין דערפער און אַוודאי נישט קיין מענטשן. און אויב איר טרעפט יאָ אויף עפּעס אַן איז עס אַ לאַגער־פּונקט פון אַרעסטאַנטן אָדער פאַרשיקטע, וואָס איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ געהעריקער אונטערזוכונג פון אַ געאָלאָגישער עקספּעדיציע, אַז פון דעם פּונקט און אַרום אים, קאָן מען אַרויסבאַקומען גאָלד. ברענגט מען אַהער מענטשן און מאַשינען און עס ווערט דאָ אַ מין מענטשלעכער פּונקט, אָבער ווײַטער

אַרום, אויף הונדערטער און אפשר טויזנטער קילאָמעטער, זענען פאַראַן ערטער ווו מען קאָן נאָך נישט צוקומען צו זיי, אָדער בלויז אין באַשטימטע צײַטן אין יאָר. אַזוי אַז אַלץ איז דאָ תוהו ובוהו ווי אין די טעג פון בראשית. פאַרן אויג בלײַבט דיר נאָר אַ בערג־קייט, מיט טאָלן, און אַמאָל דערזעט דײַן אויג אַ סטעזשקע אָדער גאָר אַזאַ שטיקל פּויערישן וועג, — ווי מען פלעגט עס אַמאָל רופן — וואָס פירט ערגעץ־ווּהין.

ווי אַזוי באַוועגט מען זיך אויפן אינדזל? פאַראַן איין אויטאָסטראַדע אויף אַט דעם אינדזל וואָס פירט פון דער פּאָרט־שטאָט מאַגאַדאַן ביז אינדיגירקאַ — אַ נאָמען אַזאַ פון אַ טייך, וואָס דאָרט איז סוף. ווײַטער איז טשוקאָטקאַ. די אויטאָסטראַדע איז אויף אַ לענג פון 2 טויזנט קילאָמעטער און אויף איר — די פאַרבינדונג מיט ריזיקע לאַסט־אויטאָס, אין יענער צײַט — פון דער באַקאַנטער טשעכישער סקאָדאַ־פאַבריק. אַזאַ לאַסט־אויטאָ איז מיט 32 רעדער, און צו אים נאָך אַ צוטשעפּ. דער אויסזען פון אַזאַ אויטאָ איז ממש, אַפשרעקנדיק פאַרן אויג, און ער איז טאַקע אַלײַנהערשעריש אויף דער אויטאָסטראַדע. די קלענערע מאַשינען, וואָס באַוועגן זיך פון איין לאַגער־פּונקט צום צווייטן, היטן זיך זייער שטאַרק פאַר זיי, פאַר אַט די ריזן, און מאַכן שטענדיק פרײַ דעם וועג פאַר אַט די לאַסט־אויטאָס. און דאָס איז דער איינציקער פאַרקער און פאַר־בינדונג אויפן אינדזל וואָס צעפירט די גאַנצע טעכנישע און פאַרברויכס־נייטיקייטן, וואָס קומען אָן קיין מאַגאַדאַן מיטן אָקעאַן. אָבער די דאָזיקע פאַרבינדונג איז נאָר צו פונקטן אויף דער צענטראַלער אויטאָסטראַדע; פון דאָרט מוזן זיך די באַזונדערע לאַגער־פּונקטן אַליין באַזאָרגן. די שאָפערן אויפן אינדזל בילדן די „עליטע" פון דער געזעלשאַפט. זיי קומען, פאַרשטייט זיך, פון דער פאַרזינדיקטער וועלט (פאַרמשפּטע) און לעבן מיט דער קאָלימאַער מאָראַל... ווו ספּירט און טיי דאָמינירן אין זייער לעבן.

קאָלימאַ באַנוצט נישט קיין וואָדקאַ און ווערט אַפילו אַהין נישט געבראַכט. דער קלימאַט באַרעכטיקט נאָר ספּירט. און דעם אויפּטו פון ספּירט ווייסן אַלע. דאָקעגן ווייסן נישט אַלע פון דעם אַרטיקן פאַרווײַלונג־מיטל, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך דאָרט

פריער פאַר אַלץ די שאָפּערן: דאָס איז זייער אַ טײַער פאַר־ווײַלונג־מיטל! די שאָפּערן נעמען אַ פּעקל טיי, שיטן אַרײַן אין אַ טעפּל געקאָכט וואַסער, לאָזן דאָס אָפּשטיין און דערנאָך טרינקען זיי דאָס אויס — ווערט מען דערפון אַ פריילעכער, מוטיקער מענטש... מען וויל נישט און מ׳דאַרף נישט שלאָפן. דאָס ווערט אויך באַטראַכט פאַר אַ פּראַקטיש מיטל אויף אָנצוווענדן אין ווײַטע רײַזעס אויף די וועגן פון טאָג און נאַכט. אַזוי ווי דער ספּירט פאַרשיכורט און שלעפט אײַן, אַזוי פאַרווײַלט די טיי און מאַכט וואַך.

לאָמיר דאָס פאַרשטיין: דער וועג איז וויסט און פּוסט, ליידיק. און אַז עס דאַרף ווער זיך באַוועגן אין אַן אויסנעם־פאַל פון איין אָרט צום צווייטן, באַוועגט ער זיך רויק, געלאַסן, ביז ער באַמערקט אָדער טרעפט זיך אָן אויף אַ געשטאַלט וואָס זעט אויס ווי אַ מענטש. ווײַל קיין געוויינלעכע גייערס זענען דאָרט נישטאָ. דאַקעגן די קרימינעלע אונטערוועלטניקעס מאַכן דאָרט אָפט אַזעלכע לײַכטע אַוואַנטורעס, אָדער פאַרצווייפלונגס־שריט, פון אַנטלויפן פונעם לאַגער. וואַנדערט אַזאַ אין דער וויסטעניש טעג אָדער וואָכן, וויפל ער קען נאָר אויסהאַלטן, ביז מען כאַפּט אים אָדער ער קערט זיך אַליין אום צוריק אין לאַגער אַרײַן, ווײַל וווהין צו אַנטלויפן איז אין קאָלימאַ נישטאָ. ריזיקירן ריזיקירט ער נישט. וואָרעם צו דער שטראָף וואָס מ׳האָט אים צוגעטיילט איז נישטאָ וואָס צוצוגעבן — לעבנס־לענגלעכע, אָדער 20—25 יאָר, אַלץ איינס איז קאָלימאַ דאָס לאַנד פון פאַרלוירענע האָפענונגען, אָן שום דערוואַרטונגען.

איך דערמאָן זיך מיט אויפשווידערונג אַזאַ לאַגע, ווען איך בין איין מאָל אַרויסגערופן געוואָרן אין דער ראַיאָן־שטאָט סעסומאַן, צום אָפּער־אופּאָלנאָמאָטשעני (אָפּעראַטיוו באַפולמאַכ־טיקער פון דער נ.ק.וו.ד.) אין יענעם ראַיאָן. פאַרשטייט זיך אַז כ׳האָב נישט געוווסט וועגן וואָס און צוליב וואָס, אָבער דער בלויזער אַרויסרוף איז גענוג געווען איך זאָל אַרומגענומען ווערן מיט גרויס ציטער און דערוואַרטונג. אויף דעם וועג אַהין, קיין סעסומאַן, האָב איך זיך דערשלאָגן מיט אַ מאַשין פון אונדזער

לאַגער־פונקט, וואָס פלעגט אָפט פאָרן אַהין. אָבער צוריק איז געווען ביטער און שרעקלעך. עס איז געווען אַ ווינטער־טאָג, וואָס איז דאָרט זייער קורץ. מײַן צוריקקער איז אויסגעפאַלן בײַנאַכט. האָב איך זיך מיטגעכאַפּט מיט אַ ווײַטגייענדיקער מאַשין ביז צום זײַטיקן וועג וואָס פירט צו אונדזער לאַגער. אַ פּראַסטיק קאַלימאַער וועטער וואָס שנײַדט ממש דעם אָטעם. אויפן פונקט — אַ פינצטערע בודע, אַזאַ אָרט צו פאַרשטעלן זיך פונעם ווינט. אין דער בודע — אַן אײַוועלע, וואָס האָט נישט קיין רויך־אויסגאַנג. און דו זעסט נישט און ווייסט נישט ווער נאָך ס'איז דאָ אין איר. אַ ביסעלע ליכט איז פאַראַן נאָר פונעם ברענענדיקן האָלץ. און איינער וואָס געפינט זיך דאָרט רעדט אַרײַן אין דער פינצטערניש און דערציילט זײַן „יחוס״: אַן אַנטלאָפענער פון אַ לאַגער, שוין לאַנג, נאָר דערווײַל וויל ער נאָך געניסן פון קאַלימאַער „פרײַהייט״. דערציילט ער און רעכנט אויס זײַנע אויפטוען, וואָס וואַרפן אַן אַ שרעק דערוויסנדיק זיך מיט וועמען דו געפינסט זיך... צום גליק איז אין דער רויכיקער, פינצטערער בודע גאָרנישט געשען און איך האָב זיך דערוואַרט אויף אַ מאַשין, וואָס האָט מיך צוריקגעבראַכט אַ לעבעדיקן אויפן פּריִסק.

*

אָבער צוריק צום אַרויסרוף.

אין דעם לאַנגן קאָרידאָר פון דעם נ.ק.וו.ד.־בנין, ווען איך האָב זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַ צעשראָקענער און געזוכט דעם נאָמען פון דעם נ.ק.וו.ד.־אָפיציר וווהין אַרײַנצוגיין, האָט מיך אַ קליין־געוויקסיקער סטאַרשי לייטענאַנט, אין אַ מונדירטן שינעל פון דער נ.ק.וו.ד. אַ פאַרטשעפּע געטאָן מיט די אַ ווערטער: אַ ייִד?... און באַלד אויף רוסיש: יעווריי?

— יאָ, — ענטפער איך מיט צוריקגעהאַלטנקייט.

— וואָס און וועמען זוכסטו דאָ? — פרעגט ער.

און איך רוף אָן דעם נומער און נאָמען פון דעם, וועמען איך זוך.

— אָ, — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, — צו דעם „שפּאַנאַ״, צו דעם גאָרנישט? וואָס האָסט דו בײַ אים צו טאָן?

דו ביסט דאָך אַוודאי אַן 58־קער?... ער פאַרנעמט זיך נישט דערמיט — זאָגט ער, — ער פאַרנעמט זיך נאָר מיט די ייִנגלעך, מיט דער שפּאַנאַ...

אונדזער געשפּרעך ברייטערט זיך אויס. ער איז, זאָגט ער — אַ קיִעווער. זיך דערצויגן ביַי פרומע עלטערן און געדענקט נאָך גוט דעם פריַיטיקצונאַכטסדיקן קידוש, און גייט אַרויס דאָ, אין קאָרידאָר פון סעטומאַנער נ.ק.וו.ד, מיט אַ הויכן יום השישי... אָ, אָ, ער געדענקט אים גוט!... ער זינגט מיר אויס פסוקים פון הלל און פון אַנדערע תּפילות. איך בין איבערראַשט און פאַרווּנדערט. דווקא דאָ, וווּ איך בין אַזוי אַליין, — איז דאָס אַן אמת? — פרעג איך זיך אַליין שטילערהייט. דאָ, אַ דערמאָנונג פון אַזאַ נאָענטקייט און היימישקייט, פון אַזעלכע וויַיטע ערטער און צײַטן?...

דער לייטענאַנט דערזעט מײַן צוריקגעהאַלטנקייט און דער־שראָקנקייט, פרעגט ער מיך וויַיטער פרטים פון מײַן לעבן: ווי אַזוי און פאַר וואָס איך געפין זיך דאָ? נעם איך זיך אַן מיט מוט און פרעג אים: וואָס דערוואַרט מיך ביַי דעם נ.ק.ווודיסט, צו וועמען איך בין אַרויסגערופן. גיט ער ווידער אַ מאַך מיט דער האַנט: ביַי דעם־אַ „שפּאַנאַ״?... ער קען דאָך אַפילו נישט לייענען. ביַי אים — גאָרנישט קיין ערנסטע זאַך — זאָגט ער. — ער פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין פּאָליטישע אַרעסטאַנטן און דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן...

און באמת — דער ייִדישער לייטענאַנט איז געווען גערעכט. אַזוי ווי איך האָב געהאַט געשריבן, אַ ביטע צום „ווערכאָווני סאָוויעט״ וועגן דעם, אַז מײַן אורטייל איז שוין לאַנג פאַרענדיקט, און איך האָב אין פּוילן צוויי פאַריתומטע, מינדעריעריקע קינדער, בעט איך מיר דערלויבן אומקערן זיך צו זיי... איז אויף דעם אָנגעקומען אַן ענטפער, מיט אַן אָפּזאָג וואָס דער לייטענאַנט האָט מיר געדאַרפט איבערגעבן אָדער איבערלייענען. אַזוי ווי דאָס לייענען איז אים נישט ליַיכט אָנגעקומען, האָט ער דאָס מיר מינדלעך איבערגעגעבן און איך בין באַפריַיט געוואָרן פון אַ גרויסער זאָרג און פון שרעק, וויַיל אַן אַרויסרוף פון „אָפּעראַטיוו־באַפּולמעכטיקטן״ פון נ.ק.וו.ד. בכלל אין אַ לאַגער און באַזונדער

אין קאַלימאַ, ווערט אין מערסטנטייל פאַלן פאַרענדיקט מיט אַ מעלדונג וועגן אַ „דאַבאַוואַטשני סראַק". צום גליק בין איך אָפּגעקומען בלויז מיט דעם ביסל שרעק און די אַטראַקציע מיט דעם קיִעווער ייִדישן נ.ק.וו.ד.־לייטענאַט אין אַט דעם שרעק־קאָרידאָר פון דער סעסאַמאַנער נ.ק.וו.ד. איז פאַרבליבן אין מײַן זכרון אָפן און נישט פאַרענטפערט.

✶

זינט איך בין אַריבערגעפירט געוואָרן אויפן פּריִסק „אַקטיאַבערסקי", האָב איך זיך געפונען אין, אַזוי צו זאָגן, אַ בעסערער געזעלשאַפט. דער רוב איז דאָרט געווען פון די רויט־אַרמייער. זיי זענען אויך בעסער טראַקטירט געוואָרן פון דער לאַגער־נאַטשאַלסטווע. די פירונג פון די איז ווײַט נישט געווען אַזאַ הפקרדיקע ווי דאָס איז בײַ די קרימינעלע רעצידיוויסטן. חוץ דעם האָב איך צווישן זיי באַגעגנט אַן אַרעסטאַנט איוואַן וואַסיליעוויטש וולאַסאָוו, וואָס איז געוואָרן מײַנער אַ גאָר־נאָענטער און גאָר גוטער חבר. מיר האָבן זיך אַזוי אײַנגעלעבט און צוזאַמענגעלעבט, אַז איוואַן וואַסיליעוויטש איז געוואָרן מײַן פיזישע און גײַסטיקע שוץ־וואַנט אין אַט דער צווייטער וועלט. אויף דעם גאָלד־גראָבן־פּונקט האָט מײַן חבר איוואַן וואַסיליעוויטש דערפילט אַ גאָר וויכטיקע מיסיע צווישן מיך און דער נײַערווירקלעכקייט, וועלכע איך האָב געדאַרפט מיטגיין און מיטמאַכן. ער האָט מיר געהאָלפן מיטגיין און גלײַכצײַטיק געזאָרגט אַז איך זאָל אין דער געזעלשאַפט גוט געזען ווערן.

מיר זענען געווען אײַנגעטיילט אין דרײַ באַזונדערע אָפּטיילונגען — אוטשאַסטקעס — אויף אַ שטח פון 12—15 ק"מ: ערשטער, צווייטער און דריטער אוטשאַסטאַק. דער ערשטער איז געווען דער א.ג. צענטער, ווו עס האָט זיך געפונען די לאַגער־נאַטשאַלסטווע און איר אַדמיניסטראַציע. די צוויי אַנדערע זענען געווען ווי אַ מין פּראָווינץ אין יענע באַדינגונגען. ווײַל אַלע געשעענישן פון דער „פּראָווינץ" האָבן געפונען זייער אָפּקלאַנג אין צענטער — אויפן ערשטן אוטשאַסטאַק. און פאַרקערט — אַזוי, אַז מיר האָבן פון דאַ און דאָרט מיטגעלעבט דאָס געשעענע.

אַ גרויסער יום־טוב איז דאָרט דאָס באַקומען אַ בריוו פון „מאַטיעריק" (קאָנטינענט) — ווי מען רופט עס דאָרט — פון דער מוטער ערד... פון דער וועלט, וואָס לעבט נאָך, אויב דער וואָס באַקומט לעבט נאָך...

דער פרימאָרגן שטעלט זיך מיטן אַרויסגיין צו דער שווערער און טיילמאָל אויך געפערלעכער אַרבעט, און אַז מען וועט אַהיימקומען — וואָס וועט היינט זיין אינעם אָרטיקן געוועלבל — מאַגאַזין? די דערנערונגס־מיטלען און באַשפּייזונג איז דאָרט אַזאַ מינימאַלע, אַז אַלץ וואָס מיר ווייסן און קענען פון די מלחמה־יאָרן איז קיין שום פאַרגלייך נישט. ווייל, ווי שוין דערציילט, די ערד דאָרט גיט גאָרנישט ניט אַרויס פון זיך פאַר דעם מענטשלעכן געברויך. איר וועט דאָרט נישט זען קיין קאַרטאָפל, ציבל, אָדער אַנדערע דערנער־געוויקסן. וועגן אַ פרוכט דערציילט מען בלויז אין חלום! אַ פּעקל, וואָס איך האָב איין מאָל באַקומען פון מיינע חברים, איז געווען אין דעם אַריינגעלייגט קנאָבל, וואָס איז דאָרט זייער נייטיק. אָבער ביז צום אָנקומען צו מיר איז פון דעם קנאָבל פאַרבליבן נאָר די שאָלעכטס, ווייל דער דויער פון דער פּאָסילקע איז געווען גענוג אַז דער קנאָבל זאָל אויסגעטריקנט ווערן און עס זאָל בלייבן נאָר די שאָל.

אויך דער אָפיציעלער שפּייז־טראַנספּאָרט אַהין איז זייער אַ באַגרענעצטער. און דער עיקר: אַ **קאָנסערוווירטער**, דאָס הייסט: אין פּושקעס. די אָפּטע און גרעסטע פאַראינטערעסירונג איז דאָרט צו באַקומען, אָדער זיך צו דערשלאָגן, אַ פלעשל אָדער וויפל עס איז טרינק־ספּירט. און, ווי געוויינלעך, קומט נאָכן ספּירט — דער ווייבער־מין אויפן אינדזל קאָלימאַ. מיר דאַכט, אַז דאָס איז אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט פּראָבלעם. קאָלימאַ איז צוטריטלעך גלייך פאַר ביידע געשלעכטער. הגם דער ווייבער־מין איז דאָרט, ווי איך מיין, אַ קליינע מינדערהייט, וואָס קאָמפּליצירט נאָך מער דאָס זיין דאָרט.

מיר האָבן פריער גערעדט וועגן די איינגאַרטיקע „געזעצן" פון גוטס און שלעכטס דאָרט, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. איז לאָמיר נישט באַליידיקן דאָס וואָרט „מאָראַל". ווער

זענען אייגנטלעך די ווײַבער דאָרט? דאָס זענען געבראַכטע אַהער פון די לאַגערן, פון דער גרויסער און ברייט-פאַרשפּרייטער לאַגער-נעץ אויף דער סאָוויעטישער מוטער-ערד. ווי אַלע, פאַרשטייט זיך, מיט אַ געוויסער פאַרגאַנגענהייט פון לאַגער-לעבן אין לאַגער-זאָנעס. אַ צווייטער טייל פון די פרויען זענען פונעם גרויסן פעלקער-באַשטאַנד, וואָס זענען אַהין פאַרשיקט געוואָרן אויף אומבאַשטימטע טערמינען. בײַ אַלע אויסנעם-געזעצן וועלכע גילטן דאָרט אין קאָלימאַ, האָט דאָך דאָס געזעץ פון באַגערן פון אַ מאַן צו אַ פרוי, און פאַרקערט, זײַן אייגנאַרטיקייט, לויט די געשאַפענע באַדינגונגען. אַ סך פון די אַרעסטאַנטינס פון דער ערשטער קאַטעגאָריע האָבן שוין זייער קענטשאַפט מיט מענער פון לאַגער — פון פריִער. אָבער נאָך מער איז דאָס אַ קענטשאַפט פונעם וועג, אויפן עטאַפּ. דאָס וואָס זיי רופן אויפן רוסישן פאָלקס-לשון, „זאַקאָננאַיאַ" (געזעצלעכע) אָדער „ניעזאַקאָננאַיאַ באַבאַ". פאַר-שטייט זיך, אַז קיין „זאַקאָננאַיאַ" איז דאָרט כּמעט נישטאָ. מיטן אויסנעם פון געציילטע פרויען, וועמען די נאַטשאַלסטוואָ האָט ריזיקירט אַהינצוברענגען.

נישט געקוקט אויפן גרויסן קאַמף וואָס עס פירט די לאַגער-מאַכט, פאָרמעל, קעגן דעם פאַרונגס-סיסטעם, איז ער אומעטום פאַראַן. אויך אין קאָלימאַ. עס קומען אַפילו אַרויס קינדער אין די אויסערסט שווערע לעבנס-באַדינגונגען אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט אין קאָלימאַ אַזעלכע פאַרלעך, וועמען מען האָט צוגעשריבן אַזאַ בכּבודיקן נאָמען אויף רוסיש: סיעמיאַ, — פאַמיליע הייסט עס. אָבער יעדער מאַן, וואָס האָט דאָרט אַזאַ פרוי, איז זי בײַ אים, ווי מען זאָגט, מיט באַגרענעצטער האַפטונג, הײַנט איז זי זײַן ווײַב און מאָרגן קאָן זי ווערן דאָס ווײַב פון אַ צווייטן... און דאָס ווערט די טעגלעכע נײַעס פון די דרײַ באַזונדערע אָפּטיילונגען, וואָס רופן זיך „פּריִסק אָקטיאַבּרסקי".

וועגן איינער אַזאַ אויסנעם-געשעשעניש, וואָס האָט אַפילו דאָרט געמאַכט אַ סך פון אונדז אויפציטערן, ווילט זיך מיר דערציילן.

יאָ, שפּילן אין קאָרטן איז דאָרט, פאַרשטייט זיך, איינע פון די אָנגענומענסטע לעבנס-באַגלייטונגען, אָבער מיט אַ

ספעציפיש־קאַלימאַער קען־צייכן. געוויינלעך איז אַנגענומען, אַז די וואָס שפּילן דאַרפן האָבן וואָס איינצושטעלן און... וואָס צו פאַרשפּילן. דאָס קאָרטן־שפּילן איז דאָרט האַזאַרד־מעסיק. אָבער אַזוי ווי אַלע זענען דאָרט אָרעם — קיינער פאַרמאָגט נישט קיין סך וואָס איינצושטעלן, און ממילא נישט וואָס צו פאַרשפּילן, — שפּילט מען דאָרט אָפט אויף מענטשן. צווישן די קרימינעלע רעצידיוויסטן איז אָנגענומען צו שפּילן און פאַרשפּילן ווען ס׳איז פון דער וואָר־קאָנוואָי וואָס געפעלט זיי נישט, און דאָס ענדיקט זיך מיט מאָרד. אָדער גאָר פאַרשפּילן איינעם פון די זיך באַקעמפנדיקע אונטערוועלט־גרופּן. אין איצטיקן פאַל איז דאָס געשען מיט איינעם וואָס האָט איינגעשטעלט אין קאָן זיין אייגן ווייב און זי פאַרשפּילט צום געווינער. דאָס ווייב האָט באַדאַרפט איבערגיין צום געווינער. די פאַרשפּילטע פרוי האָט דאָס נישט געוואָלט און זי איז אַנטלאָפן פון דריטן אוטשאַסטאָק, ווי דאָס איז געשען, צו אונדז, אויפן ערשטן, ווי עס איז דער א.ג. צענטער, וויל וווהין נאָך איז דאָ אין קאַלימאַ צו אַנטלויפן ?...

די פרוי האָט זיך אויסבאַהאַלטן. ס׳האָבן זיך געשטעלט אין איר שוץ פרויען און אַפילו מענער. מ׳האָט דערוואַרט אָט־אָט אַן איבערפאַל פון די, וואָס וועלן קומען אָפּנעמען זייער „גערעכטן" געווינס. און דער גאַנצער אָרום איז געווען אַרייגעצויגן אין דעם טראַגישן געראַנגל, וואָס איז גראָד געווען נישט צווישן די, וועלכע מיר באַצייכענען פאַר אונטערוועלט־מענטשן. עס זענען אַריין אין דעם עסק פאַרמיטלער און לסוף איז די פרוי צוריקגעגעבן געוואָרן צו דעם, ווען זי האָט פריִער געהערט.

האָב איך דעם פאַקט געזען ווי אַן אויסנאַם, ווייל ער האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ „העפּי ענד", בעת דער רוב פאַרענדיקט זיך, ליידער, אַנדערש.

ווי שוין דערמאָנט איז אונדזער פּריִסק געווען באַזעצט פון אַ בעסערן עלעמענט, פון אַ דורכשניטלעכן פאָלקס־שיכט. די פאַרשיקטע זענען געוועזענע רויט־אַרמייער. די לאַגער־נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך באַמיט ביי די פאָלקס־מענטשן זיי זאָלן אַהערברענגען זייערע פרויען, ווייל ווי לאַנג איז דער שיעור צו

זײַן אַליין ? — האָבן זיי געטענהט צו די מענער. ובפרט אַז קיינער קאָן אײַך נישט זאָגן וויפל יאָר עס וועט אײַך אויסקומען דאָ צו זײַן.

זענען געווען עטלעכע נאַיִווע מענער, וואָס האָבן זיך באַמיט און געבראַכט פון זייערע היימען די ווײַבער קײַן קאַלימאַ. איינער, מיטן גרויסן פאַמיליע־נאָמען זשדאַנאָוו, אַן אוקראַיִנער, האָט געבראַכט זײַן פולבלוטיק יונג ווײַבל מיט זייערס אַ יִנגל. די יונגע פויערטע פון אוקראַיִנישן דאָרף האָט נישט באַנומען און נישט פאַרשטאַנען וווּהין זי איז אַרײַנגעפאַלן. אין געציילטע וואָכן אַרום איז זי שוין איבערגעגאַנגען, מיטן קינד, צו אַ צווייטן מאַן, אויך אַן אוקראַיִנער, אָבער אַ יִנגערער פונעם ערשטן, וואָס האָט זי געבראַכט אַהער פון ווײַטן. דערצו נאָך איז דער צווייטער מאַן געווען אַ נאַטשאַלניק פון אַ צעך, ווו איר ערשטער מאַן האָט געאַרבעט.

ווען מען נעמט אין אַכט מיט וויפל מי און שוועריקייטן אַזאַ ברענגען איז פאַרבונדן, און וויפל האָפענונגען און דערוואַרטונגען פון דעם מאַן זענען צערונען און צעשטערט געוואָרן, — פאַרשטייט מען ערשט דעם פאַרנעם פון דער טראַגעדיע...

אָבער אין קאַלימאַ איז גערעכט דער זיגער און דער שטאַרקערער. דאָס לעבן אין דער לאַגער־זאָנע ווערט באַגלייט פון דער גרענעצלאָזער פאַרײַאושטקייט אין דעם וויסטן אַרום. נישטאָ וואָס עס זאָל אים, דעם מענטש, אָפּשטעלן און אים באַגרענעצן, פון וואָס ער זאָל זיך צוריקהאַלטן און מורא האָבן. דער באַגער און לײַדנשאַפטלעכער דראַנג פון מענער צו פרויען און פאַרקערט, איז פריִער פון אַלץ דיקטירט פון זאָאָלאָגישע אינסטינקטן.

געווען אַ געשעעניש אויף אונדזער פּריִסק מיט איינער אַ לאַגעריסטין — קאַטיאַ. אַ שיינע, אַ פאַרהעלטנישמעסיק יונגע פרוי, וואָס האָט אַפילו געהאַט אַ מאַן — זי האָט געאַרבעט בײַ אַ קאָמפּרעסאָר, וואָס גיט די לופט־שטאַרקייט צום בויערן אין די גראָבנס. דער קאָמפּרעסאָר געפינט זיך אין דער ווײַטער וויסטעניש אַן קיינעם אַרום.

אין איינעם אַ טאָג איז קאַטיאַ געקידנעפּט געוואָרן פון איר

אַרבעטס־פּונקט בײַם קאָמפּרעסאָר און — גײ זוך דעם ווינט אין פעלד!... עס זענען אַדורך טעג פון גרויסער אויפרודערונג און באַאומרויִקונג אויפן פּריִיסק. פאַרפאַלן אַדער צוגערויבט אַ מענטש! נאָך בערך אַ וואָך צײַט האָט זי זיך אָפּגעפונען אויף איינעם פון די וועגן, — צוריקגעקומען פון דער קידנעפּונג. דאָס האָבן צוויי אַרעסטאַנטן וואָס זענען אַנטלאָפן פון לאַגער און געלאָזט זיך אין דער ווילדער, אַוואַנטוריסטישער ווּסטעניש אַרײַן, זי פאַרכאַפּט, מיט איר זיך אָנגעזעטיקט, און איר דערנאָך פרײַ געלאָזט.

אַזעלכע און ענלעכע געשעענישן האָבן דאָרט באַגלייט אונדזערע יאָרן. ספּירט, טיי, קאָרטן און צינגאַ (שקאָרבוט) — פון הונגער און פון פעלן וויטאַמינען — דאָס איז דאָס טאָג־טעגלעכע דאָרט. צוויי מאָל אין יאָר — אויפן אָקטיאַבער יום־טוב און אויפן ערשטן מאַי — גיט מען יעדן 100 גראַם וואַרניקעס; טיילמאָל אויך אַ דריט מאָל: ווען עס קומען פאַר וואַלן... דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, אַז אויך די רעכטלאָזע דאָרט — פאַרשיקטע און אַרעסטאַנטן, — טרײַבט מען שטימען. פאַראַן אויך אַ „קראַסני אוגאַלאָק״ און אַ קולטור־קלוב, ווי זיי רופן דאָס, און פון דאָרט גייט די משטיינס געזאָגטע „אויפקלערונגס־אַרבעט״. אַהין, אין דעם קלוב, קומט נאָר 1 נומער פון דער מאָסקווער „פּראַוודאַ״, ווײַל די צענטראַלע צײַטונגען האָבן אַהין נישט קיין צוטריט. דאָרט איז נאָר פאַראַן די „סאָוויעטסקאַיאַ קאָלימאַ״, אַפילו „ביראָבידזשאַנער שטערן״, צו זיי האָב איך 2 מאָל געשריבן און געשיקט די נייטיקע פאַר רובל פאַר דעם — איז דאָס געלט מיר צוריקגעקומען מיט אַן אָפּזאָג, הגם אויך זיי געהערן אַדמיניסטראַטיוו צום כאַבאַראָווסקער קראַי, אָבער אויך זיי האָבן, ווײַזט אויס, נישט געטאָרט האָבן קיין צוטריט צו אונדז.

איך האָב אַלעמאָל געוווּסט און געדענקט צו זײַן צוריק־געהאַלטן. דאָך האָט דער פּראָפּקאָם, אַ פרײַוועגבירטער נאַ־טשאַלניק פאַר פּראָפעסיאָנעלע ענינים, זיך געהאַלטן פרײַנטלעך צו מיר. און ווען ס׳איז זיי אין יענער צײַט געשען דאָס „גרויסע אומגליק״, — סטאַלין איז געשטאָרבן, — איז דאָך דאָרט געוואָרן אַ גרויסער טרויער, האָט מען גערופן אַ פאַרזאַמלונג אין „קלוב״

און דער הויפּט־נאַטשאַלניק, יעווגעני מיכאַילאָוויטש קאַצמאַן, אַ ייִד פון מאָסקווע, האָט זיך שטאַרק צעוויינט אין זײַן רעדע איבער דעם גרויסן אומגליק און האָט אויך געוואָלט אַרויסרופן טרערן בײַ אַנדערע, וואָס פּאַקטיש איז דער דאָזיקער טאָג געווען אַן אָנהייב פון אַן איבערברוך אינעם גורל פון אַ טייל פּאַרשיקטע. דערצו נאָך האָט נאַטשאַלסטוואָ געוואָלט פאַרוואַנדלען דעם טויט פון סטאַלינען אַפילו אין קאָלימאַ, — ווו סטאַלין איז געווען דער אָביעקט פון דער ריזיקער אָנזאַמלונג פון מענטשלעכער פּײַן און שׂנאה, — און געפּרווווט אַרויסרופן אַן אַלגעמיינעם פאָלקס־טרויער און געוויין. און ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל איצט נישט קלינגען, האָט דער פריִער־דערמאָנטער פאַרטקאָם און פּראָפּקאָם אויסגעקליבן מיך, איך זאָל אויף דער טרויער־פאַרזאַמלונג זײַן איינער פון די הספּד־מאַכערס און באַוויינער פון סטאַלינען... דאָס דערפאַר, ווײַל איך האָב בײַ אים פיגורירט מיט צוויי שוין־פון־פריִער באַקומענע דאָרט אַרבעט־אויסצייכענונגען. איז ווער, אויב נישט אַזאַ אויסגעצייכנטער פאַר גוטער אַרבעט זאָל באַווײנען סטאַלינען ?... דערצו נאָך אין יענער געזעלשאַפט, ווו ס׳איז באמת נישט געווען לײַכט עמעצן צו געפינען.

ס׳איז מיר גאָרנישט לײַכט אָנגעקומען אויסצומײַדן דאָרט געשטרויכלט צו ווערן פון אַזאַ אומגליק, ווײַל דער פּראָפּקאָם האָט מיך געזען אַנדערש, ווי די אַנדערע אַרום... און ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין און באַנעמען, פאַר וואָס איך וויל דאָס נישט...

ס׳וועט זײַן נישט ריכטיק נישט אַרויסצוברענגען די ביז־גאָר אינטערעסאַנטע געשטאַלט, מיט זײַן ממש טראַגישן און ביטערן גורל, פון דעם געוועזענעם ווינער שוצבונדיסט, דעם ייִדן, **זיגפריד**, וואָס האָט זיך באַוויזן דאָרט, אין קאָלימאַ, ווי אַ שאָטן נישט קאָנענדיק באַקומען זײַן באַשייד: ווער בין איך ?...

זײַן צעשטערט לעבן איז נישט נאָר זײַן פּערזענלעכס, — ס׳איז אַן אויסדרוק פון צײַט־משוגעת. אין דעם ווינער ייִד זיגפריד ליגט אויך אַ סך פון אונדזער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע פון מלחמה און אומקום. זיגפריד האָט אין זײַנע יוגנט־יאָרן געהערט צו דער עסטרײַכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און

אַן אַרבעט־אויסצייכענונג דעם מחבר אין קאַלימאַ

איז אויך געווען אַ מיטגליד אין „שוצבונד". ווען עס איז אויס־געבראָכן דער אויפשטאַנד אין ווין אין 1934, האָט ער זיך מיטבאַטייליקט אין די קאַמפן פון ווינער שוצבונד. נאָך דעם פאַרשפּילטן אויפשטאַנד איז ער אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך, פון דאָרט איז ער אָנגעקומען קיין שפּאַניע און זיך באַטייליקט אין בירגער־קריג, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אינטערנירט אין אַ לאַגער פון שפּאַנישע רעפּובליקאַנער אין פראַנקרייך. דערנאָך איז ער אַוועק קיין טשעכיע. ווען היטלער האָט אָקופּירט די סודעטן איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן און אָנגעקומען קיין פּוילן. ביים אויסברוך פון דער 2טער וועלט־מלחמה איז ער אַריבער ווי אַ פּליט די סאָוויעטישע גרענעץ, אַרעסטירט געוואָרן, און דאָרט באַטראַכט געוואָרן אַלס דייטש, צוליב זיין עסטרייכישער בירגערשאַפט און דאָקומענטן, און במילא באַטראַכט געוואָרן ווי אַ דייטשישער שפּיאָן.. זינט דעמלט האָט זיך אָנגעהויבן זיין טראַגיש־פאַרצווייפלטער קאַמף, אַז נישט נאָר וואָס ער איז נישט קיין שפּיאָן, נאָר דער עיקר: אַז ער איז נישט קיין דייטש, — ער איז אַ ייִד. זיגפריד האָט נישט געבעטן קיין שום פּריווילעגיעס פאַר דעם וואָס ער איז אַ ייִד, נאָר נישט געוואָלט טראָגן דעם פאַר אים באַליידיקנדיקן נאַציאָנאַלן סטעמפּל פון אַ דייטש. ער איז דאָרט פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר, שפּעטער פון טשעלאַבינסק געשיקט געוואָרן קיין קאָלימאַ און דאָ באַקומען דעם סטאַטוס פון די דייטשישע פאַרשיקטע.

זיגפריד איז געקומען פון טשעליאַבינסק מיט אַ פרוי, מיט וועמען ער איז דאָרט געווען פאַרבונדן. די פרוי — אַ רוסישע, מיט אירס אַ ייִנגל, זי איז געווען אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטע. אויפן פּריזיסק אין גאָלד־גרובן איז מיט זיגפרידן געשען אַן אומגליק: פון אַן איינברוך אין דעם גרובן איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן און פאַרבליבן אַן אינוואַליד אויף אַ פוס. מיט דעם אַלעם האָט זיגפריד, אַזוי צו זאָגן, שלום געמאַכט. נאָר קעגן איין זאַך האָט ער זיך געוועהרט מיט אַלע זיינע פאַרבליבענע כּוחות: ער זאָל נישט פאַרשריבן זיין אין דער עווידענץ ווי אַ דייטש...

און גראָד אין די טעג ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט און

באַפריינדעט איז אים, שוין צום וויפלטן מאָל, אָנגעקומען אַן אָפּזאָג פון וויערכאָווני סאָוויעט אַרויסצונעמען אים פון זײַן „דײַטשישער אַנגעהעריקייט", וואָס דאָרט מיינט עס צו זײַן אין דער ערשטער קאַטעגאָריע פון די אַנטערמיניקע פאַרשיקטע, וואָס דאַרפן יעדע פּאָר טעג זיך מעלדן אין נ.ק.וו.ד. פון די נאָך צוויי ייִדן וואָס זענען געווען אויף דעם פּריִסק, בין איך געווען נענטער און זיך באַפרײַנדעט מיט זיגפרידן, פאַר וועמען איך האָב געהאַט אַ נאָענטע שפּראַך און אינטערעס.

איז מיר געבליבן אײַנגעקריצט אין זכּרון אונדזערס אַ צופעליקע באַגעגעניש דאָרט, אין די פּאָר אונדז שרעקלעכע פּרילינגס־טעג פון 1952, ווען עס איז אַהין דערגאַנגען דער אַנטיסעמיטישער בילבול אויף די ייִדישע דאָקטוירים אין מאָסקווע, וועגן די „מערדערס אין די ווײַסע כאַלאַטן"... די אַ פאַרסמטע העץ־אַטמאָספער האָט זיך דערקײַקלט אַזש צו דעם ווײַטן קאַלימאַער אינדזל.

אין איינעם אַ טאָג באַגעגנט מיך זיגפריד מיט די ווערטער אין רוסיש: „טעפּיער מי פּראָפּאַלי סאָווסיעם, טאָוואַרישטש באַביץ..." איצט זענען מיר אינגאַנצן פאַרלוירן, חבר באַביץ. געמיינט האָט ער, אַז מיט דעם אַנטיסעמיטישן בילבול ווערט צוגענומען אונדזער לעצטע ערגעץ־ווו באַהאַלטענע האָפענונג אויף אַ באַפרײַט לעבן. איז פאַר מיר אומפאַרגעסלעך דער דעמאָלטדיקער צעווייטיקטער בליק פון דעם שוין אַזוי אויך הילפלאָזן פאַרדײַטשטן ווינער ייִד זיגפריד, וואָס איז זיכער איינע פון די טראַגישסטע געשטאַלטן פון אונדזער צײַט.

ווען בערך מיט אַ יאָר שפּעטער איך בין צופעליק אַרײַנגעפאַלן צו די גליקלעכע, באַפרײַט צו ווערן און צו פאַרלאָזן קאָלימאַ, בין איך אַוועק אין דער כאַטע ווו עס האָט געוווינט זיגפריד מיט זײַן פרוי. מיר זענען לאַנג, לאַנג געזעסן, געזוכט און געוואָלט געפינען שאַנסן און האָפענונגען אויף פאַר זיי...

ווען איך האָב זיך מיט אים וואַרעם און האַרציק געזעגנט, האָב איך אים אויך געלאָזן מײַן וואַרעמען קאָלימאַער בגד. ווייס איך איצט נישט זײַן ווײַטערדיקן גורל. אָבער זאָלן מײַנע ווערטער זײַן אַ שבח און דערמאָנונג פון נאָך אַ צעשטערטן לעבנס־גורל.

צוריק פון קאַלימאַ

בעת איך שרײַב אַט די שורות רוקט זיך אונטער אַ קײַלעבדיקע דאַטע פון 30 יאָר זינט דער באַפרײַונג פון קאַלימאַ — דעם 16טן יוני 1953. די דאָזיקע דאַטע איז באמת פון אַזאַ וויכטיקן היסטאָרישן באַטײַט, — נישט חלילה צוליב מײַן, און צוליב אַנדערנס באַפרײַט ווערן, נאָר צוליב דעם עצם־פאַקט באַפרײַט ווערן פונעם טויט־אינדזל קאַלימאַ, ווי מ׳האָט דאָס גערופן. ווײַל קיין קאַלימאַ האָט מען נישט געשיקט אויף צוריק צו קומען... איז אָבער אין דעם יאָר געשען אַזעלכעס, וואָס האָט געשאַפן די נײַע אַנווענדונג פון אַרויסלאָזן מענטשן פון אַט דעם אינדזל. מעג און דאַרף דאָס באַצייכנט ווערן היסטאָריש.

אַ גרופּע רויט־אַרמייער פאַרשיקטע אין קאַלימאַ, לעבן זיי, שטייענדיק, דער מחבר

און נאָך עפּעס. זינט מײַן באַפרײַונג האָט זייער אָפּט געטראָפן, אַז ווען איך האָב דערציילט וועגן מײַן פאַרשיקט ווערן אויפן אינדזל קאָלימאַ, האָבן מענטשן תמימותדיק צוגעשאָקלט: יאָ, קאָלימאַ, געהערט... געמיינט האָט מען אוודאי דאָס באַקאַנטע גאַליציאַנער שטעטל קאָלאָמיי, ווו עס האָבן געלעבט די פּעטערס און דער זיידע פון איציק מאַנגער און ווו מ'האָט אויסגעאַרבעט טליתים. איז דעריבער כּדאַי צו פאַרצייכענען, אַז קאָלימאַ געפינט זיך אויף אַ מרחק פון בערך 20 טויזנט קילאָמעטער פון קאָלאָמיי, און אַז עס איז אַ סך ווײַטער פון „ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט", ווי אונדזערע עלטערן פלעגן זאָגן. ווײַל דאָרט וואַקסט גאָרנישט — אויסער צרות און פּײַן...

אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין אין זײַן באַרימטן „גולאַג" דריקט זיך אויס ערגעץ ווו אין זײַן בוך, אַז וועגן קאָלימאַ וויל ער נישט רעדן, ווײַל אַלץ וואָס ער וועט זאָגן געלעגנהייטלעך וועט זײַן נישט־געזאָגט, און — אַז ער האָפט און גלייבט די טעמע קאָלימאַ באַזונדער צו באַהאַנדלען.

לאָמיר דאָ איבערגעבן אַ פּאָר אַלגעמיינע אינפאָרמאַציעס וועגן ספּעציפישן געבוי און כאַראַקטער פון קאָלימאַ ווי אַ לאַגער־לאַנד, וואָס איז אין דער עפנטלעכקייט גאַנץ ווייניק באַקאַנט.

אין מאָסקווער אינערן־מיניסטעריום, בײַם אַלפאַרבאַנדישן רעגירונגס־מיניסטעריום, האָט עקזיסטירט אַ באַזונדערער רעסאָרט וואָס האָט זיך גערופן אויף רוסיש „דאַל־סטראָי" מיט אַ צוגאָב פאַר „אָטדאַליאָניר מיעסטאָוו". אויף יידיש הייסט דאָס: „ווײַטע בוויונג אין דערווײַטערטע געביטן". דער רעסאָרט איז געווען לחלוטין זעלבשטענדיק און קיינעם נישט אונטערגעאָרדנט, מיט אַן אייגענעם מיניסטער וואָס איז געווען נאָר און אויסשליסלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ק.ג.ב. און ממש — אַ מלוכה אין דער מלוכה.

מיר רעדן וועגן דעם, נישט צוליבן אָרגאַניזאַציאָנעלן אָדער פאָרמעל־יורידישן געבוי פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך „דאַל־סטראָי", נאָר ווײַל מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס — אין פולסטן זין פון דעם וואָרט — זייער זײַן, אָדער, ריכטיקער, זייער נישט־זײַן, איז געווען אין דער אַבסאָלוטער קאָמפּעטענץ פון „דאַל־סטראָי". איך

נעם זיך אויך נישט אונטער צו שאַצן וויפל מיליאָנען. איך ווייס אָבער יאָ, אַז אויפן אינדזל קאָלימאַ, וואָס פאַרמאָגט בערך אַ מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער, וואָס דאָס מיינט מער ווי דריי מאָל גרעסער פון פוילן — האָט מען געריעדט וועגן 2 מיליאָן פאַרשיקטע, פון פאַרשיידענע פעלקער און עטנישע מינדערהייטן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד. די ווירקונגס־ספערע פון „דאַל־סטראָי״ האָט זיך אָבער אויך אויסגעברייטערט אויף טשוקאָטקאַ, נאָוואַיאַ זיעמליאַ, פראַנץ־יאָזעף־אינדזלען און אַנדערע.

אמת, איך האָב שוין פריִער וועגן דעם געשריבן, אָבער מיטן באַפרייט ווערן פון דאָרט מוז נאָך אַמאָל, כאָטש כּדי נישט צו פאַרגעסן, דאָס שוידערלעכע אָרט דערמאָנט ווערן. און אויב עס וועט ווער פרעגן פון וואַנען ווייס איך אַז קאָלימאַ פאַרמאָגט אַ מיליאָן קוו. קל״מ? איז עס נישט אַמאָל אַ סתם איבער־געטריבענער ציפער, וואָס איז נישט אין די באַגריפן פון אונדזערס אַן אייראָפּעיִשן מענטשן, וועגן שטח און וועגן נאָענט און ווייט? — איז, ערשטנס, ווייל איך בעטן פאַרוואָרפן אין גאַנצן די מאָסן און באַגריפן פון ציוויליזירטע, באַוווינטע שטחים, וואָס פאַרמאָגן אַן אָרגאַניזירט לעבן, צו סטעפּ און וועלדער, וויסטער טאַיגע פון בראשית; צווייטנס, ווען איך בין אין יאָר 1961, צום ערשטן מאָל נאָך מיין באַפרייונג, געקומען קיין אַמעריקע אויף דער איינלאַדונג פון מיינע חברים און בין דאָרט עטלעכע מאָל אויפ־געטרעטן און דערציילט עפּעס פון דעם וואָס איך האָב געהאַט צו דערציילן, האָט זיך מיט מיר פאַראינטערעסירט און מיך איינגעלאַדן צו זיך דער באַקאַנטער וועטעראַן, טוער פון דער רוסישער און יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון דעם פאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, רפאל אַבראַמאָוויטש. ער איז געווען געוואַלדיק איבער־גענומען פון דעם וואָס איך האָב דערציילט. מיט אַן אומגעצוימטער פאַראינטערעסירונג האָט ער זיך אין משך פון אַ סך שעהען צוגעהערט, ווי נייטיק — איבערגעריסן, געשטעלט פראַגן און געבעטן וואָס מער פּרטים. ווען איך האָב דערמאָנט וועגן אַ מיליאָן קוו. קילאָמעטער, פאַררופנדיק זיך אויף דעם, אַז דאָס האָב איך גענומען פון אַ דאָרטיקער צייטונג „סאָוויעטסקאַיאַ קאָלימאַ״, האָט

מיר אַבראַמאָוויטש אָפּגעשטעלט, מיט אַן אויסדריק פון צווייפל, און געזאָגט: איך וועל דאָס קאָנטראָלירן... און מאָרגן וועל איך אײַך אָנקלינגען און אײַך זאָגן צי איז עס טאַקע אַזוי.

צומאָרגנס האָב איך באַקומען דעם דערוואַרטן טעלעפאָן פון חבר אַבראַמאָוויטש: „יאָ, איר זײַט גערעכט, חבר באַביץ"; און האָט צוגעגעבן: „אַרײַנרעכענענדיק די ,סאָפּקעס' ". געמיינט די געבערגיקייט וואָס נעמט אַרום די טאָפּאָגראַפיע פונעם אינדזל קאַלימאַ. דערפאַר פיל איך זיך זיכערער בײַם באַנוצן זיך מיט דעם ביסל ידיעות, וואָס איז מיר באַקאַנט פון דעם ריזיקן אומבאַקאַנטן שטח וואָס ווערט גערופן אין סאָוויעטישן לאַגער־לשון „סמיערטעלני אָסטראָוו — קאָלימאַ" — דער טויט־אינדזל קאָלימאַ, ווי שוין דערמאָנט.

אומקערנדיק זיך צו דעם פריִער געזאָגטן מכּוח דער „מדינה אין דער מדינה", וואָס עס האָט אַדמיניסטראַטיוו געבילדעט דער „דאַל־סטראָי", וויל איך דערמיט דערמאָנען, אַז יעדער אַרעסטאַנט וועמענס טרויעריקער גורל ס'איז געווען פאַרשיקט צו ווערן קיין קאָלימאַ, איז גלײַך אַרויסגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער אַדמיניסטראַטיווער עווידענץ פון דער אַלגעמיינער ק.ג.ב. און איבערגעגעבן געוואָרן ווי אַן „איינס" אין דעם אויסשליסלעכן רשות פון דער קליין־מדינה וואָס מען רופט „דאַל־סטראָי", און אָט דער דאָזיקער מכלומרשטער אַדמיניסטראַטיווער בײַט פון די נעמען און באַלעבאַטים איז געוואָרן אַ טראַגישער קער אין דעם לעבנס־גורל פונעם אַרעסטאַנט, און דאָס האָט פאַרמינערט זײַנע שאַנסן אויף ווען־נישט־איז צו ווערן צוריק אַ מענטש און אפשר נאָך — אַ פרײַער מענטש. ווײַל עס איז צו פאַרשטיין, אַז... עס לוינט זיך נישט וועמען ס'איז אַזוי ווײַט אָוועקצופירן כּדי אים פון דאָרט אַמאָל צוריקברענגען. דערפאַר איז אַפילו די צוגרייטונג אינעם לאַגער פון וועלכן מען נעמט דיך, „נאַ דאַלני עטאַפּ" ד.ה. אויף אַ ווײַטן עטאַפּ, — אַ באַזונדערע. אַן אַנדערע. זי איז אין פולער סודותדיקייט. מען זעצט דיך עטלעכע טעג פריִער אַרײַן אין אַ קאַרצער, כּדי זאָלסט זײַן אין גאַנצן איזאָלירט. אַהין קומט דער אָבלאַסטנאָי פּראָקוראָר און לייענט דיר איבער אַ פאַראָר־

דענונג, וועלכע דו שרײַבסט אונטער, אַז דו ביסט געוואָרנט געוואָרן פון פּאַרויס, צו האַלטן ווי אַ הייליקן סוד דאָס אָרט ווו דו האָסט זיך ביז איצט געפונען, און אַלץ וואָס דו ווייסט וועגן דעם אָרט, — און פּאַר עובר זײַן דערויף קומט דיר אַ שטראָף פון 25 יאָר...

ביז הײַנט געדענק איך נאָך דעם באַדויערונג־אויסדרוק מיט וועלכן עס האָט אונדז באַגלייט דער לאַגער־נאַטשאַלניק פון סאַראָוו בעתן אַרויסלאָזן אונדז פון טויער פון זײַן זאָנע: „ער, האָט ער געזאָגט, זשאַלקאָ, זשאַלקאָ רעביאַטאָ... נאָר, דאָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן.

דער בירגערלעכער סטאַטוס פון אַן אַרעסטאַנט אָדער פאַר־שיקטן אין קאָלימאַ, איז נאָל, און אויב עס קאָן זײַן אַזאַ זאַך — נאָך ווייניקער... און דאָך טיילן זיי זיך, ווי שוין דערמאָנט, אויף דרײַ באַזונדערע קאַטעגאָריעס. די ערשטע גרופּע: די פּאַראַוורטיילטע דורך די געריכטן. דאָס מיינט: מענטשן וואָס זענען פּאַראורטיילט געוואָרן אויף אַ 10 ביז 25 יאָר, און אַפילו לעבנסלענגלעך; אין דעם גייען אַרײַן סײַ פּאָליטישע, סײַ קרימינעלע. זיי געפינען זיך אין באַשטימטע, א.ג. „פּאַרמאַכטע לאַגער־זאָנעס" און ווערן טאָג און נאַכט באַוואַכט און געפירט פון אַ לאַגער־קאָנוואָי. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די פאַרשיקטע מיט אָדער אָן באַשטימטע טערמינען. לויט ווי איך האָב זיך באַאײַנדרוקט איז די צווייטע קאַטעגאָריע די גרעסטע אין צאָל. דאָ זענען קאָנ־צענטרירט אַלע „אומטרײַע" אָדער „אומזיכערע" — לויט דעם סטאַליניסטישן שטייגער — קלענערע פעלקער, וואָס האָבן באַוווינט דעם וואָלגע־ברעג, טאַטאַרן און דײַטשן, פעלקער פון קאַווקאַז און קרים, וואָס ווער עס טרעפט זיך נישט מיט זיי אין זייערע ערטער, ווייסט זייער ווייניק, אָדער אין גאַנצן נישט, אַז אַזעלכע פעלקער לעבן אויף דער וועלט. זיי ווערן דאָ נישט קאָנוואָירט — זיי באַוועגן זיך „פרייִ"... (איך האָב ליידער נישט געפונען קיין פאַרבײַט פאַרן וואָרט „פרײַ"). זייער זאָנע איז נישט קיין פאַרמאַכטע, אָבער יעדע עטלעכע טעג מוז מען זיך מעלדן אַז מען איז נאָך דאָ...

די דריטע גרופּע איז אין צאָל די קלענסטע, אָבער אָן צווייפל די וויכטיקסטע, וואָס וועגן איר דאַרף דערציילט ווערן. דאָס זענען

די ברוטאַלסטע און אומגערעכטסטע קרבנות פון סאָוויעטישן רעזשים וואָס איך קען און האָב געקענט.

דאָס זענען די רויט־אַרמייער, וואָס האָבן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה געקעמפט אויף די פראָנטן קעגן די דײַטשן און צו זייער אומגליק אַרײַנגעפאַלן אין דײַטשישער געפאַנגענשאַפט. געפינענדיק זיך אויף די דײַטשישע געביטן וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די אַליאירטע אַרמייען נאָך דער „טרעפונג בײַם טײַך עלבע" — האָבן די סאָוויעטן געפאָדערט פון די אַמעריקאַנער און ענגלענדער אַ צוטריט צו **זייערע** אומגליקלעך־געפאַנגענע. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז זיי דערמעגלעכט געוואָרן. די סאָוויע־טישע אָפיצירן זענען געקומען צו זייערע אומגליקלעכע ברידער ווי „באַרעמהאַרציקע שוועסטער", גערופן זיי אַהיים צו זייערע פרויען און קינדער, צו זייערע טאַטע־מאַמעס, צו זייער מאַמעשן פאַטערלאַנד, מיטן פאַראַל: „ראָדינאַ וואָס זאָוויאָט אי זשדיאָט". (דאָס פאַטערלאַנד רופט אײַך און וואַרט אויף אײַך). זענען זיי פון אַלע געפאַנגען־לאַגערן קאָנצענטרירט געוואָרן אין בערלין, און אין הונדערטער וואַגאָנען מיט רעוואָלוציאָנערע און פאַטריאָטישע לידער, פול מיט פרייד און דערוואַרטונג, זיך געלאָזט „נאַ ראָדינו" — אין היימלאַנד. נאָר אָנשטאָט אין זייערע היימען זענען זיי גאָר אָנגעקומען אין וויסטן דזשונגל־לאַגער פון די ווײַטסטע דרום־גרענעצן פון דער „מאַטושקאַ ראַסיעיאַ". דאָרט האָט מען זיי געזאָגט, אַז צוליב אָרדענונג און פאַטערלענדישן אינטערעס מוזן זיי דערווײַל דאָ פאַרבלײַבן צײַטווײַליק... און זיי דאַרפן דערווײַל אַרויסווײַזן דורך פלײַסיקער אַרבעט זייער איבערגעגעבנקייט צו זייער סאָציאַליסטיש פאַטערלאַנד.

זענען אַדורך חדשים און יאָרן, ווען קיין איין טאָג איז נישט אַדורך מען זאָל נישט שטרײַטן וועגן דעם, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן פאָרן מיר אַהיים... דער „קראַסני אוגאָלאָק" אין לאַגער האָט שוין געהאַט אויסגעקלעפט פלאַקאַטן מיט אַ באַגריסונג צום אַהיימפאָרן. איז געקומען דער טאָג און זיי זענען אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין וואַגאָנען — דאָס מאָל מיט גאָר אַ שלעכטן סימן: אָפגעשלאָסענע פראַכט־וואַגאָנען, מיט אַ באַוואָפנטן קאָנוואָי, מיט אַ ספּעציעל

ברוטאַלן רעזשים, וואָס זיי האָבן אין זייער נאַיִווקייט נישט פאַר־שטאַנען, פאַר וואָס קומט זיי אַזאַ באַגלייטונג אַהיים, צו זייערע דורך יאָרן מלחמה אויסגעבענקטע היימען... ערשט שפּעטער האָבן זיי פאַרשטאַנען, — ווען זיי זענען נאָך אַ 2־חדשמידיקער עטאַפּ־רײַזע אויסגעלאָדנט געוואָרן אין דער איינציקער פּאָרט־שטאָט אויפֿן אינדזל קאָלימאַ — מאַגאַדאַן, אַז זייערע באַגלייטער זענען פֿון דעם ספּעציעל־געשולטן קאָנוואָי פאַר עטאַפּן צו די ווײַטסטע ווײַטן... און אַז זייערע נײַע באַלעבאַטים איז די ק.ג.ב. פֿון „דאַל־סטראָי”, און זייער איצטיקע היים איז פּריִסק אָקטיאַבסקי, סעסומאַנסקי ראַיאָן, מאַגאַדאַנסקאַיאַ אָבלאַסט, אָסטראָוו קאָלימאַ. פּראָטעסטירן, אַפּעלירן — נאָר צו גאָט אין הימל. פאַר וואָס?... ווי לאַנג? — די צײַט וועט שוין באַווײַזן.

איז דאָס אַלזאָ געווען די דריטע גרופּע, אָן אורטיילן, אָן וועלכע ס'איז פּאַראַגראַפֿן, — ווי מען זאָגט אויף יידיש: גלאַט אַזוי...

איך וויל בלויז צוגעבן, אַז די גרופּע איז, אין אַ געוויסן זין, געווען די פּריווילעגירטסטע. אָבער אַלע דרײַ גרופּן האָבן נישט פאַרמאָגט קיין שום פּערזענלעכע דאָקומענטן, און זייער גאַנצע פּערזענלעכע עווידענץ איז געלעגן אין דער אָרטיקער ביוראָ פאַר אַרבעט־קאַדרען. יעדע מינדסטע ענדערונג אין אונדזער סטאַטוס איז פריִער פאַר אַלץ געווען פאַרבונדן מיט אונדזער אַרבעט־קאַדרען־ביוראָ.

איז ווי זשע קום איך פּלוצלונג, איך, דער „קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנערער וויסקראַבעק”, אין דער ריין־מיליטערישער געזעלשאַפט פֿון די קראַסנאַאַרמעיסקע וואַיעננאַ־פּלעניקעס? איז דאָס בעצם געווען אַ גליקלעכער צופֿאַל, וואָס האָט מיך אָדער אין גאַנצן געראַטעוועט אין מײַן אַרויספאָרן פֿון קאָלימאַ, אָדער, וויניקסטנס, דאָס פאַרשנעלערט מיט יאָרן.

דרײַ וואָכן נאָך מײַן אָנקומען אין לאַגער אין קאָלימאַ בין איך אַרויסגערופֿן געוואָרן צו אַ פענצטערל, וווּ מ'האָט מיר מיטגעטיילט, אַז איך האָב פאַרענדיקט מײַן אורטייל פֿון 6 יאָר און אַז איך בין

„פרײַ"... און גיי איבער צום רשות פון „דאַל־סטראָי", דאָרט וועט פאַרקומען מײַן גאַנצע ווײַטערדיקע באַהאַנדלונג.

איך האָב אָנגעשטעלט אַ פּאָר תמימותדיקע אויגן און געזאָגט מיט גרויס נאַיוויטעט: איך שטאַם פון פּוילן און האָב דאָרט צוויי פאַריתומטע קינדער און אַז ווען דער פּראָקוראָר האָט מיר מיטגעטיילט בײַם אָנהייב וועגן מײַן אורטייל, האָט ער מיר דעמלט פאַרזיכערט, אַז נאָכן ענדיקן מײַן אורטייל וועט מען מיך לאָזן אַהיים צו מײַנע קינדער קיין פּוילן.

СССР
ИСПОЛНИТЕЛЬНЫЙ КОМИТЕТ
СОЮЗА ОБЩЕСТВ
КРАСНОГО КРЕСТА и КРАСНОГО ПОЛУМЕСЯЦА
Москва, Неглинная, 25 Телефоны: К 4-33-88, К 4-19-44
Зак. 838—10 000

№ ОС/386-д Москва „28" июля 1952 г.

ДЕЛО:

Гр-ну Бабиц Хаиму Абрамовичу

Хабаровский Край, п/о Нексикан,
поселок Октябрьский.

Уважаемый гр-н Бабиц,

Сообщаем, что розыск Ваших детей, который мы производим согласно Вашему заявлению от 10.XII.1950 года, продолжается. О результате розыска мы поставим Вас в известность по получении соответствующих сведений от организаций, которые нами запрошены. Ваше письмо от 14 марта 1952 года нами получено.

Начальник Отдела Справок и Розыска
Управления Внешних Сношений [signature]
/В. Спасокукоцкий/

ענטפער פון רויטן קרייץ וועגן מײַנע קינדער

דער ק.ג.ב.ניק פון דער צווייטער זײַט פענצטערל האָט עפּעס נישט מיר און נישט זיך אַליין פאַרשטאַנען; ער האָט געגלאָצט מיט די אויגן אויף מיר און קוים אַ באַהערשטער פון כּעס מיך אַ פרעג געטאָן: שטאָ, קיין פּוילן גאָר ווילסטו? ער האָט זיכער צום ערשטן מאָל אין זײַן קאַריערע געהערט, אַז אַן אַרעסטאַנט אין קאָלימאַ זאָל עפּעס וועלן...

מײַן שכן אויף דער נאַרע אין באַראַק איז געווען אַ הויכער,

מגושמדיקער דײַטש פון די װאָלגאַ־געביטן, אַ מענטש מיט װיסן און קענטעניש פון דער סיטואַציע. װען איך האָב אים דערציילט װאָס איך האָב דאָרט געזאָגט בײַם פענצטערל, האָט ער מיט באַדויערונג און פאַרװוּנדערונג פאַר די מעגלעכע קאָנסעקװענצן מיר געזאָגט: חיים אַבראַמאָװיטש, ס׳פּאַסט גאָר נישט פאַר דיר דו זאָלסט נישט פאַרשטיין װוּ דו געפינסט זיך...

איך מוז מודה זײַן אַז איך האָב נאָך דעמלט באמת נישט פאַרשטאַנען װאָס עס מיינט קאָלימאַ, „װוּ דער װאָלף איז דער פּראָקוראָר און דער בער איז דער ריכטער" — לויטן װערטל װאָס גייט דאָרט אום, װי איך האָב עס שוין דערציילט.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך מיט נאָך אַ גרופּע איבער־געפירט געװאָרן אין אַ צװייטן לאַגער, שוין נישט קיין פאַרמאַכטע זאָנע, אָן קאָנװאָי. מײַן סטאַטוס האָט זיך געענדערט — איך בין אַ „פרײַער", באַשעפטיקטער אין „דאַל־סטראָי", װוּהין עס זענען מיט טעג צוריק אָנגעקומען די „פרײַע" קראַסנאָאַרמייצעס, די געװעזענע קריגס־געפאַנגענע, װאָס זענען אויפן װעג צו זייערע היימען דערװײַל אַרײַנגעפאַלן אויפן פּרייִסק אָקטיאַברסקי, װאָס האָט גענומען דרײַ־אַ־האַלב יאָר.

און דאָס איז פאַר מיר געװען דער גליקלעכער צופאַל װעגן װעלכן כ׳האָב פריִער מרמז געװען. די גרופּע איז דאָך געװען די אָממערסטן טאַלערירטסטע, פאַר װעלכער די לאַגער־נאַטשאַלסטװע האָט זיך אַלע מאָל געװאָלט באַרעכטיקן, פאַר יעדן פאַל האָבן זיי נישט קיין „סראָק" (אורטייל), זיי זענען נישט באַשטראָפטע לויט שטראָף־קאָדעקסן, נאָר סתּם אַזוי... דערצו נאָך איז דער עלעמענט געװען אַ סך אַ בעסערער, אַ געזעצטער און מענטשלעכער, אין פאַרגלײַך מיט דעם ספּעציפיש פאַרברעכערישן עלעמענט, װאָס געפינט זיך אָרט אין קאָלימאַ, די קרימינעלע, מײַן איך.

איצט װעט שוין זײַן קלאָר אויב איך װעל זאָגן, אַז די היסטאָרישע דאַטע — דער 5טער מערץ 1953 — דער טויט פון סטאַלינען — איז אין זײַן באַדײַטונג ברייט אַרומנעמענדיק פאַר די פעלקער פון סאָװיעטן־פאַרבאַנד, פאַר די קאָמוניסטישע פעלקער

און לענדער — דער דאָזיקער פאַקט איז אַלוועלטלעך און היסטאָריש, אָבער אַלץ נישט אַזוי ווי ער איז געווען פאַר קאָלימאַ און פאַר די וואָס האָבן דאָרט „געלעבט".

ווי שוין געזאָגט, איז בימי סטאַלין נישט געווען קיין צוריק פון קאָלימאַ. די ערשטע נאָך סטאַלינען מאַלענקאָוו־רעגירונג האָט גענומען שטירצן געוויסע אײַזערנע באַריערן פון סטאַלין־רעזשים. האָט די אַזוי גערופענע „ערשטע אַמנעסטיע" אַרומגענומען נאָר קרימינעלע פאַרברעכער און זי האָט דערגרייכט אפילו קאָלימאַ. אָן ספק איז דאָס געווען די ערשטע אַמנעסטיע אין דער געשיכטע פון קאָלימאַ, זינט זי עקזיסטירט ווי אַ פאַרשיקונגס־אָרט.

קאָלימאַ האָט אָנגעהויבן דינען דעם ק.ג.ב.־רעזשים מיטן אָנהייב פון דער קאָלעקטיוויזאַציע בײַם אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, זי איז אָבער אַלעמאָל געווען אַרומגענומען מיט אַ פאַרבאָ־טענער זאָנע פון וואַסער און לופט, וואָס זענען די פאַרבינדונג־מעגלעכקייטן מיטן אינדזל, אָנהייבנדיק פון וולאַדיוואָסטאָק אויפן שטילן אָקעאַן און כאַבאַראָווסק אָדער יאַקוטסק — פון דער לופט. דאָס מיינט, אַז קיין שום מענטש האָט נישט קיין מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן אויף אַ שטח פון פיל טויזנטער קילאָמעטער ביז קאָלימאַ. דערפאַר איז געשען, דאָס אומגלייביקע וואָס עס ווילט זיך מיר דאָ דערציילן, הגם איך בין נישט זיכער מיט דער אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט.

ווען די ק.ג.ב. פון „דאַל־סטראָי" האָט באַפרײַט די ערשטע פאַרטיע קרימינעלע פאַרברעכער, האָט מען דאָרט זיך נישט געפירט ווי אין אַ געוויינלעכן לאַגער אויפן „מאַטיעריק" (קאָנטינענט) — מען מאַכט אויף דעם טויער און מען לאָזט אַרויס דעם באַפרײַטן אַרעסטאַנט. דאָ האָט מען צונויפגעקליבן אַלע וואָס דאַרפן באַפרײַט ווערן, זיי קאָנצענטרירט, און מיט אַ וואַך זיי געמוזט באַגלייטן און אַרויספירן פון דער פאַרבאָטענער קאָלימאַ־זאָנע. זענען די באַפרײַטע קרימינעלע פאַרברעכער אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף אַ טראַנספּאָרט־שיף אין מאַגאַדאַן, און באַגלייט געוואָרן ביז וולאַדיוואָסטאָק. ווען אָבער די שיף האָט זיך געפונען אויף די ברייטע וואַסערן פון שטילן אָקעאַן, האָבן די געוועזענע אַרעסטאַנטן

געפאָדערט פון קאַפּיטאַן ער זאָל זיך דערנענטערן צו איינעם פון די נאָענטסטע אַמעריקאַנער פּאָרטן, און נישט זיי פירן קיין וולאַדיוואָסטאָק. זענען פאַרגעקומען בלוטיקע צוזאַמענשטויסן און ווי מ'האָט דעמלט בײַ אונדז דערציילט זענען די באַפרײַטע נישט אָנגעקומען נאָר אומגעקומען. פאַר יעדן פאַל זענען אויפן „פּריזיסק אַקטיאַבערסקי" געווען שטאַרקע סימנים פון דעם. נאָך די קרימינעלע איז עס דערגאַנגען צו די רויט־אַרמייער. הגם יורידיש נישט פאַרמשפּטע, ווי שוין דערמאָנט, אָן אורטיילן, אָן פּאַראַגראַפן, איז אָבער זייער פאַרמעלער סטאַטוס אין די ביוראָען פון מאָסקווער „דאַל־סטראָי" פאַרשריבן, ווי לוין־באַשעפטיקטע אין דער געזעלשאַפט „דאַל־סטראָי" און יעדער ענדערונג אין זייער לעבנס־גורל מוז זיך אָנהייבן מיט אַ באַשטעטיקונג פון „דאַל־סטראָי", אַז זיי זענען באַפרײַט פון דער אַרבעט. יעדער איינער מוז דורך מאָסקווע, אינדיווידועל, באַשטעטיקט ווערן — און דאָס ווערט אַרויסגעגעבן אין אַרטיקן אַרבעטס־אַמט.

עס איז נישט איבערצוגעבן די בהלה און די פרייד אין דעם טאָג אויפן „פּריזיסק" ווען אַ טייל איז גערופן געוואָרן אין „אַטדיעל קאַדראָוו" און מען האָט זיי מיטגעטיילט, אַז זיי זענען באַפרײַט פון דער אַרבעט — און דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער אָנהייב פון דעם גרויסן טרוים אין די טעג און פון די יאָרן־לאַנגע נאַכט־חלומות, אַז די שעה פון לעבן וועט דאָך אַמאָל קומען! אַלזאָ, פרייד, האָפענונג און דערוואַרטונג — בײַ די גליקלעכע וואָס האָבן דערצו זוכה געווען; בהלה, פאַרצווייפלונג און יאוש בײַ די וואָס האָבן דערצו נאָך נישט זוכה געווען.

מ'דאַרף פאַרשטיין דעם פּשוטן מענטשלעכן פּחד אין די געגעבענע אומשטענדן, אַז דער וואָס איז נישט באַפרײַט געוואָרן פון דער אַרבעט טראַכט באַלד, און מיט רעכט, אַז ער ווערט אַנדערש טראַקטירט דורך די מאַכט־אויפזעער און אַז זײַן גורל איז אַ פאַראורטיילטער, און האָפנונגסלאָזער. הגם אין דעם פאַל האָט נאַטשאַלסטוואָ דאָס פאַרענטפערט מיט דעם, אַז מען קאָן נישט אַלע באַפרײַען אויף איין מאָל ווײַל דאָס וואָלט באַדײַט דאָס אָפּשטעלן די אונטערנעמונג.

דער וויַטערדיקער וועג פון די באַפרייַטע האָט געפירט צום ראַיאָן פון ק.ג.ב. ביַים „דאָל-סטראָי״ כּדי צו באַקומען אַ וועלכן ס'איז בירגער־דאָקומענט. איז ווי אַזוי, און מיט וואָס פּאַראַ מיטלען, דערשלאָגט מען זיך צו ערגעץ־ווּ אַן אָרט, ווּ עס לעבן געוויינלעכע מענטשן, בירגער? די טעג פון און ביז צום אָפּפאָרן פון דער גרופּע זענען אויפן פּריזסק געוועז צווישן זיַין און נישט זיַין...

אַלע האָבן געפילט און איבערגעלעבט דאָס אויסערגעוויינ־לעכע וואָס קומט אין די טעג פאָר. הגם איך בין געוועז מיט אַ סך איַינגעלעבט און באַקאַנט, האָב איך אין דער גרופּע באַגלייט איינעם, אויב נישט נאָענטסטן לעבנס־חבר, איז פון מיַינע נאָענטסטע. זיַין נאָמען איז געוועז איוואַן וואַסיליעוויטש וולאַסאָוו, אַ קוילן־גרעבער אַרבעטער פון וואָראָשילאָווגראַד. ווי אַן אַרבעטער, אַן אַנטוויקלטער און באַוווּסטזיניקער מענטש, אַ האַרציקע רוסישע נאַטור, אַ לייענער און ליבהאָבער פון דער רוסישער ליטעראַטור און פּאָעזיע — ער איז געוועז צו מיר צוגעבונדן ווי מיט אומצערייַסבאַרע פּעדעם. דורך מיר האָט ער זיך עפּעס דערוווּסט וועגן אַ וועלט, וואָס ער האָט פון איר נישט געוווּסט און זי נישט געקענט. אין די אומשטענדן פון קאָלימאַ־לעבן, ווּ שיפרות איז די איינציקע מעגלעכע פאַרוויַילונג, איז אונדזער כאַטע פון זאַלבע פיר געוועזן די איינציקע וואָס האָט איַינגעהאַלטן רו און אָרדענונג. הגם געטרונקען האָט מען, און אַפילו אַ סך.

די צעשיידונג מיט איוואַן וואַסיליעוויטשן איז פאַר מיר געוועזן אַ שווערע איבערלעבונג, און אויך נישט ווייניקער פאַר אים. אָבער ער, אויפן וועג אַהיים, און איך?... האָב איך אויסגענוצט זיַין באַפרייַונג צו פאַרשידענע פאַרבינדונגס־צילן, מיט מיַינע קינדער און אַנדערע נאָענטע, מיט וועמען איך האָב נישט געקאָנט האָבן קיין שום פאַרבינדונג פון קאָלימאַ. איך בין געוועזן טיף איבער־צייַגט, אַז איוואַן וואַסיליעוויטש וועט טאָן אַלץ וואָס אין זיַינע מעגלעכקייטן כּדי מיר צו העלפן. ווער האָט דעמלט געקאָנט

טראַכטן, אַז זײַן גליק וועט דויערן אַזוי קורץ, אַז זײַן טראַגישער סוף וועט קומען אַזוי שנעל?...

פון מײַנע טורמע־און לאַגער־דערפאַרונגען איז איוואַן וואַסיליעוויטש איינער פון די טראַגישסטע קרבנות פון סאָוויעטישן רעזשים; בײַם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז איוואַן וואַסיליעוויטש מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, אַפּגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט איבערלאָזנדיק אין דער היים זײַן פרוי גרוניאַ און זײַן קליין ייִנגל קאָליאַ. אין די שווערסטע באַדינגונגען פון אַ פראָנט־קעמפער האָט איוואַן וואַסיליעוויטש זיך געאײַלט צו לאָזן וויסן זײַן פרוי און קינד, אַז ער איז נאָך דאָ. איוואַן איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, חדשים לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל, אָבער אויך פון דאָרט אונטערגעהאַלטן זיינע קאָנ־טאַקטן מיט דער היים. די מלחמה האָט זיך געענדיקט. איוואַן וואַסיליעוויטש אַ באַפרײַטער פון דײַטשישן געפאַנגען־לאַגער שרײַבט אַ היים האָפנונגספולע בריוו, אַז... אָט־אָט קערט ער זיך אום אַהיים צו זײַן פרוי און קינד, צו זײַן משפחה. אָבער דער באַן־וועג פון בערלין האָט געפירט, ווי שוין פריִער דערמאָנט אין אַנדערע ריכטונגען. נישט אַהיים צו זײַן פרוי און קינד, נאָר אין די ווײַטע דרום־דזשונגלען פון רוסלאַנד. ווידער אין אַ לאַגער, — דאָס מאָל שוין נישט אין דײַטשישן מיליטערישן געפאַנגען־לאַגער נאָר גאָר אין אַ רוסישן אַרעסטאַנטן־לאַגער. פאַר וואָס? פאַר ווען? דאָס איז אונדזער באַפרײַונג? וואַרט זײַן פרוי גרוניאַ מיט זייער ייִנגל קאָלאַ אומגעדולדיק, מיט בענקשאַפט און ליבע, און פרעגט אין יעדן בריוו: ווי לאַנג?! שוין אַזוי לאַנג ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, אַזויפיל מאָביליזירטע פון זייער דאָרף האָבן זיך שוין אומגעקערט — זי רופט אָן נעמען — נאָר דו קומסט נישט... און איוואַן וואַסיליעוויטש ראַנגלט זיך און קאָן נישט געפינען דעם ענטפער פאַר איר. ווײַל ענטפערן דאָס וואָס ער דאַרף ענטפערן, טאָר ער דאָך נישט און קאָן נישט, און זאָגן עפּעס אַנדערש וויל ער נישט... שרײַבט ער ווי ער קאָן: זיי האָבן באַקומען צו דערפילן אַ מלוכהשע אויפגאַבע, „גאַסודאַרס־

טוויענאַיע זאַדאַניע" און בקרוב וועלן זיי דאָס ענדיקן און קומען אַהיים...

די פרוי האָט פאַרלוירן דאָס געדולד, די האָפענונג און גלויבן אין דעם אמת פון דעם וואָס איר מאַן שרײַבט איר. זי איז איבערגעצאַנגען אין אירע בריוו צו פאַרדאַכטן אַז איר מאַן פאַרראַט זי מיט אַ צווייטער פרוי, און אַז אַלץ וואָס ער שרײַבט איר איז נאָר אָפּנאַרערײַ, כּדי צו פאַרדעקן זײַן פאַרראַט. אויך אין אַרטיקן וואָיענקאָמאַט האָט מען איר אַזוי געזאָגט... ווײַל אַלע זעלנער זענען שוין דעמאָביליזירט און געשיקט געוואָרן אַהיים.

איוואַן איז אַרײַן אין אַ פּײַנלעך־טראַגישער לאַגע. איך בין אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין זייער בריוו־אויסטויש. און ער האָט זיך פאַררופן אויף מיר, זײַן פרײַנד, וואָס ווייסט אַמבעסטן אַז ער איז נישט שולדיק און אַז ער האָט נישט קיין אַנדערע פרוי און איז איר געטרײַ און איבערגעגעבן — איר און זייער קינד. וועגן זײַן ריין לעבן קאָן עדות זאָגן איך, זײַן נאָענטסטער פרײַנד...

איך האָב איר געשריבן פון מײַן זײַט, און זי צו מיר — אָבער קאַלימאַ האָט אים נישט געקאָנט שטאַרקן און אים געבן אַ וועלכע ס'איז מעגלעכקייט איר צו איבערצײַגן אין זײַן אומשולד און ערלעכקייט. אַ בריוו נאָך אַ בריוו, אַ יאָר נאָך אַ יאָר, גרוניאַ איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן אין איר שווערער לאַגע. זי האָט אויפגעהערט גלייבן אין די רייד פון איר מאַן, איז אַוועק אין דער פּראָקוראַטור און אָנגעקלאָגט איר מאַן אויף אַלימענטן. ס'האָט געדויערט וויפל ס'האָט געדויערט און ס'איז אָנגעקומען אַ מיטטיילונג פון דער צענטראַלער מאָסקווער פּראָקוראַטור, מ'זאָל אַראָפּ נעמען פון זײַן „לוין" 50 פּראָצ. אַלימענטן־אָפּצאָל פאַר זײַן פרוי און קינד. קומען קומט נאָר 25 פּראָצ. אָבער די פּראָ־קוראַטור האָט געפּסקנט, אַז ער דאַרף צאָלן פון דעם טאָג אָן וואָס זיי האָבן אויסגעפונען אַז ער איז דעמאָביליזירט, אויב אַזוי איז ער דאָך שולדיק פאַר 6 יאָר — קומט פון אים 25 פּראָצ. אויף צו דעקן דעם חוב פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן...

איוואַן וואַסיליעוויטש איז געבליבן אָן וועלכע ס'איז מיטלען אַפילו צו דעם הונגער און פּראַקטיקן־נעבעכדיקן לעבן. ער איז

אָבער פון אַלע גוט געזען און געשאַצט געוואָרן און דער קאָלעקטיוו פון סטראָי־צעך ווו מיר האָבן געאַרבעט, האָט גענומען אויף זיך די פולע אויסהאַלטונג פון איוואַן וואַסיליעוויטש, ביז צום לעצטן טאָג פון זײַן באַפרײַט ווערן. ער האָט באַוויזן אין זומער 1953 צו קומען אַהיים צו זײַן פרוי און קינד, מיט זיי זיך פרייען בערך אַ דרײַ חדשים, און האָט פאַרענדיקט מיט זײַן גאַנצן לעבן. נאָך אין קאָלימאַ האָב איך באַקומען פון זײַן פרוי אַ בילד פונעם קבר זײַנעם, פון איינעם פון די טראַגישסטע קרבנות פון דעם אומגליקלעכסטן סאָוויעטישן רעזשים, וואָס איך האָב געהערט און געזען אין מײַנע לאַנגע יאָרן סאָוויעט־דערפאַרונג.

*

נאָך דער באַפרײַונג פון דער ערשטער גרופּע קראַסנאָאַרמייצעס בין איך געשטעלט געוואָרן ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער אַרבעט און אָנפירונג פון צעך. איך דאַרף צוגעבן אַז אין די אַרטיקע באַדינגונגען, איז דאָס אויספירן דעם מלוכהשן פּלאַן — אויפהייבן 1 טאָן אײַז־ערד פאַר איין גראַם גאָלד — אַסך אָפּהענגיק פון דער שלאָגפאַרטיקייט פון דעם סטראָי־צעך וועלכער גרייט צו אַלע אַגרעגאַטן פאַר גאָלד־באַאַרבעטונג. ביז איצט קענען מיר נאָר יידישע „גאָלדגרעבער” פון שלום עליכמס אוצר, וואָס איז נישט געפונען געוואָרן. אָבער דאָרט האָט מען געזוכט און יעדן טאָג אָוועקגעפירט אין אַזאַ ספּעציעל־געמאַכטן טשאַיניק עטלעכע קילאָ גאָלד. ווו דער גלאַוו־נאַטשאַלניק איז געווען יעווגעני מיכאַילאָוויטש קאַצמאַן, אַ מאָסקווער ייִד, און זײַן פאַרטרעטער יעפים אַלטעראָוויטש, (זײַן פאַמיליע־נאָמען געדענק איך איצט נישט), אויך אַ ייִד פון לענינגראַד, און דער דריטער פאַרט־אָרג, אַ רוס, ווו די דרײַ פרײַ־אַנגאַזשירטע מענטשן פאַר גאַר גוט באַצאָלטע לוינען, זענען געווען די באַלעבאַטים פון אומצאָליקע אַרבעט־שקלאַפן, בײַ די שווערסטע און אומדערטרעגלעכסטע, פון אַלע שטאַנדפונקטן, באַדינגונגען. איך בין אַלעמאָל געווען ווײַט פון פרווון אויסנוצן די ייִדישע אַנגעהעריקייט פון דער נאַטשאַלסטווע — הגם זיי האָבן וועגן מיר געוווּסט, בפרט צו

זײַן אַ שטיקל מאַכער דאָרט אין סטראַי־צער הייסט כּמעט האָבן אַלע אין קעשענע. וואָרעם פֿון קלענסטן ביזן גרעסטן נאַטשאַלניק מוזן צו דיר אָנקומען: פֿאַרקלאַפּן טיר און פֿענצטער, ס'זאָל נישט בלאָזן דער אײַז־קאַלטער ווינט איז אַ פֿראַגע פֿון לעבן אָדער טויט און אַלץ איז אָפּהענגיק פֿון סטראַי־צער.

ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה אויפֿן פּריזסק, אַז עס גרייט זיך אויך די באַפֿרײַונג פֿון דער צווייטער גרופּע רויט־אַרמייער, בין איך געוואָרן זייער אומרויִק, ווײַל כ'האָב געוווּסט אַז מײַן סטאַטוס איז אַן אַנדערער. איך בין אַ פֿאַרמשפּטער פֿון דער „אַסאָבאָיע סאָווישטשאַניע" וואָס קלינגט אין יענע ערטער זייער רייצנדיק און טויבלעך... דאָס מיינט, אַז מען דאַרף דיך אין גאַנצן נישט הערן. בין איך געווען פֿאַרצווייפֿלט: צי דאַרף איך און צי מעג איך זיך מיטפֿרייען אויף אַ „פֿרעמדער חתונה". איך בין אָבער געווען אויף אַזויפֿיל שטאַרק צו הערשן איבער זיך אַז איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז פֿון מײַן זײַט דאַרף איך טאָן אַלץ וואָס עס לאָזט זיך, און האָב אָנגעהויבן פֿון נאַטשאַלניק פֿון „אָטדיעל קאַדראָוו", ווײַל דער ערשטער גורם איז ער געווען. גראָד איז מיר אויסגעקומען עפּעס וואָס צו מאַכן בײַ אים אין באַטע, האָב איך אויך אַרײַנגעצויגן זײַן פֿרוי — אַפּעלירט צו אירע מוטערלעכע געפֿילן אַז איך האָב ערגעץ צוויי קינדער אָן אַ מוטער. איך האָב נישט געזאָגט ווו זיי זענען, דער עיקר איז מיר געגאַנגען אַז איר מאַן, אַ סטאַרשי לײַטענאַנט פֿון ק.ג.ב. זאָל אויך מײַן נאָמען אַרײַננעמען אין דער רשימה פֿון די באַפֿרײַטע קראַסנאַאַרמייצעס.

מיט דעם סטאַרשי לײַטענאַנט בין איך געווען אין גוטברו־דערשאַפֿט און — באַקומען פֿון אים דעם צוזאָג. ויהי היום, און ס'איז געקומען דער טאָג ווען מיר זענען, אַ גרופּע פֿון 45 מאַן — אַלע פֿון דעם זעלבן צער — אַרויסגערופֿן געוואָרן אין דער ראַיאָן־שטאָט סעסומאַן. וואָס מיינט אין די דאָרטיקע באַדינגונגען אַ ראַיאָן־שטאָט? דאָס מיינט אַן אָרט פֿון אַ קאָנצענטרירטער ק.ג.ב.־אַדמיניסטראַציע, וואָס הערשט איבער צענדליקער, אויב נישט הונדערטער טויזנטער אַרעסטירטע און פֿאַרשיקטע אין די

וויַטע, טאַיגע־טיפעניש, אָפּגעריסן און דערוויַטערט פון וועלכן ס'איז סימן פון אַ ציוויליזירט מענטשלעך לעבן.

אויף די ראַיאָן־שטאָט סעסומאַן, וואָס געפינט זיך בערך 800 ק"מ פון דער פּאַרט־שטאָט מאַגאַדאַן, פאַרמאָגט גאָרנישט פון מענטשלעכן באַדאַרף פאַר עקזיסטענץ, מיטן אויסנעם פון אַ פּאָר געוועלבער־מאַגאַזינען וואָס דאַרפן באַדינען דעם ק.ג.ב.־אַפּאַראַט. אין די שויבן־וויטרינעס זענען געווען אויסגעשטעלט אַלע גוט־רייצנדיקע אַפּעטיטנע זאַכן, וואָס זענען גוט נישט נאָר פאַר די באַדינגונגען פון קאַלימאַ, נאָר אויך פאַר גאַנץ סאָוויעט־רוסלאַנד. אַרטיקלען, וואָס יעדער וואָס האָט אויף זיי געקוקט, איז גרייט געווען צו וואַרפן זיך אויף זיי מיט אַ צערייצטער ווילדקייט. אָבער די אַלע גוטע שפּיַיז־אַרטיקלען פאַרן מענטשלעכן געברויך און אַפּעטיט זענען בסך־הכּל געווען... גוט קינסטלעריש־געפּאַרבטע געהילצן, וואָס האָבן אַזוי פאַרנאַרט און אָפּגענאַרט דאָס מענטש־לעכע אויג פון די הונגעריקע צוקוקערס, ביז פאַרצוויַיפלונג און מוראָדיקע מרידה קעגן די אָפּנאַרער...

דאָס איז סעסומאַן, מיט אַ סך טורמע־לאָקאַציעס און לאַגער־זאָנעס וואָס זענען נייטיק פאַר די אָפּט זיך טוישנדיקע עטאַפּן פון און אין די צעצוויַיגטע לאַגערן אין די טאַיגעס. דאָרט, אין איינעם פון די באַראַקן־ביוראָען, באַשטימט זיך איצט אונדזער גורל. פון די 45 בין איך נאָר איינער אַ פּאָליטיש־פאַרמשפּטער פאַר קאָנטררעוואָלוציע דורך דער באַרימטער מאָסקווער „טראָיקע". אַלע איבעריקע — ווי שוין דערמאָנט, — געהערן צו דער רויט־אַרמייער־גרופּע. לויט דעם א"ב קאָן איך זיַין פון די ערשטע אַריַינצוגיין אויף צו באַקומען דעם אַזוי גורלדיקן באַפריַיונג־דאָקומענט. אָבער, איך גלייב אַזוי ווייניק אין דעם. מיַינע צווייפ־לענישן זענען אַזוי גרויס און שטאַרק, אַז איך זאָג צו זיך: צי ווייסטו דען נישט אַז דו האָסט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פרעמדן וואָגן? וואָס רעכנסטו, אַז דו וועסט איבערקלוגן די ק.ג.ב. אָדער אָפּנאַרן דעם „דאַל־סטראָי"?... און איך גיב צו: איַיל זיך נישט... בעסער נאָך אַ שעה אָדער צוויי צו לעבן מיט דער אָפּגענאַרטער האָפענונג, אָבער דאָך האָפענונג...

און אַזוי האָב איך מאַנעווורירט צו זײַן כּמעט דער לעצטער. איך בין אַרײַן אין ביוראָ אַ צעריסענער און צעפּרעסענער פון די צווייפלען און בין אַרויס אַ האָפנדיקער, צעשטראַלטער פון אַ שטיקל זיך באַוויַזנדיקן ליכט אין מײַן פינצטערן אַרום.

אַלזאָ, איך, גלײַך מיט אַלע איבעריקע 44 אַרבעטס־חברים און קאָלעגן פון אומגליק, אַלע האָבן מיר באַקומען דעם ערשטן באַפרײַונג־דאָקומענט. דאָך זענען מיר אַזוי ווײַט פון אונדזערע היימען, פון אונדזערע נאָענטע. איך האָב זיך אַרײַנגענומען צווישן זיי, כּאָטש מײַן ווײַטקייט צו היים און נאָענטע איז מיט וועלטן ווײַטער.

דאָס איז געווען דעם 16טן יוני 1953 וואָס איך דאַרף באַטראַכטן פאַר מײַן צווייטער געבורט, באַקומענדיק דעם באַפרײַונג־דאָקומענט אויפן אינדזל קאָלימאַ. אָבער די ק.ג.ב. האָט מיך נישט געלאָזט אין גאַנצן אַנטלויפן פון מײַן גורל. מײַן דאָקומענט האָט זיך דאָך אונטערשיידט פון אַלע אַנדערע מיט דעם, וואָס יענע האָבן באַקומען פּעסער ווי נאָרמאַלע און לאָיאַלע סאָוויעטישע בירגער, ווען מײַן פּאַס איז געווען מיט דעם אַזוי באַקאַנטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד פּאַראַגראַף 39, — „סאָציאַלנאָ אָפּאַסני עלעמענט” (געזעלשאַפטלעך געפערלעכער עלעמענט) — ווען ס'איז נישט דערלויבט צו וווינען אין וועלכער ס'איז רעפּובליקאַנישער הויפּט־שטאָט, נאָר 101 ק"מ ווײַט פון איר. נאָר דערווײַל זענען מיר נאָך זייער ווײַט פון דעם... וואָס מיר שטאָט, וואָס מיר קילאָמעטערס. דערווײַל איז דאָס אַלץ נאָך פאַר מיר ווײַט, ווײַט. נאָך ווײַטער ווי אין דער מגילה שטייט — מהודו ועד כוש... שרײַב איך טאַקע אין אַ בריוו צו איינעם פון מײַנע מיטבאַשולדיקטע חברים, וואָס געפינען זיך אין אַ לאַגער אין ווײַטסטן דרום, ווי איך אין ווײַטסטן צפון, אַז איך לאָז זיך אין וועג אַרײַן און אַז איך דאַרף אַ באַן וואָס זאָל פאָרן אין אַן אומקרײַז און נישט האָבן קיין ענד־סטאַציע...

נאָר דאָס אַרויספאָרן פון קאָלימאַ געהערט נישט צו די לײַכטע און פּשוטע זאַכן. און דאָס נישט נאָר צוליב באַדינגונגען פון רעזשים, נאָר אויך צוליב געאָגראַפישע און קלימאַטישע באַדינגונ־

געז. אַ פֿאָלקס-ווערטל וואָס גייט דאָרט אום זאָגט: קאָלימאַ, קאָלימאַ, טשודנאַיאַ פּלאַנעטאַ — אַדינאַדצאַט מיעסיאַצעוו זימאַ, אַסטאַלנאַיע — לעטאַ... ייִדיש הייסט עס: קאָלימאַ, קאָלימאַ, ביסט אַ ווונדערבאַרע פּלאַנעטע — עלף חדשים איז ביַי דיר ווינטער, די איבעריקע — זומער, ווי שוין פֿריִער דערמאָנט. אַזוי אַז פֿון די צוויי מעגלעכע וועגן ווי אַזוי מ'קאָן האָבן פֿאַרבינדונג מיט דער גרויסער מוטער ערד פֿון סאָוויעט-רוסלאַנד, איז דער וואַסער-וועג אָדער לופֿטפֿאַרקער.

איז ווי באַקאַנט און שוין דערמאָנט קיין ציווילער שיפֿס-פֿאַרקער עקזיסטירט דאָרט נישט, און פֿאַר שיף-פּראַכט און טראַנספּאָרט, וואָס איז דאָרט דער וויכטיקסטער און דער מעג-לעכסטער, איז דער צוקום צום פּאָרט אין מאַגאַדאַן מעגלעך אין גאָר ווייניק צײַט פֿון יאָר, ווען די פּאָרט-וואַסערן זענען נישט פֿאַרפֿרוירן. אין צײַט פֿון פֿאַרפֿרירונג באַנוצט מען זיך דאָרט מיט אײַז-ברעכערס, איז דאָס וואַרטן אין מאַגאַדאַן אויף אַ שיף נישט נאָר פֿאַרבונדן מיט אַ סך חדשים — און ווער ווייסט וויפֿל? — נאָר אויך שיער נישט מיט געפֿאַרן פֿון אומקום צוליב די באַדינ-גונגען וואָס הערשן אין אָט דער שטאָט. פֿאַר יעדן פֿאַל אין די יאָרן, אין וועלכע איך בין דאָרט געווען.

און וואָס שייך די לעבנס-באַדינגונגען אין דער אייגנאַרטיקער שטאָט, וועלכע איז, לויט מײַן מיינונג, די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט פֿון אַ פּאָליצייאיש-מלוכהשן און אַדמיניסטראַטיוון היטונגס-אַפּאַראַט פֿאַר פֿאַרברעכנס, באַגאַנגענע און נישט-באַגאַנגענע, איז ממש אוממעגלעך צו באַשרײַבן, איז דאָס וואַרטן אויף דעם שיפֿס-פֿאַרקער געווען צו ריזיקאַליש. זענען געבליבן צוויי מעגלעכע לופֿט-ליניעס וואָס פֿירן איינע פֿון סעסומאַן דורך יאַקוטסק און פֿון דאָרטן מיט דער באַן — אויך דאָ זענען פֿאַראַן שטערונגען פֿון דער נאַטור: אויף דער דאָזיקער לופֿט-ליניע איז פֿאַראַן עפּעס אַ שיטערער לופֿט-רוים, וואָס די עראָפּלאַנען דאַרפֿן אַריבערפֿליִען. דאָס וואָס די פּאַסאַזשירן פֿילן זיך נישט גוט אין דעם שיטערן לופֿט-רוים, איז ווייניקער וויכטיק; דער עיקר איז, אַז דאָרט קאָן געשען, אַז צוויי און אַפֿילו דרײַ וואָכן זאָל אין גאַנצן נישט קאָנען

אַדורכפֿליִען אַן עראָפּלאַן. קלײַבן זיך אָן אין סעסומאַן גרויסע רייען, הויפּטזאַכלעך נאַטשאַלסטווע וואָס פֿאָרט אויף אַ 6 חדשימדיקן אורלויב אַהיים. איז דאָס אויב אַזוי אויך נישט געווען פֿאַר אונדז. איז געבליבן דאָס איינציק מעגלעכע: פֿון אונדזער פּריִסק אָקטיאַברסקי פֿאָרן קיין מאַגאַדאַן מיט אַן אויטאָ — 800 ק״מ, און פֿון מאַגאַדאַן מיט דער לופֿט־ליניע קיין כאַבאַראָווסק און פֿון דאָרטן — ווײַטער.

...און ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאָג פֿונעם 23טן יולי 1953, און מיר האָבן אַלע, האָפֿנונגספֿולע, שטראַלנדיקע, צו אַ באַנײַט לעבן, באַגלייט פֿון שווערע קנאַהדיקע געפֿילן פֿון די דאָרט פֿאַרבליבענע, זיך געלאָזט אין אונדזער באמת נײַעם און ווײַטן לעבנס־וועג, וואָס די נאַטור דאָרט האָט אונדז צוגעגרייט. יאָ, טאָקע דער 23טער יולי — אָבער... אַ פֿרישער, זומערדיקער שניי האָט אונדז באַגלייט דעם גאַנצן וועג ביז מאַגאַדאַן. אויך דאָרט האָבן מיר געוואַרט אַ 12 טעג ביז מיר האָבן, נאָך אַ 6שעהדיקן פֿלי, באַטרעטן די מוטער־ערד פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד אין דער שטאָט כאַבאַראָווסק, וווּ ס'האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער ווײַטער־דיקער געראַנגל פֿאַר אַ היים...

כאַבאַראָווסק האָט אין יענע טעג אויסגעזען ווי אַ מיליטערישער באַלאַגערונגס־פּונקט. באַוואַכט אַלע גאַסן פֿון שטאָט מיט פֿאַר־שידענע מיליטערישע נ.ק.וו.ד. און אַפֿילו ציווילע וואַך־פּאַטראָלן. און דאָס — צוליב עטלעכע סיבות. ערשטנס, ווײַל כאַבאַראָווסק איז אַ נאָענטע גרענעץ־שטאָט צו יאַפּאַן; צווייטנס, ווײַל זי איז אַ שטאָט וווּ עס ענדיקט זיך אָדער ס'הייבט זיך אָן די „זאַפּרעטנאַיאַ זאָנאַ” (פֿאַרבאָטענע זאָנע פֿאַר פֿרײַער באַוועגונג); און דריטנס, — און דאָס איז דער עיקר — ווי די ערשטע שטאָט וווּהין עס קומען אָן די אַלע באַפֿרײַטע פֿון די ווײַטע, ווײַטע לאַגערן, און דערזעען, ווער ווייסט נאָך וויפֿל יאָר, צום ערשטן מאָל אַ סימן פֿון אַ ציוויליזירט מענטשלעך לעבן. פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר אַ סך פֿון זיי ווערט די ערשטע שטאָט וואָס זיי זעען אויך אַ מקור פֿאַר נײַע פֿאַרברעכנס. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס די גאַנצע גרופּע

אונדזערע האָט זיך געהאַלטן ענג צוזאַמען און זיך געטוליעט איינער צום צווייטן ווי נאָענטסטע משפחה־מענטשן.

די ערשטע פראַגע וואָס האָט זיך פאַר אונדז געשטעלט איז געווען: ווי טוט מען זיך אַהין אין די נעכט ביז צום אַרײַנבאַקומען זיך אין אַ באַן וואָס זאָל אונדז פירן ווײַטער? דאָ איז מיר נאָך בײַגעשטאַנען מײַן יחוס פון פריזסק, ווי כ׳בין געווען דאָרט עפּעס־וואָס, און אַלע האָבן געוואָלט זען אין מיר עפּעס אַ הילף אָדער אַן אויפטו, וואָס זאָל זיי אַ ביסל פאַרלײַכטערן.

געפונען האָבן מיר זיך אויפן כאַבאַראָווסקער באַן־וואָקזאַל. פון דאָרט בין איך אין באַגלייטונג פון נאָך איינעם אַוועק אין שטאָט זוכן עפּעס אַ מקום־מקלט ווי אַוועקלייגן אונדזערע שרעקלעך מידע ביינער אין די נאַכט־שעהען.

גייענדיק אַזוי איבער דער שטאָט אין די פאַרנאַכט־שעהען, קוקן מיר מיט גרויס וווּנדער ווי מענטשן זיצן בײַ זייערע שטוב־פענצטער, אויף באַלקאָנען און רוען אָפּ געמיטלעך מיט זייערע משפחות. און אַזוי שפּרײַזנדיק, מיט אַ זאָרג עפּעס־וואָס צו געפינען פאַר אונדזער צײַטווײַליקער נאַכט־באַהעלטעניש, ווענדט זיך צו מיר מײַן באַגלייטער: חיים אבראַמאָוויטש, ווי מיינסטו, מיר וועלן אויך נאָך אַ מאָל זײַן מענטשן אַזוי ווי די, וואָס זיצן דאָ מיט זייערע משפחות און האָבן זייערע אייגענע היימען און לעבן ווי ציוויליזירטע מענטשן?

און אַזוי גייענדיק איבער די גאַסן פון כאַבאַראָווסק, באַגליקט פונעם עצם־פאַקט אַז מיר, די אײַנוווינער פון טויט־אינדזל קאָלימאַ, שפּאַצירן אויף טראָטואַרן פון אַ מענטשלעך ציוויליזירטער שטאָט, וואָס איז געאָרדנט און ווערט געפירט דורך אָנגענומענע באַשטימטע כללים פון וועלכע אונדזער גאַנצער דמיון איז שוין געווען אַזוי ווײַט און פרעמד — האָבן מיר אַ ווײַלע זיך אַליין פאַרגעסן: וואָס אייגנטלעך, זוכן מיר אויף די אַ גאַסן?

אַן אומשולדיק שילדל האָט איבערגעשלאָגן אונדזער פאַר־געסנקייט. אויפן שילדל איז געווען געשריבן, אַז דאָ איז אַן אכסניה פון „דאָל־סטראָי״ פאַר אירע קורסאַנטן אין ווײַטן מזרח. בלויז די אַ צוויי ווערטער: „דאָל־סטראָי״, האָבן אונדז מאַגנעטיש

אַריבערגעצויגן אויף דער צווייטער זײַט פון וועג ווו דער בנין האָט זיך געפונען. אייגנטלעך, זענען דאָר דאָס נאָך אַלץ אונדזערע באַלעבאַטים, וואָס האָבן אונדז אַהינגעבראַכט און איצט זענען מיר נאָך אַלץ זייערע, ביז מיר וועלן געפינען אַ נײַעם באַלעבאָס מיט אַ נײַער היים. אָבער דערווײַל ווילן מיר אַ סך וויניקער: נאָר איין נאַכט זײַן איבערגעדעקט מיט אַ דאַך, נישט געשטערט צו ווערן דורך די אַלע וואָס ווילן דאָס זעלבע.

און דאָ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָרט וואָס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן אַז דאָ דאַרפן מיר אַרײַנגיין, ווי מיר וואָלטן פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט מען אונדז. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט צו זײַן דער ערשטער בײַם עפענען די טיר און — מיר זענען אַרײַן.

דער נאַכט־וועכטער, אַן עלטערער, זייער אויסגעמאָגערטער הויבער מאַן, איז געוואָרן אַ ביסל צעטומלט, אויב נישט דערשראָקן, פון די צוויי אומדערוואַרטע געסט. צוליב זײַן הויכן וווקס האָב איך געמוזט פאַררײַסן דעם קאָפּ צו אים און דערבײַ דערזען די ווײַסע שטריכן פון זײַן פּנים, וואָס האָבן נישט באַשטעטיקט אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ „נאַסטאָיאַשטשי רוסקי טשעלאָוויעק" (נישט קיין טיפּיש רוסישן מענטש). עס איז נישט געווען לײַכט אָנצוהייבן פון דעם וואָס מיר פאַרלאַנגען. ס'איז אויסגעפאַלן אויף מיר דער גורל צו פאַרפירן דעם געשפּרעך: „מיר זענען אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס ווערן איבערגעפירט פון איין אונ־טערנעמונג צו אַ צווייטער, מאָרגן וועלן מיר האָבן דעם צוג ווײַטער צו פאָרן; אָבער מיר ווילן נישט בלײַבן אויפן גאַס צוליב אָפטע באַקאַנטע פאַרפאַלן אין שטאָט. מיר זענען אַלע ערנסטע, אָנשטענדיקע אַרבעטס־מענטשן, און מיר בעטן בײַ אים בלויז די פּאָדלאָגע אויף אַ פּאָר שעה זיך אָפּצורוען.

זײַנע ערשטע ווערטער האָבן באַשטעטיקט זײַן נישט־ריין־רוסישן דיאַלעקט. ווען איך האָב באַדאַרפט ענטפערן פון וואַנען איך קום און פון וואַנען איך שטאַם, האָב איך געזאָגט אַז איך שטאַם פון פוילן, בין אַ געבוירענער אין וואַרשע. אין דעם מאָמענט האָט אונדזער וועכטער זיך שיער נישט צעוויינט. אַלע זײַנע

ווײַטערדיקע רייד האָבן פאַרלוירן זייער באַטײַט. ער איז געוואָרן דורכגענומען מיט אַ נישט־געוויינלעכער פרייד און היימישקייט, ווי ער וואָלט נאָך צענדליקער יאָרן פאַרלוירנקייט אָפּגעפונען זײַנס אַן אייגענעם משפּחה־מענטש. ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז פאַקטיש האָט ער אונדז נישט געטאָרט לאָזן איבערן שוועל. אָבער ער איז שווער אַרײַן אין אַ געטלעכער נאָסטאַלגיע. טרערן האָבן אים געשטיקט און ער האָט אײַלנדיק דערציילט, אַז ער איז אַ פּאָליאַק, געבוירן אין וואַרשע און אין דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג פון 1904—1905 מאָביליזירט געוואָרן אין דער צאַרישער אַרמיי, געקעמפט אויפן יאַפּאַנישן פראָנט, אַרײַנגעפאַלן אין פלען און זײַט דאַן פאַרבליבן אין כאַבאַראָווסק, מיט דער אייביקער בענקשאַפט נאָך זײַן פאָטערלאַנד, און אַז צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט פון זײַן לעבן דאָ, באַגעגנט ער אַ ראָדניאַק און ער איז פון דעם אַזוי איבערגענומען, אַז ער וועט טאָן אַלץ כּדי אונדז צו העלפן.

דער דאָזיקער פּאָליאַק האָט מיט זײַן גאַנצער פּשוטקייט און איבערגענומענקייט באַשטעטיקט דעם באַקאַנטן זאָג פון גרויסן פּוילישן פּאָעט אַדאַם מיצקעוויטש: „פּאָטערלאַנד, קיינער האָט דיך נישט אַזוי ליב, ווי דער, וואָס האָט דיך פאַרלוירן...”.

אָט דער צופעליק אָפּגעפונענער זיעמליאַק האָט מיט אַ סך ריזיקירט און אײַנגעשטעלט ווען ער האָט גראַטעוועט אונדזער דאַכלאָזיקייט כאָטש מיט איין נאַכט אין דער ווײַט־מזרחדיקער שטאָט, ווו אויך אין איין נאַכט קאָן אַ סך געשען...

אין כאַבאַראָווסק איז נאָך די גרופּע באַשטאַנען פון אַ קנאַפּע צוויי צענדליק. מיר האָבן מיט דעם וועכטער אָפּגערערט, אַז ווען עס וועט ווערן טונקעלער, וועלן מיר זיך געפינען גרופּנווײַז אויף דער צווייטער זײַט טראָטואַר און ער וועט אונדז מיט דער פולער פאַרזיכטיקייט, קיינער זאָל נישט באַמערקן, אַרײַנלאָזן.

דערווײַל זענען מיר ביידע צוריק אַוועק צום באַן־וואָקזאַל ווו מיר האָבן געלאָזן די גרופּע, זיי דערציילט די נײַעס, אין וועלכער כּמעט קיינער האָט נישט געגלייבט. פאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן נישט געוווּסט די פּרטים, אָבער דער עיקר האָבן מיר זיי צוגעגרייט

צו אַלע נייטיקע פּאַרזיכטיקייטן און זיך געלאָזן צום באַטרעפנדיקן פונקט. דאָרט האָבן מיר געוואַרט ביז עס וועט ווערן טונקל, ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט. גרופּנווײַז זענען מיר אַרײַן שווײַגנדיקע אין פינצטערן צימער. ווי נישט איז געפונען אָרט אויף דער פּאָדלאָגע פאַר אַלעמען און דער וועכטער האָט פאַרשלאָסן ס׳צימער. די מידקייט האָט אונדז אַלעמען באַלד אײַנגעשלעפערט, אָבער צו אונדזער איבערראַשונג האָבן מיר אין מיטן דער נאַכט דערהערט שליסן די טיר און באַלד אַ שטאַרקע שײַן פון עלעקטרישע לעמפּלעך, מיט דער פראַגע: עטאָ קטאָ? קורסאַנטי? קורסאַנטן?

— דאַ, דאַ... האָט דער טויט־צעשראָקענער וועכטער געענטפערט און דער נ.ק.וו.ד.־פּאַטראָל איז אַרויס און נאָך זיי האָט דער וועכטער נאָך־אַ־מאָל פאַרשלאָסן די טיר.

איצט האָט שוין קיינער מער נישט צוגעמאַכט די אויגן. אַלע זענען געווען באַהערשט פון איין שרעק־געדאַנק: זיי וועלן זיך נישט צוריק אומקערן?...

אָ, אַ לויב דיר זיעמליאַק פון וואַרשע, וואָס די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט דיך געבערענגט אַהער, כּדי צו ווערן נאַכט־וועכטער אין דער אכסניה פון „דאַל־סטראָי" אין כאַבאַראָווסק. און — מיט קנאַפּע פופציק יאָר שפּעטער זאָלסטו באַגעגענען דײַן לאַנדסמאַן פון קראָכמאַלנע 23 און אים מיט זײַנע לײַדנס־גענאָסן אַזוי פרײַנטלעך אַרויסהעלפן.

און נאָך איידער דאָס קוים־שימערירנדיקע טאָג־ליכט האָט געלויכטן האָבן מיר, אַזוי געהיים ווי מיר זענען אַרײַן, פאַרלאָזט די וווּנדערלעכע נאַכט־אכסניה, גוט באַלוינט דעם וועכטער — געלט איז נאָך געווען — זיך האַרציק געזעגנט מיט אים, מיט אונדזער פאַרוואָגלטן לאַנדסמאַן און זיך ווידער געלאָזט צום באַן־וואָקזאַל.

צומאָרגנס האָט אונדז אָפּגעגליקט מיט דעם צוג כאַבאַראָווסק־מאָסקווע, אַ רייזע פון איבער נײַן טויזנט ק״מ, וואָס האָט אונדז גענומען קנאַפּע 10 מעת־לעת. אויפן וועג איז מיט אונדזער גרופּע, וואָס איז אַרויס פון קאַלימאַ ווי אַ גאַנצע, געשען ווי עס זינגט זיך אין באַקאַנטן יידישן פאָלקס־ליד „צען ברידער זענען מיר

געוועןײ... אַז מיר זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע, זענען מיר געבליבן אַ גרופּע פון פיר וועמענס באַן־בילעטן זענען געווען אויסגעשטעלט קיין לעמבערג, ווו נישט ווײַט אין אַ קאָלכאָז האָט זיך געפונען אַ שוועסטער פון איינעם פון אונדז פיר. לויט די נאַציאָנאַליטעטן זענען מיר געווען: צוויי אוקראַינער, (פון מערב־אוקראַינע), איין ווײַסרוס און איך.

דער קאָלכאָז הינטער לעמבערג איז פאַר מיר געווען דער ערשטער און דערווײַל דער איינציקער אַדרעס ווו זיך אָפּצושטעלן נאָך דער גרויסער רײַזע.

דאָס דורכפאָרן מאָסקווע איז פאַר מיר געווען פאַרבונדן מיט די פאַרשידנסטע פּלענער וועגן מײַן ווײַטערדיקער צוקונפט, און האָט פאַרלאַנגט אַ מינימום טעג אויף אויפצוהאַלטן זיך דאָרט. אַזאַ זאַך איז אין יענער צײַט נישט געווען אַזוי פּשוט. אַפילו נאָך הײַנט, מײַן איך, און אַפילו פאַר אַ כּשרן סאָוויעטישן בירגער, ווער שמועסט נאָך פאַר מיר, אַזאַ וואָס קערט זיך אום פון קאָלימאַ מיט אַ פּאַספּאָרט וואָס אין אים איז פאַרצייכנט דער פּאַראַגראַף 39. איך האָב בכלל, ווי ווײַט מעגלעך, אויסגעמיטן צו באַווײַזן זיך מיט מײַן פּאַספּאָרט און גאָר באַזונדער אין מאָסקווע. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט טראַנזיט־בילעטן קיין לעמבערג האָט אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל זיך אויפצוהאַלטן ביז 48 שעה אויפן באַן־וואָקזאַל, אַפילו דאָרט נעכטיקן, ביז צום נאָענטסטן צוג וווּהין אונדזער טראַנזיט־בילעט איז אויסגעשטעלט. דאָס האָבן מיר אויסגענוצט אויף דרײַ מאָסקווער וואָקזאַלן און אַדאַנק דעם האָב איך באַוויזן אין מאָסקווע אָנצוקומען אין ערטער וואָס זענען מיר געווען נייטיק.

ערשטנס האָב איך באַדאַרפט אויסגעפינען דעם צענטראַלן פאַרטיילונגס־אַמט פאַר אָפּרו־הײַזער בײַם „דאַל־סטראָי״. בײַם אַרויספאָרן פון קאָלימאַ האָט מיר דער אָרטיקער פּראָפקאָם (פאַרשטייער פון די פּראָפאַראיינען) צוגעטיילט אַ פּרעמיע פאַר גוטע אַרבעט — אַן אומזיסטן חודשלעכן אָפּרו אין איינעם פון די אָפּרו־הײַזער פון „דאַל־סטראָי״, וואָס דאָס אָרט און די צײַט ווערט באַשטימט נאָר אין מאָסקווע. געווען איז דאָס בערך אין

חודש אויגוסט. איך בין געווען פּאַראינטערעסירט אין אַן אָרט וואָס פריִער, כּדי צו האָבן דערוויַיל ווו צו זיַין. דאָס ערשטע מעגלעכסטע אָרט איז געווען פון 2טן אָקטאָבער, ביַים ברעג פון באַלטישן ים, אַן ערך 30 ק״מ פון ריגע, וואָס רופט זיך בולדאַרי. מיַין חבר וואָלאָדיע האָט אויך געהאַט אַזאַ, הגם אַ באַצאָלטע באַשטימונג, און ער האָט זיך געהאַלטן מיט מיר און ביַי מיר, וויַיל ער איז געווען אַ בחור מיט גאַנץ ווייניק אַקטיוויקייט. דער עיקר, מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג, בין איך אָנגעקומען אין דער קאָנסולאַרער אָפּטיילונג פון סאָוויעטישן אויסערן־מיניסטעריום, ווו איך האָב געבעטן אָפּזוכן מיַינע קינדער וואָס געפינען זיך אין פוילן. און דאָס זאָל מיר געבן אַ באַרעכטיקונג פאַר מיַין ביטע זיך אומצוקערן קיין פוילן.

מ׳האָט מיך דאָרט אויפגענומען מיט קאַלטקייט און מיט גרויס צוריקגעהאַלטנקייט, און דער ענטפער איז געווען בלויז אַ פאָרמאַליסטישער, אָן אַ ברעקל האָפענונג... אָבער דאָס אַלץ, איז געווען ווען איך בין שוין געווען אינעווייניק. אָבער ווי אַזוי בין איך אַהין אַריַין? אָ, דאָס איז נישט לייַכט איבערצוגעבן. איין האַרץ איז נישט גענוג דאַרויף. מען קאָן אויף דעם פאַרלירן מער ווי איינס...

איך בין אויך אָנגעקומען אין דער פוילישער אַמבאַסאַדע — דאָרט איז די באַציִונג שוין געווען אַ לייַכטערע, אַפילו מיט געוויסע פאַראינטערעסירונגען. אויך דאָרט האָב איך געטענהט, אַז איך בין אַ געוועזענער — אַזוי האָט מען דעמלט געמוזט זאָגן — פוילישער בירגער, און בעט מיר העלפן אָפּגעפינען מיַינע קינדער און מיר דערלויבן זיך אומקערן קיין פוילן צו זיי. דאָ האָט מען מיך גוטוויליק אויסגעהערט, פאַרשריבן דאָס וואָס איך האָב געזאָגט. אין אַ ציַיט אַרום האָב איך אַפילו באַקומען אַן ענטפער מיט אַן אַדרעס ווו די קינדער געפינען זיך, הגם נישט אָפיציעל האָב איך געוווּסט, אַז זיי געפינען זיך נישט דאָרט. איך האָב זיך נאָך אויך דערשלאָגן צו דער ז.פּ.פּ. אין מאָסקווע און צום סוף פונעם 5טן טאָג, אַ ביסל אַ באַרוּיִקטער, אַז איך האָב עפּעס אויפגעטאָן, האָבן מיר פאַרלאָזט מאָסקווע.

אונדזער אָנקומען אין קאָלכאָז האָט צעשטערט די קאָלכאָזנע געמיטלעכקייט מיט די פּאַרשידנסטע דערציילונגען און ווערסיעס וועגן די פיר מענער, וואָס האָבן זיך אין דאָרף באַוויזן. נאָר איינעם פון אונדז האָבן די דאָרפס־איינוווינער געקענט פון פאַר דער מלחמה. אים האָבן זיי ברודערלעך באַגעגנט און אויפגענומען, הגם שטילערהייט האָט מען זיך געהיים געסודעט וועגן אונדז און וועגן דעם אָרט פון וואַנען מיר זענען געקומען.

יעדן אָוונט פון די ערשטע טעג — דאָרפישע צוזאַמענטרעפן און פאַרווײַלונגען, בגלופינדיקער געזאַנג, וואָס דערגייט ביז אין די הימלען, לויטן באַקאַנטן רוסישן ווערטל: „פּיאַם איז גאַריאַ אי איז שטשאַסטיאַ" — אויף יידיש: מען טרינקט פון פרייד און פון לייד...

פאַרשטייט זיך אַז אויך די אַרטיקע מיליץ האָט נישט געקאָנט בלײַבן אין אַ זײַט, מיר זענען אַרויסגערופן געוואָרן, מען האָט אונדז געפרעגט וואָס און ווען, — מײַן אײַנדרוק איז געווען, אַז זיי פאַרשטייען נישט ווער מיר זענען... און זיי זענען געווען צופרידן צו הערן פון אונדז, אַז מיר האָבן נישט בדעה צו בלײַבן אין דאָרף.

מײַנע מיטגייערס האָבן פון מיר פאַרלאַנגט מיר זאָלן זיך אַלע פיר צוזאַמען אײַנאָרדענען אין לעמבערג אויף אַרבעט. מיר זענען טאַקע געפאָרן אין שטאָט און אויסגעפונען אַן אַרבעט־פּלאַץ, אָבער איך האָב דאָס אָפּגעלייגט ביז סוף אָקטאָבער, נאָכן פאַרענדיקן אונדזער אָפּרו־חודש בײַם באַלטישן ים.

און דאָ פיל איך, אַז עמעץ וועט זיך וווּנדערן און פרעגן: איז דאָס אמת, אַן אַרעסטאַנט פון טויט־אינדזל קאָלימאַ, און אַ חודשלעכער אָפּרו בײַם באַלטישן ים? יאָ, ליבער לייענער, אַלץ וואָס דאָ איז געשריבן איז געשען. דאָס סתּירהדיקע און נישט־פאַרשטענדלעכע געהערט צו די באַקאַנטע, און אפשר נאָך מער, אומבאַקאַנטע אייגנאַרטיקייטן און מאַניפּולאַציעס פון סאָוויעטישן רעזשים, וועלכער איז אפשר, צום באַדויערן, דער ברייטער עפנטלעכקייט נאָך אַלץ נישט באַקאַנט.

דאָס אַרײַנפאָרן אין קאָלכאָז הינטער לעמבערג איז מיר נייטיק

געווען, כּדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, ווי מען זאָגט, זיך ערגעץ־ווו אָפּשטעלן נאָך אַ רײַזע פון בערך 16—17 טויזנט קילאָמעטער. איך האָב אָבער נישט געטראַכט און נישט געוואָלט צו פיל צײַט פאַרברענגען אין קאַלכאַז. די פאַרבליבענע צײַט ביז דעם 2טן אָקטאָבער — די דאַטע פון מײַן באַשטימטן אָפּרו, — האָב איך זיך געשטעלט כּמעט פאַר מײַנס אַ לעבנס־אויפגאַב: צו זען זיך מיט די דרײַ אומגליקס־חברים פון די נײַן, וואָס האָבן זיך אין יענער צײַט געפונען אין דרום פון רוסלאַנד, אין אַ פאַרשיקונג־לאַגער אין אַראַלסקאָיע מאָריע. וואָס און וויפל — האָב איך נישט געוווּסט. זייער „סראָק” (אורטייל) — איז נאָר געווען 4 יאָר, אָבער דער טערמין איז שוין לאַנג געווען אַריבער. אין אַלגעמיין האָבן נאָך דעמלט געלעבט אַכט פון די נײַן — כּמעט אַלע האָבן זיך באַמיט אָנצוהאַלטן שריפטלעכע קאָנטאַקטן. אָבער דער קאָנטאַקט מיט די אַ דרײַ איז געווען דיקטירט פון אינטימער, כּמעט משפּחהדיקער נאָענטקייט. און פון דאַנען מיין פריִערדיקער זאָג, ווי „אַ לעבנס־אויפגאַב” זיי צו זען.

איך האָב בײַ זיך געטראַכט: אויב נישט איצט, איז ווער ווייסט ווען... האָב איך זיך געזעגנט מיט מײַנע חברים פון קאַלכאַז, מיט וואָלאָדיען זיך אָפּגערעדט צו טרעפן דעם 2טן אָקטאָבער אין אָפּרו־הויז, און מיט די אַנדערע — עווענטועל שפּעטער, אויף אונדזער נײַעם אַרבעטס־פּלאַץ אין לעמבערג, און אַליין ווידער זיך געלאָזט אין אַ האַלב־אַוואַנטוריסטישער רײַזע פון אַ סך טויזנטער קילאָמעטערס קיין אַראַלסקאָיע מאָריע זיך צו טרעפן מיט מיינע מיטלײַדנדיקע.

איך וויל דאָ נישט שילדערן דעם דורכגעמאַכטן וועג, אָבער מ׳דאַרף זיך נישט פאַרשטעלן אַז עס איז מיר צוגעגאַנגען אַזוי געווינלעך און פּשוט, ווי ס׳איז אָנגענומען: מען קויפט אַ בילעט, מ׳זעצט זיך אַרײַן אין צוג, און מען קומט אָן וווּ מען דאַרף...

אַראַלסקאָיע מאָריע האָב איך דערגרייכט אויפן 5טן טאָג נאָך מײַן פאַרלאָזן לעמבערג. ווען איך בין אַרויס פון צוג, וואָס האָט נאָך געהאַט בערך אַ 200 ק״מ ביז זײַן סוף־סטאַציע טאַשקענט, בין איך געווען אין עפּעס אַ פאַרלעגנהייט: איך דער

איינציקער פּאַסאַזשיר וואָס איז אַראָפּ פון צוג — און קיינער איז נישט אַרויף. דער גאַנצער באַן־פּעראָן איז ליידיק. פון ווײַטן האָב איך דערזען אַ סילועט, וואָס באַוועגט זיך זייער לאַנגזאַם אין מײַן ריכטונג און דערקענט אין אים העניעקן. דאָס איז געווען איינער פון אונדזערע דרײַ מיטבאַשולדיקטע. זײַן ערשטע פראַגע מיט וועלכער ער האָט מיך באַגעגנט איז געווען: דו האָסט אַ פּאַס? זײַ גרייט אַז באַלד וועט מען צו דיר צוקומען. אַ ביסל ווײַטער, קאַנטיק מיט אײַנגעהאַלטענער פּאַרזיכטיקייט, האָב איך באַמערקט מאַטעקן, דעם צווייטן פון אונדזער גרופּע. און טראָץ אונדזער כּמעט אומגלייבלעכער, שטאַרק עמאָציאָנעלער באַגעגעניש, האָבן מיר זיך אויפן גאַס געמוזט צוריקהאַלטן כּדי נישט צו צײַען דעם בייזן בליק פון אַ שלעכט אויג.

אַז מיר זענען אַרײַן אין זייער כאַטע האָב איך זיך דערוווּסט וואָס איך האָב פריִער נישט געקאָנט וויסן: ערשטנס, אַז אַראַלסקאָיע מאָריע איז אַ שטאָט אָדער אַ שטעטל נאָר פאַר פאַרשיקטע, מיט און אָן טערמינען, און אַז זי איז ווײַט נישט צוטריטלעך פאַר אַזעלכע געסט ווי איך, ווײַל זי איז אַרומגענומען מיט אַ פאַרבאָטענער זאָנע פון נישט אַרײַן און נישט אַרויס, — און דאָס איז פאַרשטייט זיך אויך חל אויף דער קליינער כאַטע פון באַן־וואָקזאַל און נאָך מער — צום באַן־פּעראָן, וווּהין די פאַרשיקטע איז נישט דערלויבט זיך צו דערנענטערן. איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַר וואָס איך בין געווען דער איינציקער פּאַסאַזשיר אויף דער אַ באַן־סטאַציע פון אַזאַ ווײַטלויפנדיקן צוג.

איך בין דאָרט געווען דרײַ טעג און דרײַ נעכט. אין יעדער מינוט פון דער צײַט זענען מיר געווען אין גרייטקייט און דער־וואַרטונג אַז מען קומט צו אונדז. מיר זענען געווען צעטומלט, נישט וויסנדיק פון וואָס פריִער אָנצוהייבן, ווײַל טאָמער וועלן מיר נישט באַווײַזן אונדזער געשפּרעך צו ענדיקן. אונדזערע זיבן טורמע־און לאַגער־יאָרן זענען געווען שוין אַריבער, זינט אונדזער צעשיידונג אין לאַגער פון פּאָלעוואַנעוואַ אין מאָרדאָווסקע אַ.ס.ס.ר. ווי אונדזערע גורל׳ס האָבן זיך געוויגט ווי אויף אַ וואַגשאָל: אַרויף און אַראָפּ... ווען זיי האָבן באַקומען 4 יאָר און איך 6, בין

איך אַוודאי געווען אין אַ נידערלאַגע. אין דער זעלבער צײַט ווען זייער אורטייל פון פיר יאָר האָט זיך געענדיקט און מ׳האָט זיי געזאָגט אַז זיי ווערן באַפרײַט, בין איך מיט אַן עטאַפּ געשיקט געוואָרן קיין קאָלימאַ, וואָס קיינער פון אונדז האָט נאָך דעמלט נישט געוווּסט **וואָס** און **ווו** דאָס איז. ווען די זעלבע חברים מײַנע האָבן פון זייער פאַרשיקונג אין אַראַלסקאָיע מאָריע מיר געשיקט אַן איבערגעבונג פון ציבל און קנאָבל, וואָס איז דאָרט לעבנס־וויכטיק קעגן צינגאַ (סקאָרבוט) און ביז דאָס איז צו מיר דערגאַנגען נאָך העכער אַ האַלב יאָר, און ס׳איז פון דעם פאַרבליבן נאָר די שאָלעכץ, איז ווידער מײַן לאַגע געווען אַ דערשלאָגענע, וואָס איך געפֿין זיך אין אַזאַ אָרט ווו צו האָפן איז נישטאָ נאָך וואָס...

דערפאַר איז העניעקס ערשטע פראַגע געווען: צי איך האָב אַ פּאַס... און מײַן ענטפער אַז **יאָ** — איז געווען נישט נאָר סענסאַציאָנעל פאַר זיי, איבערראַשנדיק, נאָר אויך מיט אַ געוואַלדיקן איבערגעוויכט אויף דער וואָגשאָל פון מײַן גורל. איין קלייניקייט: חיים האָט אַ פּאַס!... דאָ רעדט מען נישט וועגן פּאַראַגראַף 39, נאָך דער פאַקט וואָס איך באַוועג זיך אויף אַ שטח פון איבער 20.000 ק״מ איבער רוסלאַנדס ווײַטקייטן: מאַגאַדאַן, כאַבאַראָווסק, מאָסקווע, לעמבערג, אַראַלסקאָיע מאָריע — און דער עיקר, איך קלײַב זיך נאָך צוריק אַ היים.

און כּדי צו פאַרשטיין די גרויסקייט און די שטאַרקייט פון זייער איבערראַשונג, דאַרף איך זאָגן עטלעכע ווערטער, אָדער זאָצן וועגן דעם סטאַטוס און מצב פון מײַנע גאַסטגעבער. זייער 4 יאָריקער אורטייל האָט זיך פאַרענדיקט אין פרילינג 1949. מ׳האָט זיי געזאָגט, אַז זיי ווערן באַפרײַט, אָבער זיי גענומען אין עטאַפּ צו אַ לאַגער אין צענטראַל־רוסלאַנד און זיי געמאַכט וואַגלען וואָכן און חדשים פון איין אָרט צום אַנדערן, אָן וועלכער ס׳איז קאָנקרעטער באַשטימונג און אָן וועלכער ס׳איז מיטטיילונג וועגן זייער ווײַטערדיקן סטאַטוס... געהייסן האָט עס אַז זיי ווערן באַפרײַט. אָבער נאָך דער הפקרדיקער אומוואַנדלונג פון חדשים־לאַנגן עטאַפּ, זענען זיי אָנגעקומען אויף צײַטווײַליק — ווי מען האָט זיי געזאָגט — אין אַ לאַגער אויף צפון. נאָכן אָפּזײַן

דאָרט אַ געוויסע צײַט האָבן זיי באַקומען אַ פּאַרמאַכטן בריוו מיט אַן אָנזאָג צו פֿאָרן ביז דעם אָנגעוויזענעם פּונקט און פֿון דאָרט וועלן זיי ווײַטער גערירכטעט ווערן. און אַן אַ קאָנוואָי זיי באַפֿוילן זיך צו לאָזן אין וועג אַרײַן. אַזוי וואַנדערנדיק פֿון איין לאַגער צום צווייטן, האָבן זיי אין אַ מצב פֿון פֿולשטענדיקער דערשעפּטקייט דערגרייכט פֿון ווײַטן צפֿון דעם אַזיאַטישן דרום־טייל פֿון סאָוויעטישן רוסלאַנד — אַראַלסקאָיע מאָריע. דאָרט האָט מען זיי געזאָגט, אַז דאָ פֿאַרבלײַבן זיי נאָר צײַטווײַליק, ביז זייער נאָענטער באַפֿרײַונג. ביז וואָס־ווען האָבן זיי דערווײַל באַקענט דאָס נײַע אָרט...

אין די נײַע באַדינגונגען זענען אַלע דרײַ אײַנגעאָרדנט געוואָרן אויף אַרבעט, סעגאַל, ווי אַ סטאָלער בײַם מאַכן ריזיקע פּעסער פֿאַרן אָרטיקן פֿישפֿאַנג. ניין, נישט נאָר פֿישפֿאַנג, דאָס איז אַ ביז גאָר געאָרדנטע, פֿון גרויסן פֿאַרנעם, פֿיש־אינדוסטריע, בײַ די וואַסערן פֿון אַראַלסקאָיע מאָריע (אָזיערע), העניעק איז געשיקט געוואָרן אין דער מעכאַנישער מאַסטערסקאָיע ווי אַ זעלטענער, געשולטער ספּעציאַליסט אין מעכאַנישער טאָקערײַ, און מאָטעק — אין אַ ביוראָ ווי אַ בוכהאַלטער. אַרײַנגעזעצט זיי וווינען איז אַן אַלגעמיינעם באַראַק, מיט נאָר צו זיי גלײַכע, אומגליקלעכע לעבנס־גענאָסן פֿון פֿאַרשיקטע אָן צײַטן און אָן טערמינען. דאָס לעבן איז דאָ אַן אייביקייט !... דאָ רעדט מען נישט וועגן יאָרן, דאָ איז דער געראַנגל פֿאַרן טעגלעכן איבערהאַלטן, די פּאַיקע ברויט און דאָס ביסל זופּ נאָך דער אַרבעט אין דײַן אָנגעצייכנטער באַוועגונגס־זאָנע פֿון באַראַק צו דער אַרבעט און צוריק.

איידער אונדזערע דרײַ האָבן באַוויזן צו פֿאַרשטיין און באַנעמען זייער נײַעם „בירגערלעכן סטאַטוס״, זענען זיי אַרויס־גערופֿן געוואָרן דורך די אָרטיקע ק.ג.ב.־אָרגאַנען און דער באַפֿולמעכטיקטער פֿון ק.ג.ב. האָט זיי איבערגעלייענט אַ פֿאַראָר־דענונג פֿון די הויכע פֿענצטער, אַזש פֿון מאָסקווע, אַז אויפֿן סמך פֿון, אַזוי ווײַטער און ווײַטער, זענען זיי אַהער פֿאַרשיקט געוואָרן אויף איין יאָר. זיי זענען געבעטן געוואָרן אונטערצושרײַבן, אַז מען האָט זיי וועגן דעם באַקאַנט געמאַכט.

פֿאַרשטייט זיך אַז אַלע טענה׳ס, קושיות און פּראָטעסטן זענען געווען ווי „רעד צו דער וואַנט״ און זיי האָבן לסוף אונטערגעשריבן און זיך געטרייסט מיט דעם: מילא, נאָך איין יאָר... זייערע פּרויען, וואָס האָבן זיך שוין פֿון לאַנג געהאַט רעפּאַטריאירט קיין פּוילן, האָבן איַינגעלייגט וועלטן. אָבער דעם ערשטן יאָר איז נאָך געווען אַ שריפֿטלעכע פֿאַרבינדונג מיט זיי. נאָך פּונקט צום סוף פֿונעם יאָר זענען זיי ווידער אַרויסגערופֿן געוואָרן און די גאַנצע סצענע האָט זיך איבערגעחזרט אויף דאָס ניי: זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן אונטערצושרײַבן אויף נאָך אַ יאָר. פֿאַר דער צײַט איז אויך די שריפֿטלעכע פֿאַרבינדונג ערגער געוואָרן און לסוף אין גאַנצן געוואָרן איבערגעריסן. זיי, פֿון זייער זײַט, האָבן געשריבן זאַיאַוולעניעס און ביטעס לויט דעם אָנגענומענעם שטייגער אין סאָוויעט־רוסלאַנד, צו אַלע בעלי־רחמים פֿון רעזשים און כּסדר געוואַרט אויף ענטפֿערס. איז אַדורך נאָך אַ יאָר, זענען זיי ווידער אַרויסגערופֿן געוואָרן, ווידער די זעלבע פּראָצעדור, נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס דאָס מאָל איז דער אונטערשריפֿט געווען אַ טויט־דערשלאָגנדיקער: **איביקע פֿאַרשיקונג**!...

לאָמיר נאָך צוגעבן אַז דאָס איז געווען אין פֿרילינג 1953, שוין נאָך סטאַלינס טויט, אין אָנהייב פֿון דער אַזוי־גערופֿענער תּקופֿה פֿון „אויפֿטײַונג״. מײַן באַזוך בײַ זיי איז געווען עטלעכע וואָכן נאָך דער טראַגישער געשעעניש, ווי זייער אומעט און פֿאַרצווייפֿלונג איז דערגאַנגען צום העכסטן שטאַפּל. איך האָב זיך נאָך געמוזט אַרײַנמישן אין דעם וויכּוח וואָס איז דעמלט צווישן זיי אָנגעגאַנגען: צי האָט נאָך אַ צוועק צו שרײַבן וועלכע ס׳איז ביטעס און זאַיאַוולעניעס צו די סאָוויעטישע מאַכט־אינסטאַנצן, נאָך דעם לעצטנס־געשעענעם, צי ניין?

העניעק, אַ זאַכלעך באַדענקטער מענטש, איז געווען אין גאַנצן אַ רעזיגנירטער. ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז צוועקלאָז. ערשט מײַן איבעררעשנדיקער בליץ־באַזוך האָט פֿונדאָסנײַ געעפֿנט דעם ווייטיקלעכן ווונד און ערגעץ־ווּו האָט זיך געמוזט אַדורכרײַסן אַ קליינע שײַן פֿון האָפֿענונג: אפֿשר, אפֿשר...

וואָס עס איז אויסגערעדט און אויסדערציילט געוואָרן דורך

די דרײַ טעג און דרײַ נעכט איז נישט מעגלעך, דוכט זיך, צו דערציילן. איינס איז קלאָר: אַז סײַ דער גאַסט, און נאָך מער די גאַסטגעבער האָבן געפילט אַז די ערד טרײַסלט זיך אונטער אונדז. און נאָכן באַקומען פון זיי פאַרשידענע אָנווײַזונגען לגבי זייערע משפחות, בעת איך בין אין יענער צײַט געווען דער איינציקער פאַרבינדלער, האָבן מיר, מיט אַ פיל שווערערן געמיט ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט — זיך געזעגנט, איבערלאָזנדיק ערגעץ־ווו אַ קליין שפּעלטעלע פון האָפענונג און גלייבן אַז דאָס איז אפשר דאָך נישט אונדזער לעצטע באַגעגעניש.

ווען איך האָב זיך געפונען אין צוג אויפן וועג צוריק, האָב איך נישט נאָר פרײַער אָפּגעעטעמט, נאָר נאָך אַ מאָל איבערגעטראַכט מײַן באַזוך: קודם־כּל וועגן מײַנע חברים וואָס האָבן לעבנס־לענגלעכע פאַרשיקונג — און דאָס האָב איך זיך דאָך ערשט איצט דערוווּסט אויפן אָרט — און צווייטנס: אַז מײַן רײַזע האָט פאַרמאָגט אַזויפיל ריזיקאַלישקייט וואָס גרענעצט זיך שווער נישט מיט אַוואַנטוריזם. און דאָך, דער גרענעצלאָזער ווילן זיי צו זען, האָט מיך נישט געקאָנט פון דעם אָפּהאַלטן.

איצט האָט מײַן וועג געפירט קיין ריגע. ווען דער צוג איז אַריבערגעפאָרן דעם טײַך דווינאַ און זיך דערנענטערט צום ריגער באַן־וואָקזאַל, בין איך אַרומגענומען געוואָרן פון אַ געוואַלדיקער נאָסטאַלגישער בענקשאַפט צו וואַרשע. אַלץ איז געווען אַזוי ענלעך, אַלץ האָט אַזוי דערמאָנט וואַרשע — די דווינאַ האָט דערמאָנט די ווײַסל, די בריק איבער דער ווײַסל, און אַפילו דער באַלקאָן, וואָס שאַפט דעם דורכגאַנג איבער די באַן־ליניעס — אַלץ, אַלץ אַזוי ענלעך צום דאַנציגער וואָקזאַל אין וואַרשע, מיט וועלכן איך בין געווען אַזוי היימיש אין מײַנע יוגנט־יאָרן.

ווען איך בין אַרויס אויף די גאַסן פון ריגע, איז מײַן בענקשאַפט און ליבע נאָך שטאַרקער געוואָרן. צום ערשטן מאָל נאָך אַזויפיל יאָרן — אַ שטאָט מיט ברייטע גאַסן, מיט אַ סך גייענדיקע און לויפנדיקע צו וועלכע דאָס אויג איז אַזוי נישט געוווינט... נישט מער, וואָס דו זוכסט און די נישטערסט צו געפינען באַקאַנטע, און טראַכסט: ווי איז דאָס מעגלעך אַז אַ שטאָט וואָס איז אַזוי

ענלעך צו וואַרשע און איך זאָל דאָ קיינעם נישט קענען און קיינער מיך נישט ?... דאָך האָב איך זיך געפילט ווי אַ פאַרבענקטער, נאָך די אַלע יאָרן פון פּײַן און עלנט און געזאָגט צו זיך: אויב שוין נישט וואַרשע, זאָל כאָטש זײַן ריגע...

אָנגעקומען פּינקטלעך דעם 2טן אָקטאָבער אינעם אָפּרו־הויז בײַם ברעג פון באַלטישן ים, אַן אַרומגערינגלטס מיט אַ לאַנג זיך־ציִענדיקן פּראַכטיקן סאָסנע־וואַלד, — וואָס אויך דער וואַלד האָט זיך איבערגערופן מיט דער וואַרשעווער ליניע פאַלעניץ — אָטוואָצק — מיט דעם אונטערשיד וואָס דאָ איז אי ים אי וואַלד.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזער אָפּרו־הויז אין בולדאַרי געהערט צו די גאָר מיוחסדיקע, עס געהערט צום מיליטערישן לופט־פלאָט און נאָר די חשיבות פון „דאַל־סטראָי" האָט געקאָנט העלפן אַזעלכע צוויי געקומענע פון קאָלימאַ אָנצוקומען אָדער אַריינצוקומען דאָ אַהער.

וואַלאַדיע, ווען כ'האָב שוין דאָרט געטראָפן, האָט זיך דערפרייט מיט מיר. ער האָט געהאַט אין מיר אַ גוטן אָנשפּאַר צו אַלץ און צו אַלעם. איבעריק צו זאָגן אַז פאַר מיר איז דאָס געווען צום ערשטן מאָל נאָך די פאַרגאַנגענע שווידערלעכע פערצן יאָר, אַ מין פיזישע פאַרלײַכטערונג און גייסטיקער אָפּרו, הגם נאָר אויף געציילטע טעג.

בײַ די געגעבענע באַדינגונגען איז אונדז דאָרט זייער גוט געווען. נישט וויכטיק מיט וואָס מ'האָט אונדז דערנערט, עס פאַרשטייט זיך דאָך, אַז נישט לויט אונדזערע הײַנטצײַטיקע השגות, — דער עיקר, אָבער אַלץ גרייט און זאָרגלאָז. אַוודאי האָב איך זיך באַזונדערס געקוויקט מיט דער נאַטור־לאַנדשאַפט פון אַרום. צו דעם האָט טאַקע געדאַרפט זײַן אַ געטלעכער כּוח כּדי צו שאַפן אַזעלכע קעגנזעצלעכע נאַטור־לאַנדשאַפטן — קאָלימאַ און דער ריגער ים־ברעג.

אָבער לאַנג האָט אונדזער פריידיקע זאָרגלאָזיקייט נישט אָנגעהאַלטן. ווי נאָר ס'איז אַריבער די ערשטע העלפט פון אונדזער זײַן דאָרט האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס ווײַטער? אין געדאַנק איז געקומען אַז די יום־טובדיקע טעג גייען שוין אַוועק,

מיר האָבן באַשלאָסן די פּאַרבליבענע טעג, אין די נאָכמיטאָג־שעהען, ווידמען פאַר „תּכלית”.

אין די נאָך־מיטאָגן פלעגן מיר זיך אַרײַנכאַפּן אין שטאָט, געזוכט, געפרעגט אויף אַרבעט. אַרבעט קאָן מען טאַקע באַקומען — אָבער ווי צו זײַן, ווי דעם קאָפּ אָוועקצולייגן — דאָס איז שוין נישט אַזוי לײַכט. זענען מיר אַרומגעקראָכן אַ סך אַזעלכע נאָך־מיטאָגן, ביז מיר זענען אַרײַן אין אַ מעבל־פּאַבריק וואָס טראָגט דעם נאָמען פון פּושקינען און געפינט זיך טאַקע אויף דער פּושקין־גאַס, האַרט בײַם טײַך דווינאַ. דאָ האָבן מיר זיך ווי פאַרטשעפּעט — נישט אָפּצורײַסן זיך. געוווירקט דערצו האָט דער נאַטשאַלניק פון צעך וואָס האָט אונדז אויסגעהערט, אַז מיר זענען מעבל־סטאָליאַרעס און מיר זוכן אַרבעט. ער האָט זיך מיט אונדז דער־פרייט: פּאַזשאַלויסטע, מיר זוכן און דאַרפן מעבל־סטאָליאַרעס. פּאַראַן בײַ אונדז אַן „אָבשטשע זשיטיע” ווי איר וועט קאָנען דערוואַל ווינען... ווען ער האָט זיך נאָך דערוווּסט, אַז איך שטאַם פון וואַרשע איז עס פאַר אים געווען אַ גרויסער יחוס. ער איז אַוועק צום פאַבריק־דירעקטאָר און צוריקגעקומען מיט דער ידיעה אַ צופרידענער, אַז דער דירעקטאָר הייסט אַלץ טאָן פאַר אונדז און אונדז אײַנאָרדענען אויף דער אַרבעט. פירנדיק אונדז איבערן צעך און פאַרשטעלנדיק אונדז פאַר די אַרבעטער, האָט ער בײַ מיר שטילערהייט אַ פרעג געטאָן: טי יעווריי? יאַ טאָזשע! * — האָט ער מיט אַן אינערלעכער צופרידנקייט געזאָגט.

הגם אַליין אַ „דזשינדזשי”, מיט גאַנץ ווייניק אויסערלעכע יידישע סימנים, אָבער וואָס מער מיר האָבן גערעדט, אַלץ מער האָט ער זיך צו אונדז דערנענטערט, ווי מיט אַ קענטשאַפט שוין פון יאָרן, און כּסדר איבערגעחזרט: איר מוזט דאָ בלײַבן אַרבעטן!...

דער ערשטער וויזיט אין פאַבריק האָט זיך פאַרענדיקט דער־מוטיקנדיק. מיר דאַרפן קומען צומאָרגנס און אָנשרײַבן „זאַיאַוולע־ניעס” (ביטעס) און דאָס איבעריקע וועט ער שוין דערליידיקן. מיר האָבן זיך דאָס מאָל אומגעקערט מיט גוטע האָפענונגען אין

---

* אין רוסיש: דו ביסט אַ ייִד איך אויך...

אונדזער אָפּרו־הויז. נאָך דעם האָבן מיר אַלע אונדזערע ווײַטערדיקע טעג פאַרווענדט אויפֿן פּאַרן — ווי דאָס הייסט אין רוסישן לעקסיקאָן — „אַפּאַרמיען זיך" אויף דער אַרבעט.

דאָ האָט זיך פּאַר אונדזערע אויגן אַנגעהויבן אַנטוויקלען אַ במעט האַפּנונגסלאָזע דראַמע, איך שרײַב אַלץ בלשון „מיר", הגם וואָלאָדיע איז נאָר געווען אַ פּאַסיווער מיטגייער. אונדזער ביטע האָט פריִער פּאַר אַלץ געמוזט באַשטעטיקט ווערן דורכן הויפּט־אינזשיניער פון דער פאַבריק. און איך, פונקט ווי וואָלאָדיע, האָב אין דער „זאַיאַוולעניע" געמוזט אָנשרײַבן ווער מיר זענען און פון וואַנען מיר קומען. איך האָב געמוזט אַרײַנשרײַבן מײַן גאַנצן „יחוס" מיט די פּאַראַגראַפן, און דער עיקר — דורך וועמען געמשפּט. דאָס איז געווען געגנוג אַז דער הויפּט־אינזשיניער זאָל נישט באַשטעטיקן און טאַקע אָפּוואַרפן אונדזערע ביטע אויף אָנגענומען צו ווערן צו דער אַרבעט. בפרט נאָך ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן געבן אונדז אַן אָרט אין באַראַק פון פאַבריק. עס האָט נישט געהאָלפן די אינטערווענץ — דאָס אײַנלייגן וועלטן ממש, סײַ פון פאַבריקס־דירעקטאָר און סײַ פון דעם צו מיר אַזוי שטאַרק צוגעבונדענעם נײַעם פרײַנד, דעם נאַטשאַלניק פון צעך, וואָס מיר האָבן זיך שוין גערופן לויט די נעמען: דאַניעל מיכאַילאָוויטש יאַקובאָוויטש (הגם דער נאָמען איז אַ ייִדיש־אייראָפּעיִשער, האָט ער גאָר געשטאַמט פון קאַווקאַז). דער עיקר, די טעג זענען געגאַנגען צווישן יאָ און ניין. דערווײַל איז געוואָרן דער 26טער אָקטאָבער — אין דעם טאָג שליסט זיך דער סעזאָן אין אָפּרו־הויז און אין דעם טאָג דאַרפן מיר דאָס הויז פאַרלאָזן.

דורך די אַלע טעג וואָס מיר זענען געקומען אין שטאָט אַרײַן זיך צו דערוויסן אפשר דאָך? זענען די באַציִונגען געוואָרן היימישער, נאָענטער. ס'האָט שוין אויפגעהערט צו האָבן דעם געוויינלעכן כאַראַקטער פון אָנקומען אין אַן אַרבעט־פּלאַץ. פאַר דער צײַט האָט זיך יאַקובאָוויטש דערוווּסט אַ ביסל וועגן מײַן נישט־ווײַטער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט אין מיר אויך געזען אַ מענטש וואָס ער וואָלט שטאַרק וועלן האָבן בײַ זיך בײַ דער אַרבעט. ער האָט געזוכט אַלע מעגלעכקייטן — ער איז גרייט

געווען אַלץ צו טאָן, אָבער די ברוטאַלע מאַכט פון געזעץ און רעזשים איז ער נישט בכּוח געווען איינצוברעכן.

עס איז שוין דער 26טער אָקטאָבער. פּאַקטיש האָבן מיר שוין פאַרלאָזט דאָס אָפּרו־הויז, געלאָזן אונדזערע פּאָר „וויעשטשעס" (זאַכן) אויפן באַן־וואָקזאַל, און ווידער אַרײַן אין פאַבריק. יאַקובאָוויטש באַגעגנט אונדז מיט דער האָפענונג אַז מאָרגן דאַרף זײַן אַן ענטפער, און אַז ער האָט אַלע צוזאָגן אַז דער ענטפער וועט זײַן אַ פּאָזיטיווער. ער פרעגט נאָר: צי האָבן מיר ערגעץ־ווו איבערצונעכטיקן די נאַכט? הגם מיר האָבן נישט געהאַט, האָב איך אים נישט געוואָלט ווייטאָן און נישט שטעלן אים אין אַ פאַרלעגנהייט, האָב איך אים געענטפערט, אַז מיר וועלן זיך אַן עצה געבן. איז ער געווען צופרידן מאָרגן אונדז צו זען, ווײַל ער האָט שוין אויך געוווּסט וועגן אונדזערע פּלענער צו פאַרלאָזן ריגע און צוריקפאָרן קיין לעמבערג. מיר געזעגענען זיך מיט אים האַרציק ביז דער מאָרגנדיקער אַנטשיידונג און פאַרלאָזן דעם פאַבריקס־בנין.

מיר שפּאַצירן אויף די ריגער גאַסן. ס'איז אַן אָנהייב־האַרבסט־אָוונט. וווּהין גייט מען אַזוי שפּעט בײַנאַכט? — ווי מאַנגער זינגט — ווען אַפילו נישט „איינינקער אַליין"? פאַלט מיר אײַן דער אַדרעס פון אַ פאָטער פון איינעם אַ יידישן רויט־אַרמייער, וואָס האָט זיך געפונען צווישן דער גרופּע אין קאַלימאַ און איז פריִער באַפרײַט געוואָרן. — מיר וועלן אָפּזוכן דעם אַדרעס זײַנעם און אויב מיר וועלן אים, — לעווין איז געווען זײַן נאָמען, — געפינען, וועט ער אונדז זיכער געבן אַן אָרט אויף דער איינער נאַכט.

קוים־קוים אָפּגעפונען דאָס אָרט, וואָס איז באַשטאַנען פון איין קליינער צימער־וווינונג. געטראָפן בלויז דעם פאָטער זײַנעם. ער האָט אונדז אויפגענומען, געזעסן מיט אונדז און געשמועסט. די שעהען גייען, ער אַליין פרעגט אונדז צי מיר האָבן ווו צו נעכטיקן? און ער ווײַזט אונדז, אַז ער וואָלט גערן געוואָלט, אָבער נישטאָ ווו... ווידער זאָגן מיר אַז מיר וועלן זיך אַן עצה געבן, און פאַרלאָזן דאָס הויז, מיט „אַ גוטע נאַכט"... נאָר ווו וועט זײַן אונדזער נאַכט ווייסן מיר נאָך נישט

ווידער אויפן גאַס. דאָס מאָל טאַקע שפּעט בײַנאַכט. וואָלאָדיאַ פרעגט: „קודאַ אידיאָם״ (וווּהין גייען מיר)? איך ענטפער: צום באַן־וואָקזאַל. איינס אַזייגער גייט אָפּ דער לעצטער צוג קיין בולדאָרי, פון וואַנען מיר זענען אין דער פרי אַרויס אויף נישט מער צוריקצוקומען. אַלץ איז שוין דאָרט געענדיקט. האָב איך פאַרטראַכט אַזאַ פּלאַן: מיר וועלן עפענען אַ פענצטער און אַרײַן, איבערליגן דאָרט די עטלעכע שעה. וואָלאָדיאַ הערט זיך צו צום פּלאַן און רעאַגירט נישט — אַ ברירה האָט ער?... האַלב צוויי אין מיטן נאַכט איז אונדזער פּלאַן פּינקטלעך אויסגעפירט געוואָרן. קיין געפאַרן האָבן דאָ, חלילה, נישט געדראָאַט. זעקס פאַרטאָג האָבן מיר פאַרלאָזט אונדזער „אכסניה״ און ווידער אין ריגע. מיר שפּאַצירן אויף די גאַסן. מיר וואַרטן נאָר אָפּ די שעה מיר זאָלן ווידער קאָנען אַרײַנגיין אין פאַבריק. אָבער, נאָך אַזאַ נאַכט באַשליסן מיר הײַנט זיך צו געזעגענען מיט אונדזער נײַעם, איבערגעגעבענעם פרײַנד, און אין אָוונט פאַרלאָזן ריגע, אין וועלכער איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט פאַרבלײַבן.

ווען מיר זענען אַרײַן אין פאַבריק האָט יאַקובאָוויטש אונדז דערקלערט, אַז ס'איז נאָך הײַנט נישט דערליידיקט געוואָרן און אַז מיר דאַרפן נאָך אָפּוואַרטן ביז מאָרגן... אמת, ער איז פאַרזאָרגט און אומצופרידן פון דעם, וואָס עס איז נישט דערליידיקט געוואָרן, אָבער דאָך שלאָגט ער אונדז פאָר נאָך אַ מאָל צו וואַרטן ביז מאָרגן. מיר האָבן אים דערקלערט אַז מיר פאַרלאָזן **הײַנט** ריגע און אַז אייגנטלעך זענען מיר געקומען זיך געזעגענען מיט אים. כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט אויף צו געזעגענען זיך און ער, אַ שטאַרק איבערגענומענער, האָט נישט אָנגענומען מײַן האַנט און געבעטן אונדז נאָך אַ ביסל צוּוואַרטן. ער איז אַוועק אין צעך צווישן די אַרבעטער פרעגן, אָדער בעטן, אפשר וועט צווישן די אַרבעטער זיך געפינען אַ נאַכטלעגער פאַר אונדז. אויך דאָס האָט זיך אים נישט אײַנגעגעבן. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן זייער האַרציק צו געזעגענען — ווי יאָרן־לאַנגע גוטע פרײַנד. זאָגט ער צו מיר: פּישי... שרײַב צו מיר. איך וויל אַלץ וויסן פון דיר, איך וויל וויסן דײַן ווײַטערדיקן גורל...

און אַזוי גערזעגענענדיק זיך מיט מיר, מאַכט ער אַ ווײַליקן איבעררײַס און ווענדט זיך צו מיר: זנאַיעש שטאָ, ווייסט וואָס — און ער רופט מיך אָפּ אין אַ זײַט און דערציילט מיר: ער וווינט צוזאַמען מיט זײַן פרוי. ער איז בײַ איר דער צווייטער מאַן, אויך זי בײַ אים איז די צווייטע פרוי. אַן אינטעליגענטע, שטילע פרוי. זיי וווינען צוויי משפחות אין איין דירה, יעדע צו צוויי צימערן. קומט צו אונדז איבערשלאָפן אַ נאַכט, ווי עס זאָל נישט זײַן, וועט איר בײַ אונדז איבערשלאָפן די נאַכט און מאָרגן, שטאָ באָג דאַסט (וואָס גאָט וועט געבן)...

וואָס אַן אמת בין איך שוין געווען אײַנגעשטעלט אַוועקצופאָרן. אָבער ער האָט זײַן פאָרשלאָג געמאַכט מיט אַזויפיל האַרציקייט, מיט אַזויפיל גוט־מענטשלעכער פרײַנדשאַפט, אַז עס וואָלט געווען נישט־מענטשלעך דאָס אָפּצוּוואַרפן. האָבן מיר די אײַנלאַדונג אָנגענומען.

ווי עס פירט זיך אין אַזאַ פאַל, האָבן מיר אויפן וועג אײַנגעקויפט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, דער עיקר וואָדקע, און מיר זענען אַוועקגעפאָרן אויף מאָסקאָווסקאַיאַ 22. אַ שיינע, שטילע גאַס. די וווינונג איז מסתּמא פון אַן אַמאָל גוט־רײַכן מענטש. פאַר אונדז היימלאָזע — אַ גן־עדן־פּאַלאַץ .מיר זענען זייער פרײַנטלעך אויפגענומען געוואָרן דורך זײַן פרוי, מאַריאַ קאָנסטאַנ־טינאָוונאַ, מיט וועמען מיר האָבן זיך שנעל און גוט באַפרײַנדט. אַזוי אַרום, אַז די „נאַכט" האָט זיך פאַרלענגערט און ס'איז פון איר געוואָרן פאַר מיר אַ דרײַ־יאָריקע היים אין ריגע, און פון אָט דער שטוב בין איך מיט אַ דרײַ יאָר שפּעטער באַגלייט געוואָרן אויף מײַן ווײַטערדיקן וועג קיין ישראל. די בלית־ברירהדיקע אײַנלאַדונג פון דאַניעל מיכאַילאָוויטשן איבערצונעכטיקן בײַ אים די נאַכט, האָט אין אַ געוויסער מאָס געביטן אונדזער האָפענונגס־לאָזיקייט וועגן פאַרבלײַבן אין ריגע. אויך מאַריאַ קאָנסטאַנ־טינאָוונאַ האָט, באַדויערנדיק אונדז — אָפּנים איר מאַן האָט שוין באַוויזן זי אַרײַנצופירן אין אונדזערע פאַרהעלטעניש — אויף צומאָרגנס אונדז געזאָגט: וואָס וועט איר פאָרן קיין לעמבערג? ווער וואַרט אויף אײַך דאָרט? אויך דאָרט וועט זיך איבערחזרן

דאָס זעלבע... און זי איז אַבסאָלוט גערעכט געווען. איר זײַט דאָ, פֿאַרבלײַבט דאָ. מיר זענען אײַך גרייט דערווײַל צו העלפֿן מיט דעם וואָס איר זעט דאָ בײַ אונדז, מער ווי איין נאַכט, ביז איר וועט באַקומען עפּעס בעסערס...

פֿאַרשטייט זיך אַז ס'איז נישט שווער געווען אונדז צו איבערצײַגן מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון פֿאָרן קיין לעמבערג און בלײַבן אין ריגע. די שאַנסן אָנצוקומען אין פֿאַבריק אַרבעטן האָבן זיך פֿאַרבעסערט, ווײַל מיר האָבן זיך מער נישט גענייטיקט אין זייער „אָבשטשע־זשיטיע". מען האָט אויך געקאָנט אויסמײַדן דעם הויפּט־אינזשיניער, בפֿרט ווען דער נאַטשאַלניק פֿון צעך, יאַקובאָוויטש, און דער פֿאַבריקס־דירעקטאָר האָבן אונדז אַזוי שטאַרק געוואָלט.

זענען מיר טאַקע אין עטלעכע טעג אַרום אַרײַן אַרבעטן. און ווי מען זאָגט — מיטן רעכטן פֿוס. וואָלאָדיאַ, הגם אַ יינגערער פֿון מיר, אָבער אַ פֿעיִקער סטאָליאַר, איז צוזאַמען מיט מיר באַלד אין אָנהייב געפֿעלן געוואָרן און מען האָט אונדז גוט געזען ווי פֿאַבלײַט מיט סטאַזש וואָס די פֿאַבריק האָט נישט געהאַט צו פֿיל. וויפֿל דאָס זאָל נישט האָבן געווען פֿאַר אונדז אַ דערגרייכונג, דאָס אָנהייבן אַרבעטן און דאָס האָבן דערווײַל ווי דעם קאָפּ אָוועקצולייגן, איז אָבער דער גרעסטער זיגער אַרויס דאַניעל מיכאַילאָוויטש. ער איז ממש גליקלעך געווען, וואָס עס איז אים דאָך געלונגען אונדז אײַנצוהאַלטן אין זײַן צעך. דערווײַל אָבער זענען מיר נאָך אַלץ אויפֿן האַלבן וועג, אויב נישט נאָך ווייניקער. ווײַל דער סיסטעם דער סאָוויעטישער איז אַזאַ: אַז דו קומסט בעטן אַרבעט און דו ביסט נישט קיין אָרטיקער אײַנוווינער זאָגט מען דיר, אַז אויב דו וועסט געפֿינען ווו צו וווינען, קום, וועלן מיר דיר געבן אַרבעט... גייסטו זוכן ווו צו וווינען זאָגט מען דיר: ברענג אַ באַשטעטיקונג אַז דו ביסט באַשעפֿטיקט אויף אַרבעט דאָ־און־דאָ... אָבער מיט דעם ענדיקט זיך נאָך נישט דער פֿײַנלעכער פֿאַרכישופֿטער קרײַז פֿון דער סאָוויעטישער אַדמיניסטראַטיווער ביוראָקראַטיע. אַז דו האָסט שוין ביידע, — ווי אין אונדזער פֿאַל איצט, — אַרבעט און ווו צו וווינען, זאָגט מען דיר: גיי אין דער

מיליץ און בעט מ'זאָל דיך „צושרייבן" ד.ה. זאָלסט באַקומען רעכט צו וווינען אין אונדזער שטאָט. דערצו איז ריגע — ווי שוין דערמאָנט — לויטן סאָוויעטישן סיסטעם, אַ רעפּובליקאַנישע הויפּט־שטאָט, און לויט מײַן פּאַס מיטן פּאַראַגראַף 39, בין איך דאָך אַ „סאָציאַל־געפערלעכער עלעמענט", וואָס מעג זיך נאָר געפינען 101 ק"מ פון אַ רעפּובליק אָדער קרײַז־שטאָט. נו גיי, טו עפּעס...

און הגם די באַלעבאַטים האָבן אונדז גאָרנישט געזאָגט די ערשטע טעג, און אַפילו וואָכן, וועגן דעם, איז דאָס נישט אַראָפּ פון מײַן געמיט און געדאַנק. כ'האָב געוווּסט, אַז דאָס קאָן שאַפן אומאָנגענעמלעכקייטן נישט נאָר פאַר מיר, נאָר אויך פאַר זיי. זענען מיר אַ פּאָר מאָל אַוועק אין דער שטאָטישער מיליץ. לאַנגע, ריזיקע רייען צו דעם און יענעם. דערליידיקן קאָן נאָר דער שטאָט־קאָמענדאַנט פון דער מיליץ אין ריגע. איין קלייניקייט! אָבער דאָס איז נישט צו פאַרמײַדן. האָבן מיר זיך אין איין טאָג אָנגענומען מוט און אַוועק צום שטאָטישן קאָמענדאַנט פון דער מיליץ אין ריגע, פאַרשטייט זיך, נישט מיט אַ לײַכט געמיט. אָבער, אָנגענומען מוט און דרייסטקייט, געמאַכט זיך אַפילו קוראַזש, געלאָזט וואָלאָדיען אין דרויסן, גענומען זײַן פּאַס, וואָס איז געווען אַ „ריינער", אַרויפגעלייגט אים פון אויבן און מיינעם פון אונטן, און אַרײַן מיט אַ פרײַער־צוגעטראַכטן נוסח: טאָוואַרישטש קאָמענדאַנט, מיר ביידע זענען גוט קוואַליפיצירטע מעבל־סטאָליאַרס; די מעבל־פאַבריק א.נ. פון פּושקין האָט אונדז צוגענומען צו דער אַרבעט ווי גוטע ספּעציאַליסטן אין וועלכע זיי נייטיקן זיך. און אויך ווו צו וווינען האָבן מיר; בעטן מיר דיך, חבר קאָמענדאַנט, גיב אונדז וווין־רעכט אין שטאָט...

דער קאָמענדאַנט, אַ זייער „פּרעדסטאַוויטעלנער", אַפילו מיט אַ גוטמוטיק פּנים, האָט געפּרוּווט מיר דערווידערן: דו ווייסט נישט אַז ריגע איז אַ רעפּובליקאַנישע שטאָט? מיר קאָנען נישט אַלע אויפנעמען... פאַרט אַרבעטן אין אַ דאָרף... און אַ בליק געטאָן אויפן ערשטן בלעטל פון וואָלאָדיעס פּאַס.

אָבער, — ענטפער איך, — טאָוואַרישטש קאָמענדאַנט, מיט אונדזער „ספּעציאַלנאָסט” האָבן מיר אין דאָרף נישט וואָס צו טאָן. און דאָ, אין פאַבריק, נייטיקט מען זיך אין אונדז.

וואַרפט ער אַ בליק אויף מיר און זאָגט: איך זע אַז דו ביסט אַ גוטער יונג, גיי אַרבעטן... און הייבט אויף איינעם פון זײַנע צוויי סטעמפּלען, וואָס איינער איז אויף צייטווייליקע רעכט צו וווינען און דער צווייטער אויף „שטענדיקער”, און מיטן צווייטן קלאַפּט ער אָפּ ביידע אונדזערע פּעסער. ערשט ווען איך בין אַרויס האָב איך דערזען „פּאָסטאָיאַננאָיע פּראָוואָזשיטיעלסטוואָ וו־גאָראָדיע ריגיע” (שטענדיקע וווינרעכט אין דער שטאָט ריגע).

אויב דאָס גרויסע געווינס איז אַ סך, איז דאָס געווען אַ סך אַ סך מער. איך בין אַ לעגאַלער בירגער מיט וווינרעכט אין ריגע, אָבער — ווײַט נישט לעגאַל מיט מײַן פּאַספּאָרט. ווײַזט אויס, אַז אויך דאָס טרעפט.

ס׳איז מיר איצט שווער צו דערשאַצן דאָס גרויסע גליק פון דער געשעעניש. אַ קלייניקייט! איך ווער צוריק אַ מענטש, שױער נישט מיט מענטשן גלײַך, כ׳האָב רעכט צו וווינען אין ריגע! אַרבעט האָב איך, און אַפילו ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן! באַקומען נײַע און גוטע פרײַנד, ממש איבערגעגעבענע, כ׳מײַן אונדזערע באַלעבאַטים. ער, דאַניעל מיכאַילאָוויטש און זי מאַריאַ קאָנסטאַנ־טינאָוונאַ זײַן פרוי, מיט אויסערגעוויינלעכער לעבנס־פּאַראינטערעסי־רונג וועגן גורל פון מײַנע ערגעץ־ווו זיך געפינענדיקע פּאַריתומטע קינדער. איך האָב טאַקע נישט פאַרלוירן קיין צײַט און אָנגעהויבן אַלע מעגלעכע שריפטלעכע פאַרבינדונגען און קאָנטאַקטן אויף זיך צו דערוויסן עפּעס וועגן די קינדער, וואָס איך האָב נישט געוווּסט די גאַנצע פיר יאָר פון מײַן זײַן אין קאָלימאַ.

אָבער צו דער צײַט וועגן וועלכער איך רעד דאָ איצט זענען שוין די קינדער געווען איבער צוויי יאָר אין ישראל. נאָך אין אָנהייב פון יאָר 1950 זענען די קינדער, ווי מינדעריעריקע, פּאַטראָנירט די גאַנצע צײַט דורך דער פרוי סעגאַל, אַרויסגעפאָרן קיין ישראל. ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווּסט — נאָך אַ לאַנגן, ביטערן, דראַמאַטישן קאַמף פון דער פרוי סעגאַל, בײַ וועמען די

פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געוואָלט צונעמען די קינדער און איר אַליין דערלויבן אַרויס צו פֿאָרן. דאָס איז באמת געווען אַ שווערער, פּייַנלעכער, פּיזישער גראַנגל פֿון דער פֿרוי סעגאַל, וואָס האָט דאָן אין די אַמטן געדראָט מיט זעלבסטמאָרד אויב די מאַכט־אָרגאַנען וועלן פּרווון בייַ איר צונעמען די קינדער. די דאָזיקע דראַמע איז דעמלט באַקאַנט געווען צווישן די נאָענט־שטייענדיקע געזעלשאַפֿטלעכע קרייַזן אין לאָדזש, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיטן גורל פֿון מייַנע קינדער. אָבער וועגן דעם — אַ ביסעלע שפּעטער.

ווי איך האָב געזאָגט האָט ריגע טיילווייַז געשטילט מייַן ווילן און באַגער אָפּצוגעפֿינען ערגעץ־ווו אויף גאָטס וועלט אַ ווינקעלע פֿאַר מייַן אייגענעם געביין. אָבער נאָר טיילווייַז. ווייַל מייַן לעבנס־ציל איז געווען אָפּצוזוכן און אויסצוגעפֿינען מייַנע קינדער און זיי דערגרייכן. אַט דעם ציל האָב איך געווידמעט אַלע מייַנע דרייַ יאָר לעבן אין ריגע, ביז איך האָב דערגרייכט דעם טאָג פֿון פֿאַרלאָזן די אַ שטאָט אויפֿן וועג צו מייַן אויסגעטרוימטן ציל. אָבער אויך די דרייַ יאָר האָבן געהאָט אַזויפֿיל פֿאַרשידנאַרטיקסטע איבערלעבונגען פֿון האָפֿענונג ביז פֿאַרצווייפֿלונג, פֿון אויפֿשטייג און ביז אַראָפּנידערונג — טייל מאָל פֿון איראַציאָנעלע געשעענישן וואָס עס איז צומאָל שווער אין זיי צו גלייבן. אָבער זיי האָבן דאָך געהאָט אַן אָרט אין מייַנע ריגער טעג. און זיי מוזן דערציילט ווערן.

הגם איך האָב געוווּסט און פֿאַרשטאַנען אַז אויך ריגע פֿאַלט אַרונטער דעם אַלגעמיינעם סאָוויעטישן רעזשים, און דאָס מיינט: אַלע מעגלעכע געפֿאַרן בייַם קאָנטאַקטירן מיט מענטשן און משפּחה אין אויסלאַנד — האָט דאָס מיך נישט אָפּגעהאַלטן. כ'האָב געפּרוּווט באַנייַען מייַנע שריפֿטלעכע קאָנטאַקטן מיט מייַנע נאָענטסטע, נאָך דעם יאָרנדיקן איבעררייַס אין קאָלימאַ. מייַן אַדרעס פֿאַר אָנקומענדיקע בריוו האָב איך אָנגעגעבן „פּאָסט־רעסטאַנט", אויפֿן צענטראַלן פּאָסט־אַמט אין ריגע, מיט דער אָפֿענער כּוונה נישט אַרייַנצומישן מייַנע באַלעבאַטים אין אַ וועלכן ס'איז אומאָנגענעמען סורפּריז. כּדי צו פֿאַרקלענערן מייַן געשפּאַנטקייט אינעם דערוואַרטן בריוו, האָב איך צום ערשטן מאָל פֿאַר אַלע מלחמה־יאָרן, זיך

באַנוצט אין ריגע מיט טעלעפאָנישע געשפּרעכן צו וועלכע איך בין אַרויסגערופן געוואָרן פון וואַרשע, דורך אונדזער געטרײַער, איבערגעגעבענער דאַנקע, וועלכע איז אייגנטלעך געווען די פאַר־בינדלערן צווישן מזרח און מערב, — צווישן מיר און מײַנע קינדער. פון איר האָב איך זיך דערוווּסט ווי און וואָס עס קומט פאָר בײַ דער פרוי סעגאַל מיט די קינדער.

די איבערלעבונגען אויפן ריגער פּאָסט־אַמט בײַם דערוואַרטן אַ טעלעפאָנישן געשפּרעך פון וואַרשע, פון דאַנקען, איז אַ דערציילונג פאַר זיך, — איך שטעל מיר פאָר אַז אויך פאַר דאַנקען איז דאָס געווען אַ דרײַסטע געוואָגטקייט אין יענע טעג אין פּוילן, צו פירן טעלעפאָן־געשפּרעכן מיט מיר אין ריגע, פּונקט ווי פאַר מיר, פון דער צווייטער זײַט טעלעפאָן, אין ריגע, איז דאָס געווען אַ געשפּאַנטע גרייטקייט צו מעגלעכע סורפּריזן. מיט געריינצלטער הויט און ציטערניש בײַם אויסרופן מיין נאָמען צום טעלעפאָן, האָט זיך מיר אַלע מאָל געדאַכט אַז עס קומט ווער מיך פון דאַנען אַוועקנעמען...

איך האָב שוין אַלזאָ געוווּסט אַז מײַנע קינדער, צוזאַמען מיט פרוי סעגאַל, געפינען זיך אין ישראל, אָבער איך בין ווײַטער געבליבן בײַ דער איינציקער מיינונג וואָס האָט זיך מיר צו יענער צײַט אויסגעוויזן פאַר ריכטיק און מעגלעך — אַז אַלע מײַנע וועגן פירן דורך פּוילן. דאָס הייסט, אַז קודם־כּל דאַרף איך זיך דערשלאָגן קיין פּוילן און פון דאָרט ערשט ווײַטער... אָבער צו דעם זענען נייטיק ערשטנס, אַז די סאָוויעטישע מאַכט זאָל מיך אַרויסלאָזן און צווייטנס, אַז די פּוילישע מאַכט זאָל מיך אַרײַנלאָזן. גיי איך טאַקע אַרום פון איין אַמט צום אַנדערן און שרײַ: „אני שלמה!״, אַז איך בין אַ פּוילישער בירגער בעת אין מײַן שטיקל פּאַס מיט וועלכן איך טראָג זיך אַרום אין קעשענע און דאַרף זיך אומעטום מיט אים באַווײַזן, איז גאָרנישט געזאָגט וועגן מײַן פּוילישער בירגערשאַפט. און דאָס וואָס איז דאָרט יאָ געזאָגט, איז — וועגן מײַנע באַגרענעצטע רעכט ווי אַ געוועזענער „פּאָ־ליטישער פאַרברעכער״. האָט דאָס אַזוי לאַנג געשלאָגן אויף מײַן אייגענער פּסיכיק, אַז איך האָב אַליין אָנגעהויבן גלייבן אין דעם,

СССР
ИСПОЛНИТЕЛЬНЫЙ КОМИТЕТ
СОЮЗА ОБЩЕСТВ КРАСНОГО КРЕСТА И КРАСНОГО ПОЛУМЕСЯЦА
УПРАВЛЕНИЕ ВНЕШНИХ СНОШЕНИЙ

Москва, Неглинная, 25 — Адрес для телеграмм—Москва—ИКРЕСТПОЛ.

№ ОС/569-9 — „18" августа 1953 г.

Гр-ну Бабиц Хаиму Абрамовичу,

Уважаемый гр-н Бабиц!

В ответ на Ваше заявление о розыске детей, сообщаем, что БАБИЦ Иосиф, 1940 года рождения и БАБИЦ Вера, 1941 года рождения, проживают по адресу: - Польша, г. Лодзь, ул.11 Листопада, дом № 77.

НАЧАЛЬНИК ОТДЕЛА СПРАВОК И РОЗЫСКА
УПРАВЛЕНИЯ ВНЕШНИХ СНОШЕНИЙ

/В.СПАСОКУКОЦКИЙ/

AMBASADA
POLSKIEJ RZECZYPOSPOLITEJ LUDOWEJ
W MOSKWIE

Moskwa, dnia 22 czerwca 1955r.

Nr.391/ L350 /B/14/55.

Do
Ob.BABICA CHAIMA

Wydział Konsularny Ambasady PRL w Moskwie komunikuje, iż poszukiwanie dzieci Obywatela na terenie Polski trwa w dalszym ciągu.O rezultatach Ambasada niezwłocznie poinformuje Obywatela.

/ Marek Hellman /
I Sekretarz Ambasady

דערהאַלטענע ענטפערס אויף מיין ביטע אָפּצוגעפינען מיינע קינדער

און דערפאַר — ביי יעדן פענצטערל ווו כ׳פלעג דאַרפן וויַזן מיַין פּאַספּאָרט, פלעגט מיר אַרויספאַלן אַ שטיק האַרץ. אָבער צוריק קיין פּוילן וויל איך און דאַרף, און מוז פאָרן אָבער אָן אַן אַרויספאַדערונג פון פּוילן וויל קיינער מיט מיר נישט רעדן. און קיין שום קרובים זענען מיר נישט פאַרבליבן פון דער גרויסער, פאַרצוויַיגטער פאַרמלחמהדיקער משפּחה. איז מיר געבליבן זיך שלאָגן און דערשלאָגן אַליין.

איך האָב אָנגעהויבן ביי דער פּוילישער און אויך ביי דער סאָוויעטישער מאַכט צו אַליאַרמירן און בעטן מען זאָל מיר אָפּזוכן מיַינע קינדער, וואָס דאַרפן זיך געפינען אין פּוילן ווי מינדעריעריקע, אָן אַן אויפזיכט. כ׳האָב אָנגעגעבן זייערע אַדרעסן אין לאָדזש, וואָס איך האָב פאַרגעדענקט פון די פריערדיקע יאָרן און אויסנוצנדיק דעם אַרגומענט אַז איך האָב מינדעריעריקע קינדער אין פּוילן, פאַרלאַנגט, מען זאָל מיר דערלויבן זיך מיט זיי צו פאַראייניקן. איך האָב געמוזט, לײדער, אָפּטרעטן פונעם אמת, און „זוכן" מיַינע קינדער אין לאָדזש, הגם איך האָב שוין געוווּסט אַז זיי געפינען זיך שוין נישט דאָרט, ווײַל פאַר מיר איז דאָס געווען דער איינציקער תּירוץ אויף צו באַרעכטיקן מיַין פאַרלאַנג אויף פּוילישע בירגערשאַפט און אויף אַריַינפאַר־רעכט קיין פּוילן.

אין משך פון חדשים און אַפילו יאָרן האָב איך באַקומען ענטפערס סיי פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען און סיי פון די סאָוויעטישע, אַז מיַינע קינדער זענען אָפּגעפונען געוואָרן און וווינען אין לאָדזש אויף פּיעטריקאָווער גאַס 77. אַז איך קוק היַינט אויף די דערהאַלטענע אָפיציעלע ענטפערס, מיט זייערע דאַטעס און די נעמען פון די וואָס האָבן זיי אונטערגעשריבן, גלייבט זיך מיר קוים אַז ס׳איז מעגלעך אַזעלכע פאַרפירערישע אומפּינקטלעכקייטן, וואָס זענען געווען פאַרשפּעטיקט מיט אַ סך יאָרן. אָבער מיר איז עס גאָר געווען אויף דער האַנט.

דער וואָס לייענט דאָס געדענקט אַוודאי, אַז אַ ביסל פריער האָב איך דערציילט וועגן מיַין דראַמאַטישן באַזוך אין דעם פאַרשיקונגס־שטעטל אַראַלסקאַיע מאָריע ביי די דריי חברים מיַינע, וואָס זייער סטאַטוס דאָרט איז געווען אייביקע פאַרשיקונג. ווען

מיר האָבן שטילשווײַגנדיק זיך געזעגנט, מיט טיף־שניידנדיקע־שטיקנדיקע טרערן, זענען מיר אַלע געווען דורכגענומען מיט איין און דעם זעלבן פּײַנפולן גדאַנק, אַז דאָס איז וואַרשיינלעך אונדזער לעצטע זעונג, דערווײַל איז אָבער דאָס לעבן געפלאָסן מיט די טעגלעכע האָפענונגסלאָזע אומעטיקייטן אין אַראַלסקאָיע מאָריע, און זייערע פרויען אין פוילן האָבן אײַנגעלייגט וועלטן, באַזונדערס נאָך דער ידיעה, וואָס איך האָב זיי איבערגעגעבן פון ריגע וועגן זייער אייביקער פאַרשיקונג. און לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון פוילישן נײַעם רעזשים, און עס זענען נאָך געווען מעגלעכקייטן צוצוקומען צו די רעגירונגס־מענטשן און אַנשטאַלטן, און אפשר אויך מעגלעכקייטן צו ווירקן. דערצו נאָך איז דער אַקט פון אייביקער פאַרשיקונג פון זייערע מענער געווען אַזוי הימלשרײַענדיק, וואָס האָט אַלעמען מיטגעריסן.

איז געקומען דער טאָג ווען די וואַנט פון דער אַזוי ברוטאַלער אומגערעכטיקייט איז אײַנגעבראָכן געוואָרן. דאָס לעבן איז זיי צוריק אומגעקערט געוואָרן. נישט נאָר וואָס מען האָט זיי אַראָפּ־גענומען די אייביקע פאַרשיקונג, נאָר מ'האָט זיי אויך דערלויבט אַ שנעלן אַרויספאָר צו זייערע משפחות קיין פוילן.

באַקומענדיק פון זיי די אומגלייבלעכע ידיעה אין ריגע, האָבן מיר, נישט לאַנג וואַרטנדיק און טראַכטנדיק, זיך שנעל צונויפגערעדט אַז זייער וועג קיין פוילן פירט דורך ריגע. ווײַל אפשר דאַרף דאָס גאָר זײַן די לעצטע טרעפונג צווישן אונדז.

מײַנע ריגער באַלעבאַטים האָבן אַזוי מיטגעלעבט און געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין אַלע מײַנע איבערלעבונגען און פּראָבלעמען, אַז זיי האָבן גלײַך מיט פרייד אויסגעדריקט זייער גרייטקייט אויפצונעמען בײַ זיך אין הויז די דורכפאָרנדיקע חברים מײַנע. זייער ערשטע צוזאַמענגס־קראָפט איז געווען: באַפרײַטע פון אייביקער פאַרשיקונג! דער טיף־מענטשלעכער מיטגעפיל צו די לײַדנדיקע האָט געטראָפן צו די הומאַנישסטע געפילן פון מאַריאַ קאָנסטאַנ־טינאָוונאַ, וואָס איז געווען שטאַרק עמפינדלעך און אַנגעווייטיקט, ווײַל זי אַליין האָט פאַרלוירן איר גאַנצע פאַמיליע אין דער צווייטער

וועלט־מלחמה, ביי דער לענינגראַדער בלאָקאַדע. דערפאַר האָט זי אַלעמאָל מיטגעפילט און מיטגעלעבט מיט ליַידנדיקע מענטשן. שוין אָפּגערעדט דערפון אַז איך האָב געהאַט מיט וועמען זיך פאַרצושטעלן „בײַם טיש", ווי מען זאָגט... מאַטעק, שוין דאָן אַ מענטש קרוב צו די זיבעציקער; אַ הויך געוויקסיקער, טאַקע אַן אויסגעמאָגערטער און אויסגעצערטער פון אַלץ וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, אָבער עלעגאַנט אין זײַן האַלטונג, מיט אַ גוט געשולטער רוסישער שפּראַך; זײַן קורץ־געשוירן בערדל גיט אים צו אַ סך חשיבות, ווײַל עס דערציילט וועגן אַ וועלטלעכן גוטן ייִד און מענטש, מיט די בעסטע טראַדיציעס פון דעם נײַ־אַנטשטאַנענעם טיפּ ייִד אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. העניעק, ווידער, וועמענס אויסערלעכער אויסזען דערציילט וועגן זײַן לעבנס־גאַנג, אָבער ער לעבט אינערלעך אַלץ מער איבער, מיט פיל מער דראַמאַטישקייט ווי יעדער איינער, — איז דערפאַר אַ רוי̇קער און צוריקגעהאַלטענער. אָבער ווען ער פילט אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן, זאָגט ער עס מיט וואָג און טאַקט און ציט צו צו זיך די אויפמערקזאַמקייט.

העניעק האָט פאַרמאָגט — ווען דאָס איז אים נייטיק געווען — אַ שאַרף גאַליקן הומאָר און סאַרקאַזם אויף זיינע פּײַניקער, מיט וואָס ער האָט זיך אַרויסגעהאָלפן דאָרט, ווו דאָס איז נאָר מעגלעך געווען. אים, דעם גרויסן הומאַניסט, איז בכלל שווער געווען צו באַנעמען פאַר וואָס די וועלט פאַרמאָגט אַזויפיל שלעכטס און אַזויפיל אכזריות.

אין דעם הויז אויף מאָסקאָווסקאַיאַ 22 אין ריגע, ווו מ'האָט זיי אַזוי פרײַנטלעך אויפגענומען, איז געמאַכט געוואָרן געשיכטע. ווײַל דער אָפּלויף פון בערך אַנדערטהאַלבן יאָר זינט אונדזער דראַמאַטישער און אפשר טראַגישער געזעגענונג אין אָראַלסקאַיע מאָריע, האָט ראַדיקאַל געענדערט אונדזער זײַן און אויסבליק פון דער סיטואַציע. און דאָס אַלץ האָט געהאַט אַן אָרט בײַ אונדזער „קיילעכיקן טיש", בײַ וועלכן מיר האָבן דעמלט פאַרבראַכט זאַלבע־פינף איבער צוויי מעת־לעת.

די ערשטע טייל איז געווען די פרייד. אַ קליינינקייט! אַ טרעפונג

צו מאַטעקס און העניעקס באַפרײַונג, אויפֿן וועג צו זייער אַהיימפֿאָרן. דער צווייטער טייל איז שוין געווען אַ תּכליתדיקער. דער עיקר ווידער וועגן מיר און מײַנע קאָנטאַקטן מיט מײַנע קינדער. איך בין נאָך אַלץ געווען ווײַט פֿון וועלכע ס'איז קאָנקרעטע דערגרייכונגען אין אַלע מײַנע באַמיִונגען אויף דעם וועג צו דעם וואָס מיר רופֿן „אַ היים".

עס איז מיר אוממעגלעך איבערצוגעבן די צעשטראַלטע פֿרייד און האָפֿענונג מיט וועלכע ס'האָבן מיטגעלעבט אונדזערע באַלע־באַטים בײַ דעם מעגלעכן צו יענער צײַט געדעקטן טיש, צו וועלכן זיי האָבן קוים געקאָנט עפּעס צוטראָגן, צוליב זייער גאָר שווערער מאַטעריעלער לאַגע אין וועלכער זיי האָבן זיך געפֿונען. הגם צוויי אַרבעטנדיקע, אָן קינדער, און דאָך איז די לאַגע געווען אַזאַ... דאָס האָט זיי געמאַכט פֿילבאַר און אַלעמאָל דערנענטערט און פֿאַראינטערעסירט צו די לײַדן דורך אומגערעכטיקייט.

דער „טיש" איז אומפֿאַרגעסלעך אין זײַן אינטימער אָפֿנ־האַרציקייט פֿון זײַנע אָנטיילנעמער. נאָר, עס איז ווידער געקומען די שעה פֿון צעשיידונג און גезעגענונג. דאָס מאָל אויפֿן ריגער באַן־וואָקזאַל, וואָס אַ שילדל אויף אַ וואַגאָן האָט ווידער מיר דערמאָנט דאָס מאַגישע וואָרט וואַרשע. און ווידער צווייִקער געפֿיל: פֿרייד פֿון זייער אַהיימפֿאָרן און באַדויער פֿאַר וואָס איך בלײַב. און ווי איז דעם באַקאַנטן לידל „יאַשקע פֿאָרט אַוועק / נאָך אַ קוש און נאָך אַ גלעט / און דער פּאַיעזד גייט אַוועק"...

דעם וועג אַהיים פֿון דעם ריגער באַן־וואָקזאַל בין איך געפֿירט געוואָרן דורך דאַניעל מיכאַילאָוויטשן און מאַריאַ קאָנסטאַנ־טינאָוונאַ, וואָס האָבן גוט פֿאַרשטאַנען מײַנע איבערלעבונגען. און איך אַליין, אַ פֿאַרטראַכטער אין מײַן אייגענעם חשבון הנפֿש, בין געווען אין אַ לאַגע פֿון גאַנץ קליינע אויסזיכטן צו דערגרייכן מײַן פֿריִער דערמאָנטן לעבנס־ציל.

*

עס צווינגט מיך די פּען מײַנע איבערצורײַסן דעם ווײַטערדיקן פֿאַרלויף פֿון די געשעענישן אין ריגע, צו וועלכע איך וועל זיך נאָך אומקערן, און דאָ דערציילן וועגן אַ זייער דראַמאַטישן

פאַרלויף פון אַ געשעעניש וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ווײַט פון מיר, אָבער — וועגן מיר און אַרום מיר.

איך בין נישט געווען בײַ דער באַגעגעניש פון מײַנע חברים מיט זייערע משפּחות און פרײַנד, און נישט געזען וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, איך ווייס אָבער יאָ וועגן דער איבערגעגעבענער באַמיִונג פון זייערע פרויען, באַלד אין די ערשטע טעג פון זייער קומען, צו העלפן פאַרבעסערן זייער געזונט און שטימונג. אַ דאַנק די דאָזיקע באַמיִונגען, דער עיקר פון דאַנקען, וואָס איז געווען טעטיק אין די ייִדישע הילפס-אינסטיטוציעס, זענען מאַטעק און העניעק באַלד נאָך זייער אָנקומען קיין וואַרשע געשיקט געוואָרן אויף אָפּרו און געזונטהייטס-פאַרבעסערונג אין דער סאַנאַטאָריע אין שרודבאָרוו, וואָס איז נישט נאָר געווען אַ סאַנאַטאָריע, נאָר אויך אַ גײַסטיקער און היימישער ייִדישער קולטור-צענטער. און דאָרט, אין איינעם פון די פאַרנאַכטן, זענען מאַטעק מיט העניעקן אַרויס אויף זייערס אַ געוויינלעכן שפּאַציר, צו וועלכן עס האָט זיך פאַראייניקט אַן אומבאַקאַנטער מיטשפּאַצירער, ווי דאָס געשעט געוויינלעך אין אַזעלכע ערטער. אין יענע נאָך-מלחמה-יאָרן, בפרט אין אַזעלכע ערטער, הייבט זיך, נאַטירלעך, אָן דאָס געשפּרעך: פון וואַנען זענט איר? מאַטעק ענטפערט: פון בענדין, העניעק ענטפערט: פון וואַרשע, און דער דריטער, דער אומבאַקאַנטער, איז איינער אַ פּיִווויש וואָס ענטפערט, אַז ער איז פון נאָווידוואָר, אַ שטעטל נישט ווײַט פון וואַרשע, אָבער מיט „אַ גלאָררײַכער פאַרגאַנגענהייט" — גרייסט זיך דער פּיִווויש.

— פון נאָווידוואָר? — פרעגן ביידע מיט פאַרוווּנדערונג.

— פאַר וואָס בײַ אײַך אַזאַ פאַרוווּנדערונג? — פרעגט פּיִווויש. איר האָט דאָרט געהאַט משפּחה, באַקאַנטע?...

— אַ! — ענטפערן זיי, מיט דער נאָך לאַסטנדיקער סאָוויעטישער געוויינהייט נישט אַרײַנצוציִען נאָך אַ מענטש אין זייערע ענינים. זייער ענטפער איז מיט צוריקגעהאַלטנקייט און מיט אַ טיפּיש ייִדישן קרעכץ: אה!...

פּיִווויש שטייט אָבער נישט אָפּ און פרעגט ווײַטער: כ'מיין ערנסט, וואָס בינדט אײַך מיט נאָווידוואָר?...

געפינענדיק זיך אין אַ פאַרלעגנהייט פון נישט קאָנען זיך צוריקצוהאַלטן, זאָגן זיי אים בקיצור, אַז זיי האָבן אַ חבר, אַ נאָ־ווידוואָרער...

זאָגט ווײַטער פּײַוויש: כ׳קען גוט אַלע נאָווידוואָרער; ווייסט איר אפשר זײַן נאָמען?

— יאָ! — זאָגן זיי מיט אַ מין צוריקגעהאַלטנקייט, — חיים באַביץ.

— אָ! — זאָגט ער מיט איבערראַשונג און פאַרלוירנקייט. — מײַן בעסטער יוגנט־חבר! — און צעלאָזט זיך אין לויב, וואָס עס איז פאַר אים אַלץ געווען דער חיים באַביץ. — אָבער, — זאָגט ער מיט ביטערן צער און ווייטיק, — חיים באַביץ לעבט שוין פון לאַנג נישט... אומגעקומען אין אַ סאָוויעטישן לאַגער. געווען פאַרמשפּט פאַר קאָנטר־רעוואָלוציע, אַלס בונדיסט, אויף אַ סך יאָרן לאַגער. נישט אויסגעהאַלטן און אומגעקומען. געלאָזט צוויי פאַריתומטע קינדער וועלכע איך קען גוט... און ער דערציילט זיי אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן חיים באַביץ און זײַן אַמאָליקער פאַרגאַנגענהייט...

מײַנע חברים, וואָס האָבן מיך נאָר־וואָס געהאַט איבערגעלאָזט אַ לעבעדיקן אין ריגע זענען אַרײַן אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט. וואָס טוט מען און וואָס זאָגט מען דעם גוטן יוגנט־חבר פון באַביצן, וואָס טרויערט שוין נאָך אים זינט יאָרן. איז דען מעגלעך נישט אַרויסצוזאָגן אים פון זײַן טראַגישן טעות? אַוודאי דאַרף מען זײַן פאָרזיכטיק און נישט אײַנשטעלן באַביצס פרײַהייט אין ריגע. דאָך האָבן זיי פאַרגעסן אין די מעגלעכע קאָנסעקווענצן, זיי האָבן מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן זעענדיק פּײַווישעס אויפ־ריכטיקן צער און טרויער און זײַן זיכערקייט אַז באַביץ איז פון לאַנג שוין טויט. זיי האָבן אים געזאָגט: ניין, באַביץ לעבט!...

— ער!... האָט ער עקשנותדיק דערווידערט, און נאָך אַ מאָל אַרויס מיט דעם ווי נאָענט ער איז געווען צו באַביצן, און אַז דער ענין איז אים אַזוי גוט באַקאַנט און זיכער און דאָ קומען צוויי צופעליקע, אומבאַקאַנטע מענטשן, מיט וועמען ער האָט זיך נאָר־וואָס באַגעגנט און ברענגען אים צוריק זײַן גוטן יוגנט־חבר

חיים באַביץ אַ לעבעדיקן! ער ווערט זיך נאָך אַלץ און וויל הערן און וויסן וואָס מער, כּדי צו זײַן זיכער אַז עס איז נישט קיין טעות. האָבנדיק פֿאַר זיך דאָס טראַגישע בילד און די כּמעט אומגלייבלעכע דראַמע וואָס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר זייערע אויגן האָבן זיי געעפֿנט פֿאַר אים דאָס גאַנצע פֿאַרבאָרגענע און סודותדיקע וואָס זיי בינדט מיט באַביצן און זײַן משפּחה פֿאַר די לעצטע 14—15 יאָר. און כּדי אים גענצלעך איבערצײַגן אין זייער אמת, האָבן זיי זיך פֿאַררופֿן אויף זייער באַזוך בײַ מיר אין ריגע, און אונדזער געזעגענונג, ווײַזנדיק אים מײַן אַדרעס פֿון ריגע, וואָס איז בײַ זיי פֿאַרשריבן אין אַ טאַשן־קאַלענדאַר.

פֿײַוויש האָט זיך אײַנגעבראָכן, געפֿאַלן אין אוממאַכט מיט אַ ספּאַזמאַטישן געוויין. צוריקקומענדיק צום באַוווּסטזיין האָט ער, אַ שטאַרק איבערגענומענער, זיך געוואָנדן צו זיי: זאָגט מיר, מיט וואָס קאָן איך אים העלפֿן? איך וועל אַזוי לאַנג נישט רוען, ביז ער וועט נישט דאָ זײַן מיט אונדז!

און כּך הווה! אין גאָר ווײַניק צײַט אַרום האָב איך דערהאַלטן פֿון אים דעם ערשטן בריוו, וואָס איז געווען אויסגעווייקט אין טרערן פֿון ווייַ און פֿרייד, פֿון צוריק אָפּגעפֿינען זײַן תּחית־המתימדיקן חבֿר. און פֿאַרענדיקט דעם בריוו מיט די ווערטער: זאָג, מיט וואָס קאָן איך דיר העלפֿן? נישטאָ אַזאַ זאַך וואָס איך וואָלט נישט געטאָן פֿאַר דיר... איך וועל נישט רוען אַזוי לאַנג, ביז איך וועל דיך נישט האָבן בײַ זיך!

איך האָב אים, פֿאַרשטייט זיך, געענטפֿערט מיט פֿיל איבער־גענומענקייט און דאַנק, און אין די ראַמען פֿון די מעגלעכקייטן אויסגעגאָסן מײַן אומצופֿרידנקייט מיט מײַן שטאַטלאָזן מצבֿ, וואָס דערמעגלעכט מיר נישט דעם אַרײַנפֿאָר קיין פּוילן. העלפֿן קאָנסטו מיר נאָר — האָב איך געשריבן, — מיט אַ לעגאַלע אַרויספֿאָדערונג קיין פּוילן, ווײַל איך באַזיץ נישט קיין שום סימן פֿון עפּעס אַ דאָקומענט פֿון מײַן אַמאָליקער פּוילישער בירגערשאַפֿט אָדער אָנגעהעריקייט, זיי זענען בײַ מיר צוגענומען געוואָרן בײַ מײַן לעצטן אַרעסט.

ס'איז אַריבער אַ גאַנץ קורצע צײַט און איך האָב באַקומען



דעם מחברס קינדער מיט פרוי סעגאַל, ביי זייער אָנקומען קיין פוילן אין 1946

פון פּײַווישן אַ רעקאָמענדירטן בריוו, ווּו, צו מײַן פרייד און פאַרוווּנדערונג, ס׳איז בײַגעלייגט זײַנס אַן אַרויספאָדערונג פאַר מיר קיין פוילן, מיט אַלע נייטיקע פאָרמאַליטעטן פון רעכט און געזעץ. אַ זאַך וואָס האָט מיך ממש געראַטעוועט פון הילפלאָזיקייט מיט וועלכער איך האָב זיך יאָרן־לאַנג געראַנגלט. און הגם איך האָב נישט אויסגענוצט פּײַווישעס אַרויספאָדערונג, צוליב אַ קלײנער פאַרשפּעטיקונג אין צײַט וואָס האָט אין צווישן געשאַפן אַ גאַנץ אַנדערע אַנטוויקלונג בײַ מיר, לויב איך איצט און דאַנק מיט ליבשאַפט און אָנערקענונג מײַן יוגנט־חבר פּײַווישן, וואָס געפינט זיך נאָך איצט, אַזוי האָף איך, אין איינער פון די פוילישע שטעט אין נידער־שלעזיע.

לויטן קאַלענדאַר האַלטן מיר שוין בײַ האַרבסט 1955. איך

באַקום דערמוטיקנדיקע בריוו פון מײַנע חברים פון פוילן, אַז מען רעדט דאָרט וועגן אַ נײַער רעפּאַטריִאַציע פון סאָוויעט־רוסלאַנד, פאַר די נאָך פאַרבליבענע געוועזענע פּוילישע בירגער. ווו־ניט־ווו אויך עפּעס אַ ידיעה, אָדער אַ רמז, וועגן די קינדער, און אַז אַלע באַמיִען זיך און ווילן מיר העלפן. אָבער דאָס אַלץ האָט מיך נישט באַרויִקט, פאַרקערט, איך בין געוואָרן אומגעדולדיק אין מײַנע צווײַפלהאַפטיקע דערוואַרטונגען און האָב באַשלאָסן צו גיין צום „קאָפּ", — צו דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע.

מײַן נאָמען און פּאָזיציע בײַ דער אַרבעט אין פאַבריק איז געווען אַ גוטע; איך האָב געבעטן און באַקומען עטלעכע טעג אורלויב, זיך באַזאָרגט פון דער היים מיט אַ שטיקל נאַכטלעגער ערגעץ־ווו בײַ אַ „באַבושקע" אין אַ בוידעם־שטיבל אין מאָסקווע, בײַ אַ ווײַטער קרובה פון אונדזערע מיטוווינער אין דער דירה. באַוואָפנט מיט זייער רעקאָמענדאַציע צו איר, האָב איך זיך געלאָזט קיין מאָסקווע זוכן יושר.

פאַרשטייט זיך אַז וועגן ציל פון מײַן רייזע האָט קיינער נישט געטאָרט וויסן. איך בין אָנגעקומען אין דער פּוילישער אַמבאַסאַדע מיט מײַן שוין־גוט־אײַנגעחזרטער טענה, אַז איך, אַ געבוירענער אין וואַרשע, געלעבט אין איר די ערשטע 31 יאָר פון מײַן לעבן, פאַרלאַנג פון אײַך איר זאָלט מיך צוריקלאָזן אַהין... איך האָב דאָרט מײַנע צוויי מינדעריעריקע פאַריתומטע קינדער. דערבײַ האָב איך זיך באַנוצט מיט די ענטפערס וואָס איך האָב באַקומען פון זיי אַליין, פון דער אַמבאַסאַדע, אַז מײַנע קינדער געפינען זיך אין לאָדזש אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס — און דאָס האָט זיי ממש געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט.

לסוף האָט מיך דער באַאַמטער געפרעגט צי איך האָב ווו צו שלאָפן און מיך געהייסן קומען מאָרגן. דער צווייטער טאָג האָט זיך ווידער פאַרענדיקט מיטן אַרומגיין פון איין באַאַמטן צום צווייטן, און מיטן „קומען מאָרגן"...

אויפן דריטן טאָג האָב איך באַקומען אַ דאָקומענט אַז די פּוילישע אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע באַשטעטיקט מײַן פּוילישע

בירגערשאַפט און גיט מיר אַרײַנפאַר־רעכט קיין פוילן דאָרט צו וווינען.

אַ גליקלעכער און צופרידענער, מיט נײַע האָפענונגען און דערוואַרטונגען, בין איך אַרויס פון דער אַמבאַסאַדע צודריקנדיק צו זיך דעם נײַ־באַקומענעם דאָקומענט, ווי אַן אויפריכטנדיקע הייליקייט. דאָס איז אייגנטלעך געווען די דערגרייכונג פון מײַנע יאָרן־לאַנגע באַמיִונגען, האָפענונגען און טרוימען, דורך וועלכע עס פירט דער וועג צו דערגרייכן מײַן לעבנס־ציל — די קינדער. נאָך אַ מאָל: הגם זיי זענען שוין אין פוילן נישט געווען. איך האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים קיין ריגע אַן „אַנדערער מענטש", ווי מען זאָגט אין אונדזער לשון. איצט איז געקומען די צײַט צו פּרוּוון רעאַליזירן און אויסנוצן דאָס דערגרייכטע אין מאָסקווע. מען דאַרף פאַרזעצן דעם לאַנגן, ווײַטן וועג אַהיים, ריכטיקער, — צו אַ היים.

און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן מײַנע באַמיִונגען צו פאַרלאָזן ריגע. איך זאָג: „פאַרלאָזן ריגע", איך זאָג אָבער נישט וווהין. ווײַל דאָס איז אָפּהענגיק פון די געגעבענע מעגלעכקייטן... אָבער אַז איך האַלט שוין בײַם פאַרלאָזן, קאָן איך נישט און טאָר נישט ניט דערציילן, ווען אַפילו בקיצור, וועגן מײַנע 3 יאָר לעבן אין ריגע, וואָס זענען נישט געווען קיין וואַקום אין מײַן וואָגלונג. דאָס זענען דאָך געווען יאָרן פון אויפשטייג און ירידה, פון געשעענישן און איבערלעבונגען, פון אַרויף און אַראָפּ...

ווי כ'האָב שוין פריִער דערציילט, איז מײַן סימפּאַטיע צו ריגע אויפגעקומען באַלד אין ערשטן טאָג פון מײַן באַטרעטן אָט די שטאָט. און איך האַלט אַז איך האָב אין איר מצליח געווען, אין די ראַמען פון די געגעבענע מעגלעכקייטן און באַדינגונגען. ריגע האָט געלאָקט מיט איר אויסערלעכן אויסזען און צוציִונגס־קראַפט און נישט ווייניקער מיט איר פיל־נאַציִאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון מענטשן און צווישן זיי — דער ייִדישער קיבוץ, וואָס מ'האָט דעמלט געשאַצט אויף 40—45 טויזנט ייִדן. אַ גוט קאָנסאָלידירטער און נאַציִאָנאַל־געשטימטער, מיט נאָך שטאַרקע אײַנפלוסן פאַר ייִדישער שפּראַך און קולטור וואָס איז פאַרבליבן פון דעם גרויסן גײַסטיקן ייִדישן קולטור־צענטער פון ימי דובנאָוו. די סביבה וואָס איך האָב

זיך דערוואָרבן אין ריגע איז געווען, וואָלט איך געזאָגט, אַ פּלוראַלע — אַ ייִדישע און אַ נישט־ייִדישע, אָדער ריכטיקער — אַ רוסישע. די דאָזיקע גרויס־רוסישע משפּחה האָט געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־היעראַרכיע אין לעטלאַנד. אַזוי ווײַט אַז איינע פון זיי, קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ, האָט פאַרנומען דעם אַמט פון דירעקטאָר אין דעם מאַרקס־ענגעלס־לענין־סטאַלין־אינסטיטוט. — אַזוי האָט ער נאָך דעמלט געהייסן אין ריגע.

געקומען צו דער דאָזיקער משפּחה בין איך דורך מײַן אַרבעטס־פּלאַץ, איך האָב זיך דאָרט אויסגעטיילט פון אַנדערע דערמיט, וואָס כ'בין יעדן טאָג געקומען צו דער אַרבעט — אַפילו די ערשטע דרײַ טעג נאָך דער אויסצאָלונג... ווען די פאַבריק פלעגט זײַן כּמעט אויסגעליידיקט, ווײַל אין די דרײַ טעג האָבן די אַרבעטער פאַרשיכּורט דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרדינט דעם פאַרגאַנגענעם חודש. איך בין אויך נישט געבליבן הינטערשטעליק בײַ מײַן אַרבעטס־טיש און אַרויסגעגעבן פּראָדוקציע סײַ קוואַנטיטאַטיוו, סײַ קוואַליטאַטיוו. דערצו האָב איך, ווען דאָס איז געווען נייטיק, געגעבן געוויסע טעכנישע עצות ווי אַזוי מעגלעך צו מאַכן דאָס דערגרייכן און אויספירן די נאָרמעס. אַלץ צוזאַמען האָט מיר געשאַפן דעם נאָמען און די פּאָזיציע בײַ דער אַרבעט. איך בין שפּעטער אַפילו אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַ מעדאַל פון לעטישן מיניסטעריום פאַר לײַכט־אינדוסטריע.

איז איינמאָל דער דירעקטאָר פון אונדזער פאַבריק געבעטן געוואָרן, דורך אַ צווייטן דירעקטאָר פון אַ גרויסער טאַרטאַק־אונטערנעמונג אין ריגע, פון וועלכער מיר זענען געווען אָפּהענגיק בײַם באַקומען געהילץ־מאַטעריאַלן פאַר אונדזער פּראָדוקציע, צו מאַכן אַ געוויסע סטאָלעריי־אַרבעט. אונדזער דירעקטאָר האָט געוואָלט זײַן זיכער אַז די אַרבעט וועט גוט און אָנשטענדיק אויסגעפירט ווערן, איז ער צוגעקומען צו מײַן אַרבעטס־טיש און מיר פאָרגעשלאָגן, און אַפילו געגעבן מיר צו פאַרשטיין אין וואָס עס גייט, — אַז איך זאָל גיין דאָרטן מאַכן די אַרבעט.

איך בין דאָרט אָוועק אין אַ פרימאָרגן, בין אַרײַן אין שטוב ווי אַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער — אָבער באַלד אין ערשטן טאָג,

ווען איך האָב פאַרענדיקט די אַרבעט בין איך אַוועק אַ היימישער, אַ נאָענטער. אין עטלעכע טעג אַרום, ווען כ׳האָב געהאַט פאַרענ־דיקט די אַרבעט און מיט זיי זיך געזעגנט, בין איך שטאַרק געבעטן געוואָרן צו זײַן זייער פרײַנד און אָפטער גאַסט. פאַר מיר איז די דאָזיקע רוסישע משפחה געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט און באַלערנדיק.

זייער הויז איז געשטאַנען אין צענטער פון שטאָט, אויף באַומאַן־גאַס 15. אַ גאָר גרויסע דירה, וועלכע ס׳האָבן בעצם באַוווינט עטלעכע, שוין צעצווײַגטע, אייגענע משפחות, אָפּשטאַמיקע פון טיף סיביר, אַזש פון אָמסק. פאָטער און מוטער שוין אַלטע לײַט. דער פאָטער, אַ געוועזענער פּראָלעטאַריער, מיט אַ פּיל־קינדער־משפחה, וואָס איז זיך ביסלעכווייז צעוואַקסן, זיך געביל־דעט און דערנאָך, ווי פאַרטייער, געשטיגן און אַרויסגעהויבן געוואָרן אין דער היעראַרכיע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; און ווי געטרײַע דער פּאַרטיי און דעם רעזשים, זענען זיי איבער־געזידלט געוואָרן קיין ריגע. אין דער אַ משפחה האָט זיך געפונען דער דירעקטאָר, וועגן וועלכן איך האָב פריִער דערציילט, זײַן פרוי, קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ, דירעקטאָר פון דעם דערמאָנטן לערן־אינסטיטוט; וויערא מיכאַילאָוונאַ, אַ לערערין; אַ ברודער — אין דער הויכער לענינגראַדער פּאַרטיי־שול; נאָך אַ שוועסטער — אַ מעדיצין־דאָקטאָרין און אַפילו אַ ברודער, אַ קרענקלעך, כראָנישער אַלקאָהאָליקער, וואָס איז אָפּט אַרײַן און אַרויס פון שפּיטאָל. אין דער אַ געזעלשאַפט בין איך געבעטן געוואָרן צו זײַן דער גאַסט בײַ אַלע אָפיציעלע יום־טובים וועלכע מ׳פּראַוועט דאָרט. היימישער בין איך געווען מיט די צוויי שוועסטערן פון דער משפחה: די דירעקטאָרין און די לערערין. אמת, זיי האָבן נעבעך נישט געוווּסט מײַן פאַרגאַנגענהייט און הגם איך האָב אויף זיך אָנגעהאָנגען אַ צוריקגעהאַלטנקייט, און אַלעמאָל געדענקט צו שווײַגן, אָבער דאָך דאָס וואָס איך האָב יאָ גערערט איז גענוג געווען פאַר אַן אויסטויש און לײַכטער איבערוווערטלונג. אַוודאי איז קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ געווען אַ זייער רעפּרעזענטאַטיווע פרוי, איך קאָן אָבער נישט זאָגן אַז איר הויכער ראַנג איז געקומען

לויט איר סכום וויסן און וויסנשאַפטלעכע קוואַליפיקאַציעס. אויב איך דערמאָן וועגן מײַן באַקאַנטשאַפט מיט דער פאַמיליע איז דאָס צוליב אַ זייער כאַראַקטעריסטישן ווערטער־דועט צווישן מיר און קלאַוודיאַ מיכאַילאָוונאַ, וואָס איך האָב פּינקטלעך געוואָלט פאַר־געדענקען און איך ברענג אים, טאַקע דאָ אַזוי ווי ער איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן: „וואָס קאָן מען טאָן, חיים אַבראַמאָוויטש, אַז דאָס רוסישע פאָלק האָט נישט ליב „וואַשעווואַ בראַטאַ" (אייערע ברידער — ד.ה. ייִדן); ווען „אונדזערע ברידער" (געמיינט די רוסן) האָבן זייער בלוט פאַרגאָסן אויף די פראָנטן, האָבן אײַערע ברידער זיך געוואַרעמט אונטער דער זון אין טאַשקענט...".

בײַ מײַן פולער באַוווסטזיניקער צוריקגעהאַלטנקייט האָב איך דאָס נישט געקאָנט לאָזן אָן אַן ענטפער. איך האָב איר געזאָגט, מער־ווייניקער, וועגן גרויסן אָנטייל פון ייִדן אין דער אַלוועטלעכער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און גאַנץ באַזונדערס אין רוסלאַנד, און אַז אָן ייִדן וואָלט אפשר נישט געקומען צום אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע... און אַז די ערשטע דרײַ וואָס זענען אַרויס פון באַן־וואַגאָן אין בריסק צו די שלום־פאַרהאַנדלונגען זענען געווען ייִדן: טראָצקי, יאָפע און ראַדעק...

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — זי ווייסט אַז מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל זענען געווען ייִדן... און ווען כ'האָב איר געזאָגט, אַז ענגעלס איז נישט געווען קיין ייִד, איז עס פאַר איר געווען אַן אַנטדעקונג, וועלכע זי האָט אין אָנהייב געפּרוּווט דערווידערן, אָבער... אָבער זי איז געבליבן בײַ אירס. אַוודאי איז מיר נישט לײַכט געווען צו פאַרדייען דעם זאָג. איך האָב זיך אַפילו נישט געשטילט מיט דעם ווייניקן, וואָס איך האָב געוואָגט צו ענטפערן; ער, — האָב איך געטראַכט, — ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען איך וואָג צו ענטפערן, צו זאָגן דאָס וואָס איך האָב צו זאָגן קלאַוודיע מיכאַילאָוונאַן.

און דאָר וואָלט געווען אַ טעות דאָס אָנצונעמען ווי אַן אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם. ניין. — אויב איך ברענג עס — איז אויף צו באַווײַזן פון וועמען עס איז באַשטאַנען די קאָמוניסטישע

פאַרטיי־אָנפירונג, וועלכע איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן פון סיביר אין דער לעטישער הויפט־שטאָט, ריגע, וועלכע איז זיכער געשטאַנען אויף אַ העכערן קולטור־ניוואָ ווי די, וואָס זענען געקומען פלעגן דעם נײַעם סאָוויעטישן גײַסט און זײַן קולטור.

פון צײַט־צו־צײַט פלעג איך זײַן אָנוועזנד ווען די לערערין וויערא מיכאַילאָוונאַ פלעגט זיך גרייטן צו אַ מאָרגנדיקער לעקציע אין שול. דער עיקר האָב איך דאָ אין זינען לעקציעס, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט וויכטיקע, פאַרשידענע דאַטעס און געשעענישן, פון די טעמעס, וואָס איך געדענק איז: 18טער מערץ, פאַריזער קאָמונע און דאָס דערשיינען פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", קאַרל מאַרקס א"אַ. עס איז פשוט געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף איר גײַסטיקער אָרעמקייט און איר נישט־צוגעגרייטקייט צו די טעמעס. ווען איך פלעג דאָ און דאָרט אַרויסהעלפן און עפּעס לײַכטער מאַכן, הגם איך האָב געהאַט אין זינען אַז אויך דאָס איז נישט כדאי — דאָס וואָס איך האָב געזאָגט איז געווען לײַכט צו פאַרשטיין, אַ זאַך וואָס האָט נאָך מען פאַרגרעסערט בײַ דער לערערין איר נישט־באַשייד און חשד צו מיר... ווי קומט עס עפּעס וואָס אַ סטאָליער־אַרבעטער וואָס אַרבעט, וואָס אַן אמת, ווי אַן אַרבעטער אין אַ פאַבריק, דערצו נאָך אַ געקומענער פון קאַפּיטאַליסטישן פּוילן, זאָל וויסן פון אַזעלכע זאַכן...

ביז איין מאָל האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און מיך געפרעגט: חיים אַבראַמאָוויטש, פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ? און צוגעגעבן: און דו ווילסט מיר זאָגן אַז דו ביסט אַלע דײַנע יאָרן געווען אַן אַרבעטער?... און ווען עס איז געקומען דער טאָג און איך האָב שוין געהאַט אַלע דאָקומענטן בײַ זיך, האָב איך איר געזאָגט אַז איך פאָר אַוועק צו מײַנע קינדער — דאָס האָט געהייסן אַז איך פאָר קיין פּוילן... בײַם געזעגענען זיך האָט זי ווי מיט פאַרדרוס געזאָגט: אַ סאָוויעטישער מענטש טוט נישט אַזוי! געמיינט האָט זי מײַן פאַרלאָזן דאָס אויסגעחלומטע סאָוויעטישע פאָטערלאַנד. אַזוי ווי איך בין עס קיינמאָל נישט געווען וועט מיר וויערא מיכאַילאָוונאַ מוחל זײַן פאַר איר טעות. פון מײַן

זײַט באַדויער איך נישט די צײַט־פאַרווענדונג און די באַקאַנטשאַפט מיט דער כאַראַקטעריסטישער רוסישער פאַמיליע אין ריגע.

ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט האָב איך אויך געהאַט פרײַנד — ייִדן. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן באַקענען זיך מיט איינעם וואָס זײַן נאָמען אין אומגאַנג איז געווען וואָלאָדיע — אויף ייִדיש מיינט דאָס: וועלוול. אַ געבוירענער און דערצויגענער אין ווילנע, ערשט די נאָך־מלחמה־יאָרן האָבן זיי געברענגט קיין ריגע. ער האָט געאַרבעט אין דעם גרויסן וואַגאָן־זאַוואָד א.נ. פון סטאַלינען אין ריגע, וואָס איז געווען באַרימט מיט זײַן גרויסן פאַרנעם, — ווי אַ בוכהאַלטער. איך געדענק איצט נישט גענוי ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער קאַנטשאַפט און פאַרבינדונג. פאַר יעדן פאַל — דורך מײַן אַרבעט אין פאַבריק. מיר זענען געוואָרן נאָענט, און איך בין געוואָרן אַן אײַנגייער אין זייער הויז אויף לענין־גאַס 64. דאָס הויז האָט מיר אין גאַנג פון מײַנע באַמיִונגען אַרויסצופאָרן, אַ סך געהאָלפן און איך דאַרף זיי דערמאָנען צום גוטן. דער עיקר — זײַן פרוי ראַיאַ. ראַיאַ האָט געשטאַמט פון גראָדנע. אין ריגע האָט זי געאַרבעט ווי אַ קראַנקנשוועסטער אין אַ שפּיטאָל פון מ.וו.ד. אין אָנהייב האָט מיך דער נאָמען געשראָקן, אָבער די קולטורעלע סביבה האָט מיך אײַנגענומען. ראַיאַ האָט געשטאַמט פון אַ קאָמוניסטיש־באַאײַנפלוסטער משפחה אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. איר ברודער איז געווען אַ גרויסע „שישקע", מיט אַ סך סטאַזש פון טורמע פאַר זײַן פאַרטייאישער טעטיקייט אין דער ווײַסרוסישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ער האָט נאָך באַוויזן דעמלט אָנצוהאַלטן אַן אָנגעזעענעם אַמט אין ווילנע און פון דאָרט איז ער מיט זײַן פרוי געקומען צוגאַסט קיין ריגע, צו זײַן שוועסטער ראַיאַ. איך בין נישט געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט, נאָר זיך באַגנוגנט מיט דעם וואָס זײַן שוואָגער, וואָלאָדיע, האָט מיר זייער פאַרזיכטיק און בשתיקה דערציילט וועגן אים. הקיצור, עס האָט זיך געפילט אַז אונדזער גרויסער פאַרטייער און העלד איז אַ ביסל „צו־געברענט" — ווי מען זאָגט בײַ אונדז.

די אַ שטריכן דערמעגלעכן מיר ריכטיק צו פאַרשטיין אירע —

איך מײַן ראַיעס, שפּעטערדיקע אַרויסזאָגונגען, און איר ראַטן מיר ווי אַזוי צו האַנדלען... אין אַט דעם הויז האָבן זיך געזאַמלט און געטראָפן עטלעכע אָנגעזעענע משפּחות אַפילו נאָך פון פאַר־מלחמהדיקן ריגע. אַוודאי האָבן זיך די מענטשן געמוזט איבערשטעלן און אַרײַנפּאַסן זיך אין די נײַע באַדינגונגען. אָבער אויך די **נײַע באַדינגונגען** זענען פאַר זיי אויסגעפאַלן גאָר נישט שלעכט. אַלע זענען זיי געווען באַשעפטיקט אין האַנדלס־וועזן, ווער אויף הויכע אַמטן בײַ פּאַרקויף, בײַ בוכהאַלטעריע א.א.וו. די שטאָט ריגע האָבן זיי געקענט ווי זייערע צען פינגער. דאָס אַלגעמיינע, און באַזונדערס דאָס ייִדישע ריגע. דערצו דאַרף מען צוגעבן אַז דער מלוכהשער האַנדלס־וועזן אין שטאָט איז אין זײַן ווײַט־גרעסטער מערהייט געלעגן אין ייִדישע הענט. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די קאָנטאַקטן — לאָמיר דאָס אָנרופן: די נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. פאַרשטייט זיך, אַז דער לעבנס־ניוואָ פון אַט דער קליינער גרופּע מענטשן איז געווען אַ בעסערער און העכערער ווי פון דעם דורכשניט. אויך זייער קולטור־ניוואָ איז געווען אַ העכערער, טיילווײַז אַפילו מיט ייִדיש־אינטערעס, נאָך וואָס איך האָב באַגערט און געבענקט.

אמת, טיילמאָל האָבן זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן דאָרט האַלב־אַריסטאָקראַטישע מאַניערן אין וועלכע איך האָב זיך נישט געקאָנט אַרײַנפּאַסן און זיי נישט מיטגעמאַכט. אָבער דאָך האָב איך דאָרט געהאַט מײַן באַשיידן אָרט.

צוזאַמען מיט זיי האָב איך געזען און געהערט די ערשטע צוויי ייִדישע קאָנצערטן אין ריגע, נאָך לאַנגע יאָרן פון פולשטענדיקן אָפּגעריסן זײַן דערפון. די קאָנצערטן פון מישאַ אַלעקסאַנדראָוויטש און נחמה ליפשיץ — ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט — און זייער אײַנדרוק און ווירקונג אויף מיר איז געווען אָן לשער, קודם כּל צוליב זייער קינסטלערישער אויספירונג, און צווייטנס — צוליב מײַן לאַנגיאָריקן דורשט נאָך אַ ייִדיש וואָרט און ליד (פון בערך 14—15 יאָר).

ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, איז דער דאָקומענט וואָס איך האָב אַרויסבאַקומען פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין

מאָסקווע געווען פאַר מיר אַן אָנרעגונג צו קאָנקרעטע, פּראַקטישע באַמיִונגען און דאָס וואָרט אויף רוסיש „אָוויר" וואָס מיינט: דער אמת פאַר אויסלענדישע וויזעס, ווו יעדער איינער וואָס וויל אַרויספאָרן מוז אַהין אָנקומען, איז נאָך דעמלט געווען גאָר ווייניק באַקאַנט. די וואָס האָבן יאָ געוווּסט. וועגן דעם, האָבן זיך דאָס פאָרגעשטעלט ווי אַ בראַנד־טויער וועלכן מען מוז אַדורכגיין, אויב מען וויל דערגרייכן די צווייטע זײַט. אָבער די אַלע וואָס האָבן באַדאַרפט אַהין אַרײַנקומען, זענען געווען באַהערשט פון אַן אומבאַקאַנטן פחד און צווייפל. ווען איך האָב שוין געהאַט צונויפגעזאַמלט דאָס ערשטע ביסל אינפאָרמאַציעס און פּאַפּירן, האָט זיך פאַר מיר געעפנט נאָך אַ טויער פון גליק. דאָס איז געווען דער בריוו מיט דער אַרויספאָדערונג קיין פּוילן פון מײַן חבר פּײַוויש, און דער דאָקומענט פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע. אַוודאי האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז דער דאָקומענט וואָס איך האָב באַקומען אין מאָסקווע איז זיכערער און שטאַרקער. און איך האָב שטאַרק באַדויערט וואָס פּײַווישעס אַרויספאָדערונג איז געקומען אַ ביסל שפּעטלער און איך קאָן נישט געניסן פון זײַן גרויסן אויפטו פאַר מיר.

אין חודש נאָוועמבער האָב איך צונויפגעקליבן אַלע נייטיקע פּאַפּירן און פּאַפּירלעך מיט צענדליקער פאָטאָגראַפיעס וואָס מ'האָט געפאָדערט, און אַוועק אין „אָוויר" דאָס אַלץ איבערצוגעבן און וואַרטן אויף מײַן גורל וואָס וועט באַשטימט ווערן אין די אַ אַמטן.

אָבער דאָ איז פאָרגעקומען אַ קוריאָז. אין דעם ים פון סאָוויעטישער ביוראָקראַטיע און פאָרמאַליסטיק, מיט פּאַפּירן און פּאַפּירלעך, מוז אויך זײַן אַ באַשטעטיקטע מאָראַל־צײַגעניש פון דער שטאָט־מיליץ; און כּדי דאָס צו באַקומען מוז איך פריִער באַקומען אַ באַשטעטיקונג פון אַרבעט־פּלאַץ וואָס דאַרף זײַן אונטערגעשריבן פון ראַיאָן־סעקרעטאַר פון פּראָפּסאָיוז, דער פאַראיין־פאַרשטייער האָט מיך, אגב, גוט געקענט, אָבער אַזוי ווי איך האָב געוואָלט אויסמײַדן אַ פּערזענלעכע טרעפונג מיט אים כּדי נישט צו דאַרפן ענטפערן אויף זײַן פראַגע: צו וואָס

דער מחבר
אין ריגע,
אין יאַר 1955

APLIECĪBA Nr. 271

izdota b. Babies

Haimam Abramad.

ka, saskaņā ar Latv. PSR Vietējās un kurināmā rūpniecības Ministra pavēli Nr. 473 no 2 novembra 1955 g. viņš ir apbalvots ar krūšu nozīmi „Latvijas PSR Vietējās un kurināmā rūpniecības Ministrijas Socialistiskās sacensības teicamnieks".

Latv. PSR
Vietējās un kurināmā
rūpniecības ministrs
EZERIŅŠ P. A

2. novembrī, Rīgā

УДОСТОВЕРЕНИЕ

№ 271

выдано т. Бабиц
Хаиму Абрамовичу

в том, что он приказом Министра местной и топливной промышленности Латвийской ССР № 473 от 2 ноября 1955 г. награжден нагрудным значком „Отличник социалистического соревнования Министерства местной и топливной промышленности Латвийской ССР".

Министр местной
и топливной
промышленности
Латвийской ССР
ЭЗЕРИН П. А.

Рига, 2. ноября 195 5 г.

אַרבעט־אויסצייכענונגען אין ריגע

איך דאַרף דאָס... האָב איך דאָס באַזאָרגט דורך אַ פֿרײַנד און געבעטן מיר דאָס צושיקן ווי ווײַט מעגלעך שנעלער. באַלד צו מאָרגנס רופֿט מען מיך אין פֿאַבריק־ביוראָ צום טעלעפֿאָן. עס רעדט צו מיר דער פֿאַראיין־פֿאָרשטייער, מיט גרויס וווּנדער און פֿאַרזאָרגטקייט: וואָס, באַביץ, ביסט אַרײַנגעפֿאַלן?... (שטאַ, באַביץ, פּאָפּאַלסיאַ?) געמיינט האָט עס; זייער אָפֿט זענען אַרבעטער פֿון פֿאַבריק אַרײַנגעפֿאַלן אין דער מיליץ אין צושטאַנד פֿון שיכּרות און סקאַנדאַלן, און כּדי זיי צו באַפֿרײַען האָט די מיליץ געפֿרעגט די מיינונג בײַם פֿאַראיין־פֿאָרשטייער... וווּנדערט ער זיך, ווײַל ער האָט מיך נישט געקענט פֿאַר אַזאַ, די קשיה בײַ אים איז: צו וואָס דאַרף איך אַ מאָראַל־צײַגעניש פֿאַר דער מיליץ? גיי דערציילן אים, אַז מיטן ריינעם אמת איז שווער דורכצוקומען אין יענצײַטיקע באַדינגונגען.

און אַזוי וואַרטנדיק אין פֿולער געשפּאַנטקייט אויף דעם ענטפֿער פֿון „אָוויר“ וועגן מײַן ביטע צו פֿאָרן קיין פּוילן, בין איך אין איינעם אַ טאָג אָוועק אויפֿן צענטראַלן פּאָסט־אַמט זיך דערוויסן, אפֿשר איז פֿאַראַן עפּעס בריוו פֿאַר מיר. גיט מען מיר איבער אַ ספּעציעלע מיטטיילונג, אַז איך דאַרף בײַ אַ צווייט פֿענצטערל פֿאַר ספּעציעל וויכטיקע רעקאָמאַנדירטע בריוו, אָפּנעמען עפּעס, וואָס געהערט מיר.

דעם אמת געזאָגט האָט שוין דער פֿאַקט פֿון גיין צו דעם באַזונדערן פֿענצטערל בײַ מיר נישט אַרויסגערופֿן קיין צופֿרידנקייט. ווער ווייסט וואָס?... אָבער אַז איך האָב נאָך פֿיל מאָל זיך אונטערשרײַבן אָפּגענומען דעם פּאַקעט וואָס איז געווען אַרום און אַרום פֿול באַלייגט מיט רויטע לאַק־סטעמפּלען, האָב איך ממש מורא געהאַט מיט אים זיך צו טראָגן, נישט וויסנדיק וואָס אין אים געפֿינט זיך. אמת, איך האָב נישט געהערט צו די איבערגעשראָקענע, כ'האָב אָבער, אין איצטיקן פֿאַל, נישט געקאָנט באַהערשן מײַן נײַגעריקייט וואָס איז דאָך געווען געמישט מיט פּחד. דער אַרויסשיקער איז געווען דער ערשטער אָפּגעפֿונענער פֿון מײַן משפּחה, אַ קוזין פֿון וואַרשע, וואָס געפֿינט זיך אין תּל־אביב, — און ער, ווי דער אַפּאָטראָפּוס פֿון מײַנע קינדער שיקט

מיר אַ סערטיפיקאַט צו קומען קיין ישראל. און ווי ער שרײַבט אין זײַן קורץ בריוול, בעטן מיך די קינדער איך זאָל צו זיי קומען. דערצו זענען בײַגעלייגט ריזיקע פאָרמולאַרן, אויסגעפילט אין עברית און אין ענגליש, וואָס ביידע האָב איך נישט אַזוי לײַכט פאַרשטאַנען... און ווידער אַמאָל דאָס זעלבע: פון איין זײַט אַן איבערראַשענדיקע פריידּ און גליק, — צום ערשטן מאָל אַן אָפּרוף פון אַ משפּחה־מענטש, וואָס שטייט אין קאָנטאַקט מיט די קינדער, פון דער צווייטער זײַט אַ צעטרײַסלענדיקער פּחד: איך האָב מורא דאָס צו האַלטן אין דער האַנט, צו קוקן אויף דעם. וואָרעם אַזוי גייענדיק אַ פּאַרטראַכטער אויף דער לענין־גאַס איבער דעם אַלעם וואָס געשעט מיט מיר אין די מינוטן, אַרבעט מײַן געדאַנק און באַוויַזט מיר מיט אַן אומצווייפלהאַפטער לאָגיק, אַז דאָס וואָס דו האָסט אָנגעגעבן אַ ביטע אין „אָוויר" צו פאָרן קיין פוילן איז דער נ.ק.וו.ד. זיכער באַקאַנט און אינפאָרמירט. — און דו שרייבסט דאָרט, אַז דײַנע קינדער זענען אין פוילן, און דאָ באַקומסטו גאָר אַ סערטיפיקאַט פון ישראל ווו עס ווערט אָנגעגעבן אַז דײַנע קינדער זענען גאָר דאָרט... און דו ווילסט גאָר פאָרן אַהין... דאָס הייסט, אַז נאָך דעם אַלעם וואָס דו האָסט שוין געזינדיקט פאַרן סאָוויעטישן געזעץ, זעצסטו ווײַטער פאָר אָפּצונאַרן די סאָוויעטישע מאַכט און איר געזעצגעבונג...

מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס געהערט נאָך צו די יאָרן ווען אַ מענטש מיט הענט און פיס, אין מײַן דעמאָלטדיקן עלטער, איז בכלל נישט געקומען אין באַטראַכט צו רעפּלעקטירן אויף אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן.

גיי איך אַזוי ווײַטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט אַ זייער שווער באַלאַסטעט געמיט און פרעג זיך אַליין: וואָס טוט מען? וואָס קאָן און וועט מיט מיר פּאַסירן אין די נאָענסטע שעהען און מינוטן?...

און אַזוי קוקנדיק אויף די רויטע לאַק־שטעמפּלען פונעם פּאַקעט האָב איך צו זיך געזאָגט: דאָס בעסטע וואָלט געווען אָנטרונען צו ווערן פון דעם... אָבער אויך דאָס איז דאָך שוין נישט מעגלעך. ווײַל אויב אויף מײַן אַדרעס איז אָנגעקומען אַזאַ

„געשאַנק״, איז דאָס נישט אָנעם וויסן פון דער מ.וו.ד. איז דאָך נישטאָ קיין מעגלעכקייט פון דעם זיך אויסצובאַהאַלטן. הקיצור, נישט מקנא צו זײַן מיר אין **יענע** מינוטן!...

קריכנדיק מיט קוים־באַוועגלעכע טריט, טרעף איך אָן מײַן פרײַנד וואָלאָדיע מיט זײַן יונג זונדל. — העי! — כאַפּט ער זיך מיט מיר אַרום, — וואָס הערט זיך? און איך ענטפער אים נישט און שווײַג, נישט לויט מײַן געוווינהייט. ער קוקט אויף מיר און זעט מײַן פאַרצערט און באַזאָרגט פּנים. פרעגט ער ווידער: וואָס איז דיר? ביסט קראַנק?... און מיר זעצן פאָר אין דער ריכטונג צו זייער וווינונג.

— ער! לאָז איך אַרויס אַ קרעכץ. — איך וואָלט דיר עפּעס דערציילט, נאָר איך מוז בײַ דיר בעטן אַ הייליק ערן־וואָרט, אַז דו וועסט עס נישט אַרויסברענגען פאַר קיינעם אַפילו נישט פאַר ראַיען (זײַן פרוי). איך דערצייל אים וואָס איך טראָג דאָ מיט זיך. איך אַנטוויקל פאַר אים מײַנע בליץ־געדאַנקען און די מעגלעכע קאָנסעקווענצן.

— באַרויִק זיך — זאָגט ער צו מיר. קום אַרויף אין שטוב איך וויל אויך זען וואָס דאָס איז.

מען דאַרף פאַרשטיין זײַן נײַגעריקייט צו דעם וואָס איז נאָך אין יענער צײַט געווען אַ וווּנדער פון ווונדער־לאַנד. מיר זענען אַרײַן אין שטוב און זיך ביידע אָפּגעשלאָסן אין דער צווייטער זײַט טיר, ערשטנס, אַז אַפילו דער בחור זאָל נישט זען בײַ וואָס מיר פאַרען זיך, און אויך פאַר ראַיען, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען פון איר אַרבעט. פּונקט ווי פאַר מיר, זענען די אַלע בויגנס און פאָרמולאַרן אויך פאַר אים געווען אומפאַרשטענדלעך אין זייער אינהאַלט, אָבער געלאַקט און געשראָקן אויך אים. כּדי נישט צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די שטוב־מענטשן מיט אונדזער געהיימנישפולן אָפּשליסן זיך אין צימער, האָבן מיר ביידע אויס־געטוישט זיך מיט אַ פּאָר ווערטער. וואָלאָדיע האָט מסכּים געווען מיט מיר אַז איך טאָר דאָס נישט נעמען אַהיים מיט זיך אין מײַן שטוב, ווו איך וווין צוליב באַרעכטיקטע סיבות. ער האָט דאָס

געקומען צו זיך און עס אָפּגעשלאָסן אין זײַנס אַ שופלאָד, וווּ קײנער אויסער אים האָט נישט געהאַט צו דעם קיין צוטריט.

ווען מיר זענען אַרויס פון צימער איז שוין ראַיע געווען געקומען פון דער אַרבעט. זי האָט גוטמוטיק מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט; וואָס פאַראַ סודות האָט איר דאָס אַזעלכע פאַר מיר? איך בין אַוועק אַהיים און זיך באַמיט צוריקצושטעלן מײַן גלײַכגעוויכט, פאַר יעדן פאַל — מײַן אויסערלעכן אויסזען, כ'זאָל נישט באַאומרויִקן אַנדערע.

אַז די נאַכט איז אַריבער, און איך בין אַוועק ווי נאָרמאַל אין דער פרי צו דער אַרבעט — און אויך דאָרט איז דער טאָג אַריבער ווי געוויינלעך, — האָב איך געציילט: ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד... און ס'איז געקומען די ערשטע לײַכטע אַנטשפּאַנונג. ווײַל געטרייסט האָב איך דאָס פון מײַן דערפאַרונג מיטן רעזשים, אַז „זיי" האָבן נישט ליב אָפּצולייגן אויף מאָרגן, דאָס וואָס עס דאַרף הײַנט געטאָן ווערן...

צומאָרגנס נאָך דער אַרבעט האָט דער וועג ווידער מיך געפירט צו דער שטוב פון וואָלאָדיען. ווידער האָבן מיר זיך געשושקעט און געסודעט צווישן זיך, געפּשטלט אַהער און אַהין: צי די מ.וו.ד. ווייסט פון מײַן באַקומען דעם סערטיפיקאַט פון ישראל? און וואָס דערוואַרט מיך אין רעזולטאַט פון דעם? און דער עיקר: וואָס דאַרף איך ווײַטער טאָן? צי זאָל איך זיך האַלטן בײַ דער ביטע וואָס איך האָב אַנגעגעבן אין „אָוויר" וועגן פאָרן קיין פּוילן, אָדער איבערלאָזן דאָס אַלץ, מאַכן זיך פאַרגעסן און אָנהייבן פון דאָס נײַ דעם ענין מיט מײַן באַקומענער אויספאָדערונג פון ישראל, ווו עס געפינען זיך איצט די קינדער. אָבער דאָס האָט סײַ פאַר מיר, סײַ פאַר מײַן פרײַנד וואָלאָדיע, אויסגעזען ווי אַ וועג מיט אַ סך געפאַרן. אַזוי זענען פאַרבײַ עטלעכע טעג. איך בין יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט געקומען צו וואָלאָדיען אין הויז — ערשטנס, נאָכפרעגן זיך אויף מײַן אוצר וואָס איז אָפּגעשלאָסן בײַ וואָלאָדיען אין שופלאָד, און צווייטנס, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערטראַכטן דעם ענין.

ביז אין איינעם אַן אָוונט האָט זיך וואָלאָדיע צו מיר געוואָנדן

און געזאָגט: הער זיך איַין מ׳קאָן מער ראַיען נישט האַלטן פון וויַיטנס און זי לאָזן נאָכטראַכטן וועגן עפּעס אַ געהיימעניש. מען דאַרף איר דערציילן אין וואָס עס גייט. מיט דער אַבסאָלוטער זיכערקייט אַז דאָס בלייַבט נאָר ביַי איר — און הערן טאַקע איר מייַנונג.

כ׳האָב גלייַך מסכים געווען, וויַיל איך האָב ראַיען זייער געשעצט מיט איר וויסן און פאַרשטאַנד. מיר האָבן זיך ווידער אָפּגעשלאָסן אין לעצטן צימער, דאָס מאָל זאַלבעדריַי, וויַיל אויך זייער 8יעריק יינגל האָט געקאָנט זיַין אַ שטערונג. מיר האָבן אַרויסגענומען דעם „אוצר״ פון וואָלאַדיעס שופלאָד, און ווידער האָט זיך עס איבערגעחזרט: שימערירנדיקע בלאַנקעטן מיט זייערע אומפאַרשטענדלעכע אותיות און מאַגנעטישער צוציִונגס־קראַפט. געקוקט, איבערגעלייגט יעדעס בלעטל אַהין און אַהער, און נאָך דעם — אַ לאַנגדויערנדיקער שוויַיגנדיקער איבעררייַס. ביז די שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דורך ראַיען. ווענדנדיק זיך צו מיר, ווי נאָך אַן ערנסטן ישוב הדעת און נאָכטראַכטונג, האָט זי געזאָגט:

— און דאָך, חבר באַביץ, בלייַבט איַיך נאָר איין וועג: פאָרן דירעקט און גלייַך צו איַיערע קינדער. נישטאָ אַזאַ כּוח אין דער וועלט וואָס זאָל מעגן און קאָנען איַיך פון דעם אָפּהאַלטן... גלייַך צו די קינדער, און נאָר צו די קינדער. איר דעצידירטער זאָג: „נאָר און גלייַך צו די קינדער״ — איז געווען דיקטירט פון איר ריין מוטערלעכן, הומאַניטאַרן געפיל, — נישט געקוקט אויף איר פּאָליטישער שטעלונג און גלויבן, — דערפאַר וויַיט פון דער ברוטאַלער און רעאַלערווירקלעכקייט. פאַר מיר אָבער איז איר זאָג געווען וויכטיק און איבערציַיגנדיק, ובפרט אין דעם צושטאַנד פון וועגן און מעסטן, אין וועלכן איך האָב זיך דעמלט געפונען. וואָס מער טעג עס זענען אַריבער אַן די קאָנסעקווענצן צו וועלכע איך בין געווען גרייט, אַלץ מער אַנטשפּאַנונג איז געווען ביַי מיר און במילא אויך ביַי מיַינע פריַינד.

דערוויַיל איז אַריַינגעצויגן געוואָרן אין דעם אַ ענין נאָך איינער, זייערס אַן איבערגעגעבענער הויז־פריַינד, וואָס האָט מיך

געקענט און איך האָב אים געקענט פון די טרעפונגען אינעם הויז פון וואָלאָדיע און ראַיען. כ׳געדענק נישט איצט זײַן נאָמען, אָבער ער איז פאַרבליבן אין מײַן זכּרון ווי אַ זייער בכּבֿודיקער און רעפּרעזענטאַטיווער מענטש, אַ רויִקער און באַזאַכטער, אין זײַן באַנעמונג און האַלטונג. ער איז געווען אַ געבוירענער אין ריגע און גאַר גוט געקענט און געוווּסט אַלעמען נאָך פון יענע יאָרן. איך האָב אויך געוווּסט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ געזעלשאַפט־לעכער טוער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ריגע. מײַנע פרײַנד האָבן בײַ מיר געבעטן איך זאָל מסכּים זײַן אים צו ווײַזן די באַקומענע פּאַפּירן פון ישראל. ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די שוין באַקאַנטע סצענע אינעם אָפּגעשלאָסענעם צימער. ער האָט, קענטיק, מער ווי מיר זיך געקענט אויף ענגלישער און העברעיִשער שריפט, און ווען ער האָט עס געלייענט האָבן זיך אים געוויזן טרערן אין די אויגן פון איבערגענומענקייט צו דעם עצם פאַקט וואָס ער זעט דאָ. ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס לייענען איז ער צו צו מיר, מיך אַרומגענומען און מיר פיל מאָל איבער־געחזרט אויף רוסיש: ווי סטשאַסטליווי טשעלאָוויעק — איר זייט אַ גליקלעכער מענטש... פאַרשטייט זיך, אַז אויך ער איז געווען גענייגט צו דער מיינונג אַז איך דאַרף פאַרגעסן און פאַרוואַרפן אַלע פריִערדיקע טועכצן און אָנהייבן פון דאָסנײַ מיט מײַן ישראלדיקער אַרויספאָדערונג.

דער אַ פרײַנד האָט מיך פאַרבונדן מיט זײַנעם אַ נאָענטן מענטשן, וועמען איך ווייס נישט ווי אַזוי צו טיטולירן: יוריסט? אַדוואָקאַט?... וואָס, מ׳שטיינס־געזאָגט, האָט שוין צו טאָן אַן אַדוואָקאַט אינעם סאָוויעטישן געריכטס־וועזן? אין קיין פּראָצעסן איז ער, דאַכט זיך, נישט אַרויסגעטרעטן, ער איז אָבער יאָ געווען אַן אײַנגייער אין „אָוויר”. ער האָט דאָרט אַלעמען געקענט — אויך אים האָבן אַלע דאָרט געקענט, אָבער מיט אַ סך צוריק־געהאַלטנקייט און פאַרזיכטיקייט פון ביידע צדדים.

צו יענער צײַט זענען אין ריגע געווען עטלעכע יִדישע אַלטע לײַט, פרויען און מענער, פיזיש צעבראָכענע, איינזאַמע, צו וועלכע זייערע קרובים — דער עיקר: קינדער אין ישראל, האָבן געשיקט

זייערע אויספּאָדערונגען פון ישראל און די אַלטע לײַט זענען נישט געווען אומשטאַנד אַליין צו קאָנען בײַשטיין אַלע שוועריקייטן בײַם דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן אין „אָוויר“. האָט ער, דער יונגער און פֿעיִקער יוריסט־נישט־יוריסט, זיי אַלע אַרויסגעהאָלפֿן. אין שטאָט איז ער געווען באַקאַנט ווי אַ גרויסער אויפטוער. ווען איך בין דורך מײַן פרײַנד פּאַר אים פאַרגעשטעלט געוואָרן, האָט ער זיך מיט מיר שטאַרק פאַראינטערעסירט. דאָס אַלץ וואָס ער האָט באַוויזן זיך צו דערוויסן וועגן מיר און וועגן מײַן ענין האָט געוועקט זײַן אינטערעס, און אַפילו זײַן פּערזענלעכע דערנענטערונג צו מיר. און, איך מוז דאָס אונטערשטרײַכן, אָן וועלכן ס׳איז מאַטעריעלן געניס, פאַרקערט, מיט פולער איבערגעגעבנקייט און גוטן ווילן מיר צו העלפֿן. דאָך בין איך נישט געווען פון די בײַ וועלכע ער האָט, אַזוי צו זאָגן, „פּראַקטיצירט“. פון דעם מין ווי איך, מיט מײַן „אונטערלאַגע“, האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפֿן. אויב בײַ יענע פּלעגט ער דירעקט קומען מיט זיי און רעדן אין זייער נאָמען, האָט ער בײַ מיר זיך געהאַלטן פון דער ווײַטנס, און יעדער מאָל איז עס אויסגעפאַלן ווי אומדירעקט אָדער — צופעליק...

און איך? הגם איך בין געווען גרייט מיט אַלע מײַנע דאָקומענטן און פּאַפּירן אָנצוהייבן פון דאָס נײַ בערך אין סוף נאָוועמבער, האָב איך דאָך באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן ביז דעם 3טן יאַנואַר 1956 און ערשט דאַן פּרוּוון ס׳מזל. פאַר וואָס דעם 3טן יאַנואַר? די וואָס קענען און ווייסן ווי אַזוי מען פײַערט אין סאָוויעט־רוסלאַנד דעם נײַ־יאָר־יום־טוב, ווייסן אויך אַז ווען מ׳קערט זיך צוריק דעם ערשטן טאָג נאָכן יום־טוב צו דער אַרבעט איז עס אַ טאָג צווישן יאָ און ניין, פון „לאָמיר געמאַכט“ — אין אָריגינעלן רוסיש הייסט עס „ס׳פּאָכמיעליאַ“. איז מיר אײַנגעפאַלן, אַז צום בעסטן וועט זײַן זיך צו פאַרען מיט מײַן ענין אין אַ טאָג פון האַלב אָדער גאַנץ פאַרגעסנקייט. פשוט כּדי מען זאָל מיך נישט געדענקען און אַפילו נישט דערקענען פון פריִערדיקן מאָל.

וואָס שייך מײַן נײַעם פרײַנד דעם יוריסט, אויף אונדזער

אַמאָליקן וואַרשעווער לשון וואָלט ער געהייסן „ווינקל־אַדוואָקאַט", האָט ער מיט מיר צונויפגערופן צוזאַמען צוגעגרייט אַ פּלאַן, ווי ער וועט מיר קומען צו הילף. די פֿראַגע־בויגנס וואָס זענען מיר געגעבן געוואָרן אין „אָוויר", האָבן געמוזט אויסגעפּילט ווערן אויפֿן אָרט. עס איז נישט דערלויבט געווען זיי אַהיימצונעמען. אין די בויגנס זענען געווען דריי און פֿופֿציק פֿראַגן אויף וועלכע מ'האָט באַדאַרפֿט ענטפֿערן. צווישן זיי אַזעלכע, וואָס אין מײַן לאַגע איז נישט לײַכט געווען אויף זיי צו ענטפֿערן. מילא וועגן די סטאַנדאַרטע טיפּישע סאָוויעטישע פֿראַגן מיט וואָס מײַנע עלטערן האָבן זיך פֿאַרנומען ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע קאָן מען זיך אַן עצה געבן, אָבער וואָס טוט מען מיט דער פֿראַגע וואָס איך האָב געטאָן ביז דער רעוואָלוציע ?... אָבער אַדאַנק מײַן פֿרײַנד און אַרויסהעלפֿער האָבן מיר שוין פֿון פֿריִער געהאַט אַן אָפּשריפֿט פֿון אַלע 53 פֿראַגן, בײַ וועלכע מיר האָבן 2 אָוונטן פֿאַרבראַכט, צוגרייטנדיק אויף אונדזערס אַ פּאַפּיר די ענטפֿערס. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקייט פֿריִער צו באַטראַכטן דעם ענטפֿער איידער מיר שטעלן אים אַרײַן אין די בלאַנקעטן. האָבן מיר טאַקע אויפֿן אָרט, באַקומענדיק די אָריגינעלע פֿראַגע־בויגנס, די ענטפֿערס לײַכט קאָפּירט פֿון אונדזער צוגעגרייטן פּאַפּיר אַרויס. אַזוי אַז אין די ערשטע טעג פֿון יאַנואַר בין איך פֿאַרטיק געוואָרן מיט דעם שווערן און קאָמפּליצירטן מאַשין־אַפּאַראַט וואָס רופֿט זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד „אָוויר".

דעם טאָג האָב איך ממש אויפֿגעלעבט און אַ ביסל פֿרײַער אָפּגעעטעמט. הײַנט דאַרף איך מער נישט גיין אַהין. איך האָב זיך געפֿילט פֿרײַ ווי אַ פֿויגל וואָס ווערט אַרויסגעלאָזט פֿון שטײַג, און זיך געקאָנט ווידמען אַנדערע פֿראַגן פֿון דער טאָג־טעגלעכקייט.

מײַן פֿרײַנד, דער יוריסט, האָט מיך אינפֿאָרמירט, אַז לויט ווי ס'איז דאָ אָנגענומען, איז אויב מען באַקומט נישט קיין אָפּזאָג אין פֿאַרלויף פֿון די ערשטע נײַנציק טעג, איז דאָס אַ גוטער סימן אויף צו האָפֿן.

דעם 18טן אַפּריל האָב איך באַקומען אַ מיטטיילונג זיך צו מעלדן אין „אָוויר" דעם 21סטן. איך האָב גלײַך טעלעפֿאָניש זיך

פֿאַרבונדן מיט מײַן פֿרײַנד און ער האָט מיר אין טעלעפֿאָן־טרײַבל גלײַך געזאָגט אויף רוסיש: מזל־טוב, טאָוואַרישטש באַביץ. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אַז אויך ער וועט זיך אַהין אַרײַנכאַפּן, ווי תמיד: צופּעליק.

מיך האָט אויפֿגענומען אַ קאַפּיטאַן פֿון דער מ.וו.ד. ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווּסט איז ער געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון „אָוויר״, פֿאַר וועמען די וואָס האָבן באַדאַרפֿט צו אים אָנקומען, האָבן זיך שטאַרק געשראָקן. דער קאַפּיטאַן האָט מיר לאַקאָניש, מיט אַ קענטיקער אומצופֿרידנקייט געלאָזט וויסן, אַז מײַן ביטע אַרויסצופֿאָרן קיין ישׂראל אויפֿן סמך פֿון דער דערהאַלטענער אַרויספֿאָדערונג, איז באַשטעטיקט. גענויע פּרטים וועל איך זיך דערוויסן אין געציילטע וואָכן אַרום. דערווײַל, — זאָגט ער, — גייט דער וטער מאַי־יום־טוב, און דאָס אַלץ וועט קומען שפּעטער.

אין דער רגע איז „צופּעליק״ אַדורך מײַן באַקאַנטער, האָט זיך באַגריסט מיטן קאַפּיטאַן און אויף מינוטן זיך פֿאַרהאַלטן און איז נישט ווילנדיק אַרײַן אין געשפּרעך: ער קען מיך, — און מיך אָנגעהויבן לויבן ווי אַ גוטן סטאָליער־אַרבעטער אין דער מעבל־פֿאַבריק ווּ איך בין באַשעפֿטיקט.

— אָ! — האָט דער קאַפּיטאַן ווי אין האַלב־פֿאַרגעסנקייט איבערגעחזרט. ווי, קראַסנאָדערעווטשיק? אַ מעבל־סטאָליאַר? אוי, איך וואָלט עפּעס באַדאַרפֿט פֿון דיר אַ קלייניקייט... אויב דו קאָנסט מיר אָנווײַזן ווּ איך קאָן באַקומען אַ רעמל צו אַ בילד וואָס איך וויל אײַנרעמען, און איך וואָלט עס זייער געוואָלט האָבן צום ערשטן מאַי... איך וואָלט דיר זייער דאַנקבאַר געווען ווען דו זאָגסט מיר ווּ איך קאָן דאָס באַקומען...

דאָ איז מיר גלײַך פֿאַרלאָפֿן דעם וועג מײַן פֿרײַנד: חבר קאַפּיטאַן, זאָגט ער, דער חבר באַביץ וועט עס דיר גערן טאָן. פֿאַר אַ פֿאַכמאַן איז דאָס אַ קלייניקייט...

— ניין, — דערווידערט דער קאַפּיטאַן, — מען דאַרף האָבן דערצו מאַטעריאַל און ווּ וועט ער דאָס נעמען?... דער מאַטעריאַל — זאָגט ער — איז מלוכהש אייגנטום...

דאָ בין איך שוין אַרײַן אין װערטער־אױסטויש. „חבר קאַפּיטאַן, בײַם צושנײַדן אַרבעט איז אַלעמאָל פאַראַן שטיקלעך, װאָס פאַלן אַוועק. איך וועל עס דיר מאַכן פון גוטן ווילן און אָן שאָדן פאַר קיינעם — דו גיב מיר נאָר די נייטיקע מאָסן וואָס דו דאַרפסט״.

צומאָרגנס בין איך אַרײַן צום קאַפּיטאַן שוין גאָר אַן אַנדערער. גענומען בײַ אים די מאָס, און דעם 30טן אַפּריל נאָך דער אַרבעט האָב איך געבריינגט דאָס רעמל צום קאַפּיטאַן אין הויז. ער און זײַן פרוי זענען געווען איבערגליקלעך, ווי דאָס וואָלט טאַקע באמת געווען אַ געשעעניש. זיי האָבן מיר באַדאַנקט און געלויבט, פשוט נישט געוווּסט וואָס מיט מיר צו טאָן. אַפילו געוואָלט מיר באַצאָלן... און דער עיקר: דער קאַפּיטאַן האָט מיר געהייסן אַרײַנקומען צו אים אין „אָוויר״, ווו ער וועט מיר געבן די ווײַטער־דיקע נייטיקע אינפאָרמאַציעס.

אין דעם מאָמענט איז אײַנגעפאַלן די הויכע און גראָבע וואַנט וואָס איז געשטאַנען צווישן דעם אַלמעכטיקן באַשטימער, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון ריגער „אָוויר״ און מיר, דעם אונטערגעאָרדנטן, יאָ־בירגער, נישט־בירגער, פון ראַטנפאַרבאַנד — און דאָס אַלץ פאַר אַזאַ קלייניקייט, ווי אַ רעמל צו אַ פּאָטאָ־בילד.

ווען איך בין אַרײַן צו אים אין קאַבינעט אין באַשטימטן טאָג, בין איך דורך דעם קאַפּיטאַן אויפגענומען געוואָרן ווי זײַנס אַ לאַנגיעריקער פרײַנד. אָן עפּעס אַ סימן פון אָפיציעלקייט. דאָ האָט ער מיך אַרײַנגעפירט אין דער גאַנצער פאָרמעלער פּראָצעדור וואָס דער ענין פון אַרויספאָר דאַרף דורכמאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ אין ראַם פון פולער געהיימקייט און־ כ׳וואָלט געזאָגט, — מיט אינטימען צוטרוי...

ער האָט מיר פּרטימדיק דערציילט אַז איך דאַרף באַקומען 4 באַזונדערע וויזעס: אַ סאָוויעטישע, אַן אונגאַרישע, אַן עסטרײַכישע און, פאַרשטייט זיך, אַ ישׂראלדיקע. ער האָט אַפילו געוווּסט צו זאָגן די צײַט וואָס עס דאַרף נעמען בערך יעדע וויזע. איך בין געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן ווען, מער־ווייניקער, דאָס קאָן אויספאַלן, כּדי נישט צו־פרי זיך באַפרײַען פון דער

אַרבעט. אויף דעם האָט דער קאַפּיטאַן מיר געענטפערט בלויז מיט אַ רמז.

מײַן פרײַנד, דער יוריסט, וואָס איז געווען אַרײַנגעטאָן אין דעם ענין, האָט מיר געזאָגט: חבר באַביץ, איר ווייסט גאָרנישט וואָס פאַראַ גליקלעכער מענטש איר זענט, ווען אײַך איז געלונגען צו האָבן אַזאַ צוטריט צום קאַפּיטאַן... פאַראַן ייִדן אין ריגע, וואָס וואָלטן גרייט געווען צו באַצאָלן גרויסע געלטער פאַר דעם קאַפּיטאַנס אַ גוטן אויסדרוק אָדער ענטפער צו זיי...

פון דעמלט אָן האָב איך געוווּסט אויף ווען זיך צו אָריענטירן, און אַלע דאַטעס וואָס דער קאַפּיטאַן האָט מיר אָנגעגעבן האָבן זיך באַשטעטיקט. ווען איך בין געקומען אין באַשטימטן טאָג שוין אָפּנעמען מײַנע פּאַפּירן און אַרויספאָר־דאָקומענטן, איז ער געווען זייער ערנסט, אַפילו צוריקגעהאַלטן, ווי עפּעס אַ געפערלעכער אָדער הייליקער צערעמאָניאַל — מיר צוגעטיילט יעדעס פּאַפּירל באַזונדער, און אויפגעקלערט וואָס דאָס איז. נאָך דעם — אַלץ צונויפגעלייגט און מיר דאָס איבערגעגעבן ווי אַ געטלעכן געשאַנק. געזאָגט מיר, אַז באַלד ווי איך וועל אָנקומען קיין ישראל דאַרף איך זיך מעלדן אין דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע, נישט שפּעטער ווי 10 טעג נאָך מײַן אָנקום.

בין איך אַרויסגעפאָרן פון סאָוויעט־רוסלאַנד ווי אַ סאָוויע־טישער בירגער און דערפאַר איז מיר נישט געגעבן געוואָרן קיין טראַנזיט דורך פּוילן, ווי איך האָב דאָס געבעטן. אָבער דער קאַפּיטאַן האָט זיך מיט מיר זייער העפלעך געזעגנט און אַפילו געווונטשן גליק, ווײַט נישט לויט זײַן אָנגענומענעם נוסח.

עס האָט זיך פאַרענדיקט מײַן יאָרן־לאַנגער און שווער־קאָמפּליצירטער געראַנגל פאַר אַרויסבאַקומען זיך — אין דער, וואָס מען רופט געוויינלעך, „פרייער וועלט". דאָס אַלץ אויף אַזוי פיל אויף וויפל דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט די אַלע פאָרמעלע און אַדמיניסטראַטיוו־בירגערלעכע פּראָצעדורן, מיט וועלכע איך האָב זיך געראַנגלט קנאַפּע 18 יאָר פון מײַן געפינען זיך אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע.

מײַנע צוגרייטונגען צום פאָרן זענען געווען, ווי ווײַט מעגלעך,

געהיימע, ד.ה. איך האָב קיינעם נישט אינפאָרמירט און קיינעם אין דעם ענין נישט אַרײַנגעצויגן. באַזונדערס האָב איך זיך געמוזט אויסהיטן אויף מײַן אַרבעטס־פּלאַץ. דאָרט, ווי כ׳האָב געמוזט עפּעס זאָגן בײַם באַקומען דאָקומענטן, האָט עס געהייסן אַז איך פאָר צו מײַנע קינדער. און אַזוי ווי אַלע האָבן געוווּסט אַז איך שטאַם פון פּוילן, איז עס במילא אַזוי פאַרשטאַנען געוואָרן.

איך האָב אויך מאַנעווורירט מיט מײַן יערלעכן אַרבעטס־אורלויב וואָס איך האָב באַדאַרפט באַקומען, אַז עס זאָל אויספאַלן אַזוי אַז ווען עס וועט זיך ענדיקן די צײַט פון מײַן אורלויב זאָל שוין זײַן נאָענט די דאַטע פון מײַן אָפּפאָרן, און כ׳זאָל זיך נישט דאַרפן אומקערן צו דער אַרבעט. דאָס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַדאַנק די גוטע אינפאָרמאַציעס פונעם קאַפּיטאַן. אָבער צו די אַנדערע ענינים וואָס זענען שייך צו דער פאַבריקס־ספערע, ווי איך בין געווען באַקאַנט, איז שוין נישט געווען קיין עצה. כמעט אין איין און דער זעלבער צײַט האָבן זיך מיט מיר און אַרום מיר אָפּגעשפּילט צוויי קעגנזעצלעכע, פון ריין שכלדיקן און לאָגישן שטאַנדפּונקט, געשעענישן:

אין די וואָכן און חדשים ווען איך בין אַרײַן אין מײַנע אינטענסיווע באַמיִונגען און צוגרייטונגען צו פאָרן קיין ישראל, וואָס האָט מיר, ווי באַקאַנט, אויסגעוויזן צו זײַן קאָמפּליצירט און אַפילו ריזיקאַליש, האָט די פאַבריקס־אַנפירונג ווו כ׳האָב געאַרבעט, מיך אַרויסגערוקט פאַר אַ בײַשפּיל פון אַ גוטן אַרבעטער. איך בין אויסגעצייכנט געוואָרן נישט נאָר פון דער לאָקאַלער פאַבריק־אַנפירונג, נאָר אויך דורך דעם לעטישן מיניסטעריום פאַר לײַכט־אינדוסטריע, מיט אַ מעדאַל, און ווי עס פירט זיך דאָרט, ווערט אַרום דעם געמאַכט אַ סך רעש און פּראָפּאַגאַנדע. מײַן פאָטאָ וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ פאָטאָגראַף — מן הסתם אַ קינסטלער — איז געווען אַזוי שיין, אַזוי געקינצלט, און איז ווײַט געווען פון מײַן אייגנטלעכן אויסזען, האָט אַראָפּגעשריגן פון דעם אויסצייכענונגס־טאָוול און גערעדט צו אַלע ווי אַ בײַשפּיל. דאָס איבערגעבן די אויסצייכענונג און מעדאַל איז פאָרגעקומען בײַ אַ פײַערלעכן צערעמאָניאַל פון פאַבריקס־קאָלעקטיוו, ווו די

סעקרעטאַרין פון אַרבעטס־אַמט פאַר קאַדערן, וואָס איז גלײַכצייטיק די סעקרעטאַרין פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אַ ייִדישע און אַ ביז גאָר סימפּאַטישע, — האָט מיר פֿײַערלעך איבערגעגעבן די בײדע אויסצייכענונגען און געזאָגט עפּעס אין אַנגענומענעם נוסח... און איך מיין, אַז איך בין באַרעכטיקט צוצוגעבן, אַז עס האָט זיך אויך געפילט די נאַציאָנאַלע אידענטיפיקאַציע צווישן געבער און נעמער... נאָך מער איז עס שווין געקומען צום אויסדרוק אין עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען איך בין געקומען אין אַרבעטס־אַמט מיט וועלכן זי האָט אָנגעפירט, דורכצופירן אַלע פאָרמאַליטעטן וואָס זענען פאַרבונדן מיטן פאַרלאָזן די אַרבעט און אַרויסבאַקומען דעם דאָקומענט, אַז איך בין באַפרײַט פון דער אַרבעט (ראַזשטשאָטנאַיאַ קניזשקאַ), איז דאָס ווײַט נישט געווען קיין אָפיציעלע, אַמטלעכע באַהאַנדלונג. עס האָט געדויערט לענגער ווי עס האָט געזאָלט געדויערן — גראָד איז אַזוי געשען אַז מער איז קיינער אין צימער נישט געווען. איך האָב געפילט אַז די סעקרעטאַרין שטיקט זיך מיט ווערטער, וואָס זי וואָלט געוואָלט זאָגן, אָבער נישט געזאָגט... צום סוף, נאָכן דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן בײַם געבן מיר די „ראַזשטשאָטנאַיאַ קניגאַ", האָט זי לאַנג געהאַלטן מײַן האַנט און זי געדריקט, זאָגנדיק דערבײַ אויף רוסיש: חבר באַביץ, איך ווייס אַלץ... איך בין אײַך מקנא...

אַ סך, אַ סך יאָרן זענען פאַרבײַ זינט דער געזעגענונג מיט דער סעקרעטאַרין פון אַרבעטס־אַמט אין ריגע; נאָך דעם זענען געווען לענדער, פעלקער, צוזאַמענטרעפן, באַגעגענישן און געזעגענונגען פון נאָענטע און פון ווײַטע, — דאָך איז די ייִדישע סעקרעטאַרין פון ריגע פאַראייביקט אין מײַן זכרון מיט אירע נישט־אויסגעלעבטע נאַציאָנאַלע געפילן. איך באַדויער נאָר, וואָס איך האָב נישט באַוויזן צו פאַרגעדענקען איר נאָמען.

דאָס באַקומענע פון איר אָפּרעכענונגס־ביכל האָב איך, ליידער, איר געמוזט צוריקשיקן פון קאָנטראָלנעם גרענעץ־פּונקט. צי זי האָט עס טאַקע דערהאַלטן — ווייס איך נישט.

מײַן וועג־טראַסע פון ריגע קיין ישראל האָב איך אַליין

פאַרפּלאָנירט. כ׳האָב נאָך אַפילו געטראַכט וועגן דעם, אַז איך דאַרף מאַכן מײַן רײַזע ווי ווײַט מעגלעך אויך אינטערעסאַנט פאַרן אויג, צו זען וואָס עס לאָזט זיך, זייענדיק זיכער, אַז דער וועג איז נאָר איינמאָליק אין מײַן לעבן. האָב איך פאַרטראַכט צו פאָרן מיטן צוג ריגע־מאָסקווע און פון דאָרט, איבער קאַרפּאַטאָ־רוס דורך דער סאָוויעטיש־אונגאַרישער גרענעץ ביז בודאַפּעשט און פון דאָרט קיין ווין, ווו איך גיי שוין איבער צו דער ייִדישער אַגענץ. מיט דעם פּלאַן האָב איך זיך געגרייט צו פאַרלאָזן ריגע. זיך געזעגנט האָב איך נאָר מיט די פרײַנט מײַנע, וואָס זענען געווען אינפאָרמירט וועגן דעם. איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, אַז פון דער פאַבריק־ספּערע בין איך אַוועק אויף מײַן יערלעכן אורלויב און מער זיך דאָרט נישט צוריקגעקערט. אַפילו מײַנע באַלעבאַטים ווו איך האָב געוווינט און מיט וועמען כ׳בין געווען אַזוי אינטים אײַנגעלעבט, האָבן אויך נאָר געוווּסט אַז מײַנע באַמיִונגען גייען אין דער ריכטונג צו פאָרן צו מײַנע קינדער. ער, יאַקובאָוויטש, איז געווען מער אינפאָרמירט. אָבער ווען איך האָב שוין געהאַט אַלע מײַנע דאָקומענטן בײַ זיך און עס זענען פאַרבליבן נאָר געציילטע טעג צו מײַן געזעגענונג, האָבן מיר זיך אין איינעם אַן אָוונט אַוועקגעזעצט זאַלבע־דריט, דאָס מיינט מײַנע באַלעבאַטים און איך, און כ׳האָב זיי שטילערהייט דערציילט וווּהין איך פאָר. ביז גאָר אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי ס׳האָט רעאַגירט דאָס ליב מענטשלעכע האַרץ פון דער רוסישער פרוי מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ מיט איר סטאַנדאַרטן, סאָוויעטישן געדאַנקען־גאַנג. ווען זי האָט געהערט וווּהין איך פאָר, ערגעץ ווו אַ פרעמד קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר מײַן ווײַטערדיקן שוין אַזוי־געפּרוּווטן גורל; מיט תמימותדיקער שרעק האָט זי געפרעגט בײַ מיר: חיים אַבראַמאָוויטש, מען וועט דיך דאָרט נישט אײַנזעצן? געמיינט האָט זי, וואָס איך קום פון אַ קאָמוניסטיש לאַנד. איך האָב פריִער דערמאָנט ווי עס האָט רעאַגירט אַ צווייטע רוסישע פרוי, מיט וועמען איך בין געווען באַפרײַנדעט, בײַם דערוויסן זיך אַז איך פאָר אַוועק — יענע האָט נישט געוווּסט וווּהין — האָט זי כמעט ווי מיט כעס געזאָגט צו מיר: אַ

סאָוויעטישער מענטש טוט נישט אַזוי... דאָס הייסט, פאַרלאָזט נישט דעם ראַטנפאַרבאַנד...

אויב מיר ווילן, איז ביי די צוויי סאָוויעטישע פרויען, הגם פון אַ קעגנזײַצלעכן צוגאַנג צו דעם עצם פאַקט פון אַוועקפאָרן, פאַראַן אַ באַשטימטע פסיכאָלאָגישע איינגלויבונג, אַז דאָס סאָוויעטן־לאַנד איז אַן איינגעשלאָסן און אָפּגעשלאָסן לאַנד, וואָס איז נישט צוטריטלעך פאַר ווען ס'איז פון דרויסן, און נאָך מער נישט אַז ווער פון דאָרט זאָל זיך אַרײַנפּאַסן ערגעץ־ווו אַנדערש אויף דער וועלט.. באַזונדערס אין די יאָרן וועגן וועלכע מיר רעדן דאָ...

אין די לעצטע טעג פון יוני 1956 בין איך ווידער געווען אויפן ריגער באַן־וואָקזאַל. אויך דאָס מאָל אין באַגלייטונג פון מײַנע באַלעבאַטים, אָבער גאָר אַנדערש ווי אין פריִערדיקן מאָל, ווען איך האָב באַגלייט מײַנע באַפרײַטע חברים פון אָראָלסקאָיע מאָרע קיין וואַרשע, אַהיים צו זייער נאָענטסטע, און אַליין זיך אומגעקערט מיט אַ באַשווערטן און כמעט־האָפענונגסלאָזן לעבנס־סך־הכל. איצט בין איך באַהערשט פון שטראַלנדיקער פרייד. אויך אויף מײַן דאָליע פאַלט אַ ביסל זוניק ליכט און וואַרעמקייט. צום ערשטן מאָל פאַר אַלע פּלאָגנדיקע מלחמה־יאָרן לאָז איך זיך אין וועג אַרײַן צו אַ היים. אַוודאי פאַרשטייט איך די טיפע איבערלעבונגען פון מײַנע באַגלייטער. איך נעם מיט מיט זיך זייערע בעסטע און אויפריכטיקסטע געפילן און ווונטשן פאַר מײַן צוקונפט. איך ווייס אָבער אויך און פאַרשטיי, אַז איך וועל זיי פעלן, באַזונדערס אין דער נאָענסטער צײַט. איך ווייס אויך, אַז סײַ איך און סײַ זיי, טראַכטן איצט וועגן יענער איין־נאַכטיקער צופעליקייט מיט דרײַ יאָר צוריק, ווען איך מיט וואָלאָדיען האָבן איבערגעטרעטן זייער הויז כדי זיך צודעקן מיט אַ דאַך כאָטש איין נאַכט. צוויי געיאָגטע און געפּלאָגטע דאַכלאָזע און היימלאָזע, וועלכע דער רעזשים האָט זיי געהאַט גערודפט. און דאָרט האָב איך געפונען נאָענטקייט, היימישקייט און וואַרעמקייט במשך קנאַפּע דרײַ יאָר. נו ,איז דען אַ וווּנדער די איבערלעבונג פון אונדזער צעשיידונג ? הלוואי וואָלט איך געהאַט די מינדסטע האָפענונג אַז מײַנע ווערטער

וועלן ערגעץ־ווו דערגיין צו זיי, אויב זייער לעבן האַלט אָן, — וואַלט איך זיי איצט געזאָגט, אַז טיף אין האַרצן טראָג איך מיט זיך מײַן אייביקע דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג פאַר זיי.

די 6־טאָגיקע מלחמה און די אָנגעשטרענגטע לאַגע אין יענע טעג האָבן איבערגעריסן אונדזערע קאָנטאַקטן און מיט דעם — מײַן גאַנצע עפּאָפּעע ריגע.

*

אין באַן־וואַגאָן ריגע—מאָסקווע האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע עלטערע פרויען און מענער וואָס אויך זיי זענען אַרויס־געלאָזט געוואָרן צו זייערע קינדער קיין ישראל. אָבער איך האָב זיך נישט אַרײַנגעפּאַסט אין דעם אַנסאַמבל און געמאַכט מײַן וועג „סאָלאָ״. קומענדיק קיין מאָסקווע מיט אַן אויסלענדישן פּאַס האָב איך זיך דאָס מאָל געפילט מיט מענטשן גלײַך. איך בין אַוועק אין האָטעל „אינטוריסט״ ווו מען האָט מיר נישט גערן אויפגענומען און בלית־ברירה מיר געגעבן אַ צימער אויף עטלעכע טעג ביז צום דערלייידיקן די באַן־בילעטן ווי אויך באַקומען אַ פּלאַץ, שוין האָבנדיק דעם בילעט. דאָס אַלץ האָט געזאָלט דער־לײדיקט ווערן דורכן „אינטוריסט״. ביז וואָס־ווען האָב איך געוואָלט באַזוכן די ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע. געוווסט האָב איך אַז דאָס וועט מיר נישט לײַכט אָנקומען. אַפילו מיט מײַן אויס־לענדישן פּאַס, איז עס נאָך אַלץ נישט אַזוי פּשוט. העיקר, איך האָב אָפּגעפונען די גאַס און די געבײַדע פון דער אַמבאַסאַדע און זיך געלאָזט אַהין אַרײַנגיין. איך בין אָבער פאַרהאַלטן געוואָרן דורכן סאָוויעטישן וואַך־פּאָסטן. ער האָט מיך אַרײַנגענומען איך זײַן בודקע און אָנגעהויבן אויספרעגן, צו וואָס איך וויל אַהין אַרײַן, קאָנטראָלירט אַלע מײַנע דאָקומענטן, באַטאַפּט און באַקוקט מיך פון אויבן ביז אַראָפּ און לסוף געהייסן מיר אַהיימגיין און קומען מאָרגן.

צומאָרגנס האָט זיך דאָס אַלץ איבערגעחזרט, אָבער שוין אַ ביסל אין אַ לײַכטערער פאָרעם. דער וואַכמאַן איז נישט געווען דער זעלבער און איך בין דאָך אַרײַנגעלאָזט געוואָרן אין דער אַמבאַסאַדע. אויך דער באַאַמטער אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע

האָט אָנגעהויבן דעם געשפּרעך מיט מיר מיט אַ קענטיקן רעזערוו און צוריקגעהאַלטנקייט. און ס׳איז צו פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס, און מיט רעכט. ווי כ׳האָב שוין פֿריִער געזאָגט, איז אין יענע יאָרן אַזאַ איינער אין מײַן עלטער געווען אַ זעלטנקייט, וואָס האָט געקאָנט וועקן און אַרויסרופֿן פֿאַרשידענע מחשבות און פֿאַרדאַכטן. אָבער אין גאַנג פֿון אונדזער געשפּרעך זענען די אַלע שלעכטע געדאַנקען צערונען. דער באַאַמטער האָט זיך ערנסט באַשעפֿטיקט מיט מיר. אויסהערנדיק מײַן פּלאַן, ווי אַזוי איך וויל פֿאַרזעצן מײַן וועג קיין ישראל, מיר איז אַ גאַנץ קאַטעגאָרישן טאָן דערקלערט: ניין, איר דאַרפֿט נישט פֿאָרן מיטן צוג! דאָרט קאָן געשען עפּעס אויפֿן גרענעץ־פּונקט מיט אַזאַ מענטשן ווי איר... און איר קאָנט זיך נישט גלײַכן צו די אַלטע לײַט — אָנווײַזנדיק אויף עטלעכע, וואָס האָבן זיך דעמלט געפֿונען אין דער אַמבאַסאַדע. — אויך מיט זיי געשעט, אַז מען נעמט זיי אַראָפּ פֿון צוג. — איר, — האָט ער מיר געזאָגט, — דאַרפֿט פֿליִען מיטן עראָפּלאַן ביז ווין און דעם וועג אַדורכמאַכן וואָס שנעלער און מיט ווייניקער געפֿאַרן.

דער באַאַמטער האָט גערעדט ווי אַ מענטש אַ געניטער אין די ענינים, און מיך גלײַך איבערצײַגט אין דעם וואָס ער זאָגט. דערבײַ האָט ער אויך צוגעגעבן: אויב איר האָט געלט־שוועריקייטן בײַם דעקן דעם אונטערשיד צווישן באַן און פֿלי־בילעט, וועלן מיר עס אײַך דעקן. איר דאַרפֿט גלײַך אַוועקגיין אין „אינטוריסט״ און בעטן מען זאָל אײַך אויסבײַטן דעם באַן־בילעט אויף אַ פֿלי־קאַרטע. דערוויסט זיך וויפֿל עס איז דער אונטערשיד און קומט מאָרגן, — איך וויל אויך אַז אונדזער אַמבאַסאַדאָר זאָל אײַך זען.

מײַן ערשטער באַזוך אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע האָט געהאַט פֿאַר מיר אַ באַדײַטונג נישט נאָר אין קאָנקרעטע ענינים פֿון ראַט און טאַט וואָס איך האָב דאָרט באַקומען, נאָר אויך פּסיכאָלאָגיש האָט זיך בײַ מיר עפּעס געביטן. איך האָב זיך דערפֿילט שטאַרקער. צום ערשטן מאָל ווי איך בין נישט אַליין אין מײַן גערעאַנגל. איך ווייס נישט ווי איך זאָל דאָס אָנרופֿן: שטאַטלעכע אָנגעהעריקייט, פּערסאָנאַלע שוץ פֿון אַ מאַכט?

צו יענער צײַט איז דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע געווען דער גענעראַל, אין רעזערוו, אינוואַליד פון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, **אבידור**. אַ זייער סימפּאַטישער, רעפּרעזענטאַטיווער מענטש, מיט אַ שמייכלדיקן אויסדרוק פון פּנים. נאָך דעם ווי איך האָב דערליידיקט מיטן באַאַמטן די אַלע ענינים וועגן מײַן פּלי־קאַרטע, איז ער געווען זייער צופרידן פון דעם וואָס מיר איז געלונגען צו בײַטן דעם באַן־בילעט אויף אַ פּלי־קאַרטע מיטן עראָפּלאַן. דער באַאַמטער, אַ באַרויִקטער און צופרידענער, האָט מיר געדעקט דעם אונטערשיד פון 150 רובל, אַ גאַנץ באַדײַטנדיקע סומע, מיך אַפילו געפרעגט צי איך דאַרף מער, און איך האָב אים געדאַנקט און געענטפערט, אַז די סומע גענוגנט מיר.

נאָך דעם זענען מיר אַרײַן אין צימער פון אַמבאַסאַדאָר. כ׳האָב געמוזט פאַררײַסן דעם קאָפּ אַרויפצוקוקן צום הויך־וווקסיקן אַמבאַסאַדאָר. ער האָט מיך פרײַנטלעך באַגעגנט, הגם מיט פאַרשערישער צוריקגעהאַלטנקייט. מיך גוט אָבסערווירט, אויסגעטוישט מיט מיר עטלעכע געציילטע ווערטער, און מיט געוויינלעכער העפלעכקייט מיר געווונטשן אַ גליקלעכע רײַזע. נאָר אין זיך האָב איך געפילט — און דאָס איז מיט מיר מיטגעגאַנגען יאָרן־לאַנג — די צווײַפלונגען און פאַרדאַכטן לגבי אַזאַ יונגערמאַן, וועמען די סאָוויעטן לאָזן אַרויס קיין ישראל, וואָס האָט אים, דעם אַמבאַסאַדאָר, אויסגעוויזן צו גוט פאַר יענער צײַט...

מיט פינעף יאָר שפּעטער איז מיר געגעבן געוואָרן אַ געלעגנהייט, — בײַ אומפאַרגלײַכלעך אַנדערע באַדינגונגען — צו באַגעגענען דעם אַמבאַסאַדאָר אבידור. דאָס מאָל אין בוענאָס־איירעס, ווי דעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע. געווען איז דאָס אין יאָר 1961 אויף אַ באַזוך בײַ מײַן ברודער אין מאָנטעווידעאָ. כ׳האָב זיך אַרײַנגעכאַפּט קיין בוענאָס־איירעס אויף אַ וויזיט. דאָרט בין איך געווען אַ גאַסט פון מײַנע חברים און צווישן אַנדערע בין איך אײַנגעלאַדן געוואָרן דורך זיי צו אַ פּרעמיערע־פאָרשטעלונג פון דעם אָרטיקן יידישן טעאַטער, צו וועלכער עס איז אויך געווען געלאַדן דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אבידור.

דער אַמבאַסאַדאָר איז געקומען אין באַגלייטונג פון דעם

באַקאַנטן — דעמלט נאָך אין אַרגענטינע — געזעלשאַפטלעכן טוער **חיים פינקלשטיין**. איך בין דורך מײַנע חברים פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ גאַסט פון ישראל. באַלד בײַ די ערשטע ווערטער פון אונדזער געשפּרעך האָב איך דעם אַמבאַסאַדאָר דערציילט אַז איך קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן נישט צו דערמאָנען אונדזערס אַ פריִערדיקע באַגעגעניש, מיט איבער 5 יאָר צוריק, אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע. פאַרשטייט זיך, אַז אבידור האָט מיך נישט דערקענט און איך האָב אים געמוזט דערמאָנען אונדזער דעמלטיקן קורצן געשפּרעך, און אַפילו אַרויסגעברענגט פאַר אים מײַן אײַנדרוק פון דעם. ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף מײַן אַקסל און גוטמוטיק באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון מײַן השערה. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ווי עס גייט מיר אין ישראל, ווי כ׳האָב זיך אײַנגעאָרדנט. אגב, האָט ער שוין באַוויזן זיך צו דערוויסן מײַן פּאָליטישע אָנגעהעריקייט, און דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שטאַרקע איבערלעבונג. אַ קלייניקייט? פון דער ערשטער טרעפונג אין דער מאָסקווער אַמבאַסאַדע ביז אַ ייִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין בוענאָס־איירעס ...און איך בין זיכער, — און אַזוי געפילט — אַז דאָס איז אויך געווען אַ נישט־געוויינלעכע געשעעניש פאַרן אַמבאַסאַדאָר גופא.

נאָך עטלעכע טעג וואַרטן איז אָנגעקומען מײַן ריי צום פאָרן. איך האָב פאַרלאָזט מאָסקווע מיט אַ פולער גלײַכגילטיקייט, אָן וועלכע ס׳איז סענטימענטן פאַר איר גרויסקייט און אַלמעכטיקייט, ווי עס זינגט זיך אין דעם ליד „מאָסקוואַ מאַיאַ״...

דער עראָפּלאַן פון סאָוויעטישן עראָ־פלאָט אין וועלכן איך בין געפלויגן האָט געהאַט אין גאַנצן 27 פּאַסאַזשירן. אַפילו פאַר יענע יאָרן — אַ קליינע צאָל. בערך אַ העלפט פון דער צאָל פּאַסאַזשירן זענען געווען אונגאַרישע בירגער, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון אַ באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד. די אַנדערע זענען געווען עסטרײַכישע בירגער וואָס זענען געפלויגן קיין ווין, צווישן זיי — עטלעכע זשורנאַליסטן. דער איינציקער „נישט געווינטשענער״ פּאַסאַזשיר אין דעם עראָפּלאַן בין איך געווען. אַ פּאַסאַזשיר מיט אַ סאָוויעטישן

פּאַס, וואָס פּאַרט קיין ישראל... דער פּלי האָט געזאָלט זײַן מאָסקווע־קיִעוו־לעמבערג־בודאַפּעשט־ווין. עס איז געווען פּאַראויס־געזען אַ לאַנדונג אין לעמבערג. דאָ האָט געזאָלט זײַן די סאָוויעטיש־אונגאַרישע גרענעץ־קאָנטראָל. אָבער צוליבן שלעכטן וועטער האָט מען אונדז געמאָלדן אַז דער עראָפּלאַן וועט נישט לאַנדן אין לעמבערג, נאָר אין קיִעוו.

אין קיִעוו איז אין עראָפּלאַן דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָנטראָל בײַ אַלע פּאַסאַזשירן. עס איז אַרויפגעקומען אַן אָפיציר פון דער גרענעץ־קאָנטראָל, קאָנטראָלירט בײַ אַלע פּאַסאַזשירן די דאָקומענטן, געפרעגט אויף זייער געפּעק — אַלץ איז געווען ווי געוויינלעך, אָן וועלכע ס׳איז שוועריקייטן. ווען דער אָפיציר האָט גענומען מײַן פּאַספּאַרט אין האַנט אַרײַן האָט ער עטלעכע מאָל געקוקט אויף מיר און אויף מײַן פּאַספּאַרט און מיר באַפוילן צו נעמען מײַנע צוויי נישט צו־פּיל־עלעגאַנטע טשעמאָדאַנטשיקעס מיט זיך, און אַראָפּגיין מיט אים צו דער גרענעץ־וואַך. איך האָב אָנגעהויבן פרעגן, אַפילו פּראָטעסטירן: וואָס געפינסטו אַזעלכעס בײַ מיר, וואָס זאָל דיר נישט געפעלן? געוווּסט האָב איך אַז אין מײַנע צוויי וואַליזקעס, וואָס איינע האָב איך אַליין געמאַכט פון האָלץ, געפינט זיך מײַן גאַנץ, מ׳שטיינס געזאָגט, פאַרמעגן, פון מײַנע 18 יאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד... אָבער גאָרנישט אַזעלכעס וואָס זאָל קאָנען רייצן אַפילו אַ סאָוויעטישן אָפיציר פון דער גרענעץ־קאָנטראָל. איך האָב, לײַדער, געמוזט נעמען מײַן געפּעק און אַראָפּ צוזאַמען מיטן אָפיציר אין זאַל פון דער גרענעץ־קאָנטראָל, אויסגעליידיקט פון מענטשן. נאָר איך און דער אָפיציר.

מײַנע צוויי וואַליזקעס לייג איך אַוועק אויפן קאָנטראָל־טיש — אַזוי ווי כ׳האָב זיי געטראָגן: איינע רעכטס פון מיר, די צווייטע לינקס: איך — צווישן ביידע. דער אָפיציר פון דער רעכטער זײַט פון מײַן ערשטער וואַליזע. איך עפן פון רעכטס און זאָג אים דרייסט: ביטע, קאָנטאָלירט וואָס איך האָב דאָ — און קער זיך אום אויף לינקס צו עפענען די צווייטע וואַליזע. אין דעם מאָמענט איז געשען אַזאַ אומדערוואַרטע געשעעניש פאַר מיר, וואָס מינוטנווייז האָט עס מיר אויסגעקוקט אַז אַלץ איז פאַרלוירן...

אַז דאָ, אויפֿן קװעװער גרענעץ־פּונקט, איז דער אָנהייב פֿון מײַן סוף... און אַז דאָס, װאָס דער באַאַמטער אין ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקװע האָט געװאָלט פֿאַרמײַדן פֿון מיר, די געפֿאַר בײַם פֿאָרן מיטן צוג, — איז מיט מיר געשען אין ערעפּלאַן. עס איז געשען דאָס אומגלויבלעכסטע. הײַנט צו טאָג, פּאַר מיליאָנען פּאַסאַזשירן װאָס פֿליִען איבער גרענעצן, לענדער, קאָנטינענטן, נישט װיסנדיק אַפֿילו װעלכעס לאַנד זײ האָבן פֿאַרלאָזט און אין װעלכן זײ זענען אַרײַן פֿאַלט נישט אײַן דער מינדסטער פּחד, אָבער דאָרט, אויפֿן קװעװער פֿלי־פֿעלד, פּראָװעט דער קאָנטראָל־אָפֿיציר מכשפֿותדיקע קונץ־שטיק.

װען איך האָב זיך אַ קער געטאָן פֿון רעכטס צו לינקס, כּדי צו עפֿענען מײַן צװײטע װאַליזע, און בין געבליבן מיט דער פֿלײצע צום אָפֿיציר, האָט ער באַװיזן אַרײַנצוװאַרפֿן אין מײַן װאַליזע פֿון רעכטס, װאָס ער קאָנטראָלירט, אַ פֿון־פֿריִער־צוגעגרײט פּראָװאָקאַטיװ פּאַפּיר, װאָס האָט באַדאַרפֿט זײַן מכלומרשט טעזן פֿון אַ רעפּעראַט... װי איך געדענק, זענען דאָרט געװען אַזעלכע 9 באַזונדערע פּונקטן, אָדער טעזן פֿון אַ רעפּעראַט. פֿון די 9 האָב איך נאָר באַװיזן איבערצולײענען די ערשטע דרײַ, װאָס איך האָב פֿאַרגעדענקט. די װײַטערדיקע האָב איך שױן נישט געקאָנט איבערלײענען װײַל איך האָב פּשוט פֿאַרלױרן מײַן פֿיזישן און גײַסטיקן גלײַכגעװיכט. װען איך האָב געעפֿנט מײַן צװײטע װאַליזקע פֿון לינקס, האָב איך זיך צוריק אומגעקערט צום קאָנטראָל־אָפֿיציר פֿון רעכטס. אין דעם מאָמענט ציט ער אַרױס פֿון מײַן געפּעק אין דער װאַליזקע דאָס פּראָװאָקאַטיװע פּאַפּיר װאָס ער האָט מיט אַן אױגנבליק פֿריִער באַװיזן אַרײַנצוװאַרפֿן, און פֿרעגט בײַ מיר טריומפֿאַל: נו? און דאָס װאָס איז?...

לײען איך — פֿאַרשטײט זיך, געשריבן אין רוסיש: פּונקט 1) די לאַגע אין 1917 יאָר, פּונקט 2) די פֿאַרטײלונג פֿון אַרבעטס־קאַדרען, פּונקט 3) די לאַגע אויף די פֿראָנטן פֿון יאָר 1918... און אַזױ װײַטער און װײַטער, װאָס איך האָב שױן נישט געקאָנט איבערלײענען...

אַ שטאַרק דענערװירטער און דערשראָקענער פֿון דעם װאָס עס שפּילט זיך דאָ אָפּ מיט מײַן לעבנס־גורל אין די געצײלטע

סעקונדעס, שרײַ איך אויס צום אָפיציר: ניין! דאָס איז נישט מײַן! איך האָב צו דעם קיין שייכות נישט!

ענטפערט ער מיר ציניש מיט אַ שמייכלענדיקן זיג, מיטן באַקאַנטן רוסישן פאָלקס־ווערטל: נאָר וועמענס? פושקינס איז דאָס, האַ?...

ענטפער איך ווידער: פושקינס נישט פושקינס, נאָר מײַנס זיכער נישט... און איך פיל, ווי אַלץ אין מיר ברעכט זיך צוזאַמען.

דערווײַל האָט מען די אַנדערע פּאַסאַזשירן פון עראָפּלאַן געלאַדן אין בופעט אויף אַ „זאַווטראַק" (פרישטיק). זאָגט צו מיר דער אָפיציר: גיי דערווײַל אין בופעט עפּעס עסן, דערנאָך וועט מען דעם ענין אויפקלערן...

פון דעם בין איך גראָד געווען צופרידן, ווײַל איך האָב זיך פשוט גענייטיקט אין אַ פּאָר פרײַע מינוט כּדי צו באַנעמען און פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר, ווי אויך אַ מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן זיך אויף דעם, ווי איך דאַרף האַנדלען.

איך בין אַוועק אין בופעט. עס האָט פאַר מיר גאָר קיין וועלט נישט עקזיסטירט אין די מינוטן, און אַוודאי נישט אַ באַדערפעניש צו עסן. די צײַט פון דעם איבעררײַס האָב איך אויסגענוצט פאַר זעלבסט־מאָביליזאַציע. איך האָב צוזאַמענגענומען אַלע מײַנע כּוחות און אָפּוווער־מיטלען קעגן דער אוממענטשלעכער מ.וו.ד. ישער פּראָוואָקאַציע. איך האָב צו זיך געזאָגט: דאָס מאָל פאָדערט זיך פון מיר אַבסאָלוטע האַרטקייט און דעצידירטקייט. אין מײַן ענטפער טאָר נישט זײַן קיין סימן וואָס זאָל זיך אים אויסווײַזן ווי שוואַכקייט.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט צום קאָנטראָל־טיש זענען מיר ווידער געווען נאָר זאַלבע־צווייט אין צימער. אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן זענען שוין געווען אין עראָפּלאַן. און ווידער ווענדט זיך צו מיר דער אָפיציר און זאָגט: אָט דאָס, — ער ווײַזט אויף דעם פּאַפּיר — האָב איך אַרויסגענומען פון דײַן וואַליזע, פון צווישן דײַנע זאַכן. און דו קאָנסט נישט אויפקלערן וואָס דאָס איז?... און דו זאָגסט נאָר, אַז דאָס איז נישט דײַן...

האָב איך אויפגעהויבן מײַן טאָן און בין אַרויס מיט דעם ענטפער וואָס איך האָב באַוויזן אין זיך אײַנצוחזרן אין די פּאָר פרײַע מינוט:

— הער, — האָב איך אים געזאָגט, — חבר סטאַרשי־לײטענאַט, איך דערקלער דיר מיט דער פולער קאַטעגאָרישקייט, אַז דאָס פּאַפּיר וואָס דו האָסט אַרויסגעצויגן איז נישט מײַן! ווי אַזוי דו האָסט עס אַרויסגענומען פון מײַן טשעמאָדאַן, ווייס איך נישט, אויף דעם האָב איך נישט קיין ענטפער... אָבער איך מעלדע דיר איצט, דאָ, אַז נישטאָ אַזאַ כּוח אויף דער וועלט, וואָס זאָל מיך קאָנען צווינגען מודה צו זײַן אַז די בומאַזשקע איז מײַנע... אַפילו פאַרן פרײַז פון מײַן לעבן!

אין דעם מאָמענט הער איך ווי עס הייבן אָן צו אַרבעטן די פּראָפּעלערס פון עראָפּלאַן. עס לויפט אַרײַן דער סטיוואַרד פון עראָפּלאַן אַ דערשראָקענער, — חבר לײטענאַנט — זאָגט ער, — עס פעלט אונדז איין פּאַסאַזשיר! וואָט, זאָגט ער! —אָנווייזנדיק אויף מיר... און שוין נישט דערמאָנענדיק זײַן פּאַפּירל, קענטיק נאָר מײַנע פּאָר ווערטער, זאָגט ער צו מיר: און אָט איז דײַן „ראַסטשאָטנאַיאַ קניזשקאַ" פון דער פאַבריק וואָס דו ווילסט אַרויספירן קיין אויסלאַנד... ווייסטו נישט אַז דאָס איז פאַרבאָטן?

דאָ בין איך זיך מודה: ניין, חבר לײטענאַנט, כ'האָב טאַקע נישט געוווּסט. איך האָב דאָס באַטראַכט פאַר מײַנס אַ פּערזענלעכן דאָקומענט און אויב מען טאָר דאָס נישט, פּאַזשאַלויסטע, נעמט דאָס צוריק.

— עה! — זאָגט ער — ס'איז נישט אַזוי פּשוט, מען דאַרף שרײַבן אַן אַקט... (און די פּראָפּעלערס אַרבעטן אַלץ שטאַרקער!) און דעם אַדרעס פון אַטדיעל קאַדר געדענקסטו?

— יאָ! — זאָג איך. איך דערמאָן דעם נאָמען פון דער ייִדישער סעקרעטאַרין וואָס האָט מיר דאָ נישט־לאַנג צוריק דאָס אַזוי פײַערלער איבערגעגעבן און געוווּנטשן גליק. דאָס פאַרשרײַבן דעם אַדרעס אויף צוריקצושיקן דאָס ביכל איז דעם לײטענאַנט נישט אָנגעקומען אַזוי לײַכט. אָ, ווען ער וואָלט גענומען טאַקע שרײַבן אַן „אַקט", וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, דעם עראָפּלאַן

אַנגעווירן און ס׳וואָלט מיר אויסגעקומען צו בלייַבן אין זייַן געזעלשאַפט...

ווען איך האָב פּלוצים דערהערט דאָס וואָרט „פּאָדפּישי!״ — שרייַב זיך אונטער, — האָב איך בליץ־שנעל געלייגט מייַן לעצטע חתימה אויפן סאָוויעטישן גרענעץ־פּונקט און שנעל אַנטלאָפן צו די קלאַפּנדיקע פּראָפּעלערס פון עראָפּלאַן, מיט אַ שטילן געבעט אויף די לעפצן: שנעלער! ווייַטער! אַוועק פון דעם לאַנד, וווּ זיי זינגען: „יאַ דרוגאָי טאַקאָי סטראַני ניע זנאַיו, גדיע טאַק וואָלנאָ דישיט טשעלאָוויעק״.

ס׳האָט גענומען גענוג צייַט ביז איך בין אין עראָפּלאַן געקומען אַ ביסל צו זיך. איך האָב נאָך אַ מאָל איבערגעטראַכט אַלץ, כּדי צו פאַרשטיין וואָס האָט זיך מיט מיר דאָ אָפּגעשפּילט. איך האָב נאָך אַ מאָל געזען אַלע געפאַרן פאַר וועלכע איך בין געשטאַנען, און כ׳בין געווען צופרידן און גליקלעך ווען איך האָב געזען די שנייַדנדיקע וואָלקנס אונטער זיך, וואָס דערווייַטערן מיר אַלץ ווייַטער און ווייַטער פון דעם לאַנגיאָריקן געשפּענסט.

כ׳האָב נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַראינטערעסירונג בייַ דער לאַנדונג אויפן פלי־פעלד אין בודאַפּעשט. כ׳בין געווען מיד און אויסגעשעפּט פון דער קאָשמאַרער איבערלעבונג. באַזונדערס האָב איך געפילט אַז אַפילו בודאַפּעשט זיכערט מיר נאָך נישט מייַן פּערזענלעכע און מענטשלעכע פרייַהייט. נאָך מער, — הגם דער פלי פון בודאַפּעשט קיין ווין האָט געדויערט נישט מער ווי איין שעה, איז עס פאַר מיר געווען אַן אייביקייט. כ׳האָב זיך אין עראָפּלאַן זייער שלעכט געפילט, אין גאַנצן נישט לויט מייַן געוווינהייט. איך בין, בדרך־כּלל, אַ זייער לייַכטער פּאַסאַזשיר, ווייס איך נישט, צי איז דאָס געווען צוליב דער בערג־קייט איבער וועלכער דער עראָפּלאַן שנייַדט זיך דורך דעם וועג, אָדער גאָר די שטימונג און ווירקונג פון דער איבערלעבעניש. איך האָב קוים אויסגעהאַלטן. ווען מיר האָבן געלאַנדעט אויפן ווינער פלי־פעלד האָב איך שטאַרק אָפּגעאָטעמט, כ׳האָב אַרויסגעלאָזט פון זיך די גאַנצע פאַרפּעסטעטע לופט וואָס האָט מיך אַזויפיל יאָרן געשטיקט און בין געוואָרן אַן אַנדערער מענטש, אַ פרייַער מענטש, ווי אַלץ

וואָלט זיך אין מיר געביטן. אין מײַן האַרץ און מוח האָב איך געפילט אַז דאָס איז אַ לאַנדונג אין אַ נײַער וועלט. הגם אַליין אַ פרעמדער אין אָט דער שטאָט, — מ׳האָט מיך נישט אָפּגעוואַרט פון דער אַמבאַסאַדע, ווי עס איז געווען פאַראויסצוזען, — דאָך בין איך געווען באַוועגלעך, געמונטערט און געקאָנט זיך קערן און ווענדן ווי נאָר איך וויל.

כ׳האָב אויסגעפונען דעם טעלעפאָן פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע, זיך מיט איר פאַרבונדן. פון דאָרט האָט מען מיר געבעטן צוּוואַרטן ביז מען וועט קומען מיך נעמען. ס׳האָט גענומען אַ ביסל צײַט. די שאָפערין, אַ פרוי, האָט מיך אָפּגעזוכט און מיט זאָרג און העפלעכקייט מיך אײַנגעאָרדנט, מיט מײַן מ׳שטיינסגעזאָגטן געפּעק, אין דער מאַשין, און זיך געלאָזט איבער די ווינער גאַסן. מײַן פרייד און מונטערקייט האָט מיך אַזוי דערהויבן, אַז איך האָב אָנגעהויבן זינגען און דווקא אַ ווינער ליד, אַז הײַנט איז מיר ווידער גוט!... דאָס ליד האָב איך געדענקט פון פאַר 25 יאָר צוריק, געגנוי אין די זעלבע טעג, אין 1931, בין איך געווען אַן אָנטיילנעמער פון דעם 2טן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן יוגנט־צוזאַמענפלי אין ווין. איינער צווישן דער גרופּע יונגע בונדיסטן־צוקונפטיסטן פון פוילן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דעם צוזאַמענפלי. אַוודאי געהער איך צו די ווייניקע, גאָר ווייניקע לעבנגעבליבענע. עס איז אויסער יעדן ספק, אַז בײַ יעדן פון אונדז ווערן „יענע טעג״ פאַררעכנט פאַר די גראַנדיעזסטע אין אונדזער לעבן. אַזוי, אַז ס׳איז לײַכט צו פאַרשטיין די רעפלעקסיעס, די דערינערונגען און אַסאָציאַציעס וואָס האָבן זיך אין מיר געוועקט לויפנדיק מיט דער מאַשין איבער די ווינער גאַסן.

נאָר איין פּערטל יאָרהונדערט אין אַ לעבן פון אַ מענטש, — און אין אונדזער דור — אָבער ווי אַזוי דריקט מען דאָס אויס אין ווערטער, אָט די ווײַטקייט פון יענע טעג אין יאָר 1931, פון דעם יונגן, אידעיִש איבערצײַגטן, טיף גלויביקן, מאָראַליש דערהויבענעם יוגנטלעכן אָנטיילנעמער אין דער 2טער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָלימפּיאַדע, ביז דעם צוריקקער פון אײנעם אַ פאַרלוירענעם פון דעם סאָוויעטישן טויט־אינדזל קאָלימאַ, מיט

אַלע, אַלע דערשלאָגענע און צעשלאָגענע פיזישע און גײַסטיקע קלעפּ?

בין איך ווידער אין ווין, נאָר דאָס מאָל אויפן וועג קיין מדינת ישראל. איז עס נישט אַ באַשטימטע אַנטוויקלונג אין מײַן אידעיִש־פּאָליטישן געדאַנקען־גאַנג, וואָס האָט באַגלייט אין ראַם פון מײַנע אויפנעם־פּעיִקייטן, אַלע געשעענישן און אַנטוויקלונגען, און אפשר אויך געצייכנט זייערע אויספירונגען פאַרן ווייטערדיקן לעבנס־לויף?

ביז ווין האָב איך מײַן רייזע דורכגעמאַכט אַליין, און אַפילו, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקן, מיט מײַנע אייגענע לעצטע גראָשנס. אין ווין האָט מיך די יִדישע אַגענץ איבערגענומען, מיט אַלע נייטיקע זאָרגן. דער וועג האָט געפירט פון ווין קיין נעאַפּאָל, ביז גענוּאַ מיטן צוג און פון דאָרט מיט דער שיף „ציון" קיין ישראל. דאָ בין איך שוין געווען אין אַ גרופּע. מיט נאָך. גענוּאַ האָט געדינט ווי אַ זאַמל־פּונקט פאַר עולים און די שיפן צו יענער צײַט האָבן נישט באַוויזן אויפצונעמען אַלע וואָס האָבן געוואָרט. אויך מיר איז אויסגעקומען צו וואַרטן בערך אַ 2 וואָכן. די באַדינגונגען זענען געווען נישט קיין שלעכטע. דאָס, וואָס איז מיר פאַרבליבן פון יענע טעג ווי אַ בײַגעשמאַק איז, די אַקטיווע אַרײַנמישונג, אָדער אָנטייל, פון די איטאַליענישע מאַכט־אָרגאַנען, און זייער שטרעבונג און ווילן... צו וויסן אַלץ! פון וואַנען מען קומט און וואָס מען קאָן דערציילן פון די ערטער פון וועלכע מען קומט. איך בין אַוודאי נישט געווען דער לעצטער, מיט וועמען זיי האָבן זיך אינטערעסירט.

אין דעם טאָג ווען די שיף „ציון" האָט פאַראַנקערט אין גענוּאַ, האָט מען אונדז געלאָזט וויסן אַז די שיף, מיט וועלכער מיר דאַרפן פאָרן, געפינט זיך שוין אין פּאָרט. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן דאָס אויפגענומען מיט פרייד. איך אָבער האָב געוואָלט שטילן מײַן נײַגעריקייט צו זען די שיף פריִער. בין איך אַוועק אַליין פון האָטעל אין וועלכן מיר זענען געווען אײַנ־קוואַרטירט, — צום פּאָרט, און אַזוי שפּאַצירנדיק בײַם ים־ברעג האָב איך פון ווײַטן דערזען דעם „ציון"־מאַשט מיט דעם מגן דוד.

איך האָב זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַליקן איבערלויף פון געדאַנקען און מחשבות, דערנאָך זיך דערנענטערט צו דער שיף. אַלץ נענטער, נענטער. געוואָלט זען וואָס מער. כ'האָב געקוקט אויף די באַשעפטיקטע מאַטראָסן מיט עפּעס אַ באַזונדערער זעלבסט־צופרידנקייט. דאָס איז געווען בײַ מיר אַן ערשטע איבערלעבונג פון דעם מין.

די עטלעכע טעג וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אויף דער שיף „ציון", וואָס האָט אונדז געפירט פון איטאַליענישן ים־ברעג אין גענוּאַ ביז דעם ישראל־ברעג אין חיפהער פּאָרט, זענען געווען טעג פון איבערגאַנג פון איין וועלט אין דער צווייטער. אוודאי מײַנט דאָס נאָך נישט, אַז דאָס איז שוין געווען מײַן אייגנטלעכער איבערגאַנג. איך קאָן אָן ספק זאָגן, אַז דאָס זענען געווען טעג וואָס האָבן אָפּגעשלאָסן אַ לעבן אין אַ וועלט, אַ וועלט — אַ ביז־איצטיקע, וואָס איז געווען אַזוי פאַרשידנאַרטיק פאַר די הונדערטער מענטשן וואָס האָבן זיך דאָ צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעטראָפן אויפן שיף־באָרט „ציון". אַ געמיש פון קולטורן, שפּראַכן, מענטאַליטעטן, לענדער און קאָנטינענטן. יעדער איינער מיט זײַן סיפּור־המעשה, וואָס אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זײַנע איז מער אינטערעסאַנט און דראַמאַטיש פון די וואָס די אַנדערע דערציילן. און איך האָב אַ שווײַגנדיקער זיך געלאָזט אײַנוויגן פון די רוישיקע ים־כוואַליעס. שעהען דורכאַנאַנד, אין די טעג און אין די נעכט, בין איך געווען אַרײַנגעטון אין אייגענער פאַר־טראַכטונג און איבערטראַכטונג: וואָס קומט מיט מיר איצט פאַר? דער עיקר אָבער: כ'האָב געוואָלט פאַראויסזען און דערפילן ווער און וואָס דערוואַרט מיך בײַם ברעג אין חיפהער פּאָרט? איך האָב געוואָלט אין מײַן פאַרשטעלונגס־קראַפט זען די קינדער, נאָך גאַנצע 12 יאָר, ווי אַזוי זענען זיי געוואַקסן אין זייער קינדהייט און פריִער יוגנט אָן זייערע עלטערן. איך האָב געפרוּווט אַרײַנדרינגען אין די טיפע, סובטעלע פּראָבלעמען, וואָס די יאָרן פון מײַן געצוווּנגענער צעשיידונג מיט זיי האָבן באַשאַפן, און פאַר וועלכע איך וועל דווקא איצט, אין די טעג פון מײַן גרעסטן לעבנס־טריומף, אָוועקגעשטעלט ווערן.

און דער נס איז געשען. כ'האָב דערגרייכט מײַן געגאַרטן באַגער: מײַן צונויפטרעפונג מיט די קינדער. די רעאַליזירונג פון אַ יאָרנלאַנגן, אַלייניקן שווערן געראַנגל און קאַמף. אָט איז מײַן פולשטענדיקער, פריידיקער זיג, מײַן וויכטיקסטע לעבנס־קאַמפּענ־סאַציע פאַר אַלע מײַנע לײַדן, אפשר אויך אַ קאָמפּענסאַציע פאַר אויסדויער און אויסגעהאַלטנקייט אין די אומגעהייער שווערע מאָמענטן.

אַרומגענומען פון אָט די מחשבות, וואָס נישט אַלע געלינגט מיר דאָ אַרויסצוברענגען, האָב איך דערהערט דעם איבער־געריסענעם גערויש פון די שיפס־מאַשינען און דערפילט די שטילע אַרײַנפליסונג פון דער שיף „ציון" און איר פאַראַנקערונג אין חיפהער פּאָרט.

פון שיף־באָרט האָב איך מיט אומגעדולדיקער נײַגעריקייט געזוכט און געפּרוּווט דערקענען מײַנע דערוואַרטער צווישן דעם גרויסן געזעמל מענטשן וואָס האָבן דערוואַרט זייערע קרובים. די מחיצה וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פון דעם שיף־באָרט ביז דעם יבשה־ברעג איז פאַר מיר געוואָרן אַ גרויסע שטערונג, בעת איך האָב דערזען און דערקענט די פרוי סעגאַל, און מיט איר — פון ביידע זײַטן — מײַנע קינדער. עס זענען געקומען די עמאָציאָנעלע רעאַגירונגען, די אויסגעשרייען פון הין און צוריק איבער דעם שמאָלן ים־פּאַס וואָס האָט אונדז נאָך אַלץ געהאַלטן צעשיידט. מיט זיי דערקען איך מײַן קוזין, וועלכן איך האָב פריִער דערמאָנט, און מײַן נאָענטן יוגנט־חבר שלמה וואַנסקי, וועמען איך האָב גלײַך דערקענט נאָך אַן איבעררײַס פון 15 יאָר, בײַ אַ צופעליקער באַגעגעניש אין אַסטראַכאַן, אין דעם ביטערן יאָר פון עוואַקואַציע אין האַרבסט 1941.

און לאָמיך פאַרצייכענען: נאָך אַזויפיל יאָרן נע־ונד, אומ־וואַנדלונג און געיאָגט־און־געפּלאָגט זײַן איבער צענדליקער־טויזנטער קילאָמעטערס, איבער לענדער און שטעט, — איז חיפה געווען דאָס ערשטע אָרט ווו מען האָט אויף מיר געוואַרט, און אויף וועמען איך האָב געוואַרט! צום ערשטן מאָל פאַר אַלע מלחמה־יאָרן, וואָס אויך איך בין אַרײַנגעפאַלן אין אָפענע אָרעמס.



דעם מחברס קינדער מיט זיין קוזין ביים אָנקומען קיין ישראל אין יאָר 1954

וואָס האָבן אויף מיר געוואָרט און מיך באַגערט. דאָס וואָס האָט מיר אַזוי געפעלט, וואָס איך האָב זיך געפילט אַזוי באַעוולט, געבענקט און געהאָפט אויף אַלע באַן־פעראָנען פון וואָקזאַלן, פלי־און ים־פּאָרטן, ביים צוקוקן זיך צו באַגעגנטע און באַגעגענער. זאָל דעריבער געבענטשט זיין דער טאָג פון מיין באַטרעטן די חיפהער ערד — 6טער יולי 1956! און דאָס אַלץ וואָס איז געשען אַרום דעם, די עצם באַגעגעניש מיט די קינדער און די נאָענטסטע, די געפילן און איבערלעבונגען, — דאָס אַלץ איז אַזוי שטאַרק אַז איך בין צו שוואַך צו קאָנען דאָס אויסדריקן אין ווערטער, אַלץ וואָס איך וועל זאָגן, וועט נישט זיין גענוג פאַר דעם, וואָס איזווירקלעך געווען.

איך געדענק גוט די רייזע פון חיפה קיין תל־אביב, אויך וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט. כ׳האָב זיך באַמיט צוצוגעוויינען צום געהער און צו דער שטים וואָס אַרום מיר. כ׳בין אַריין אין דער וווינונג פון דער פרוי סעגאַל, מיט די קינדער, כּדי אָנצוהייבן,

מיט דעם וואָס מען רופט דאָ אין עברית: מײַן „קליטה", אָדער אַבסאָרבציע.

אוודאי איז מײַן קומען געווען אַ מין סענסאַציע פֿאַרן קרײַז פֿון מײַנע חברים, פֿרײַנד, באַקאַנטע אין לאַנד און אין אויסלאַנד, אָבער נישט נאָר פֿאַר זיי. אויך פֿאַר אַ ברייטערן קרײַז פֿון דער ישראלדיקער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אַדאַנק דעם באַקאַנטן תל-אביבער אַדוואָקאַט ברוך מינקאָוויטש, וועמען איך בין שולדיק אַ סך אַ סך פֿאַר זײַנע אומדערמידלעכע באַמיִונגען און הילף די קינדער, בײַם שרײַבן די אַלע ביטעס צו די סאָוויעטישע מאַכט-אָרגאַנען.

אַדוואָקאַט מינקאָוויטש איז געווען אויך אַזוי איבערגענומען מיט מײַן קומען, אַז ער האָט וועגן דעם אינפֿאָרמירט דעם באַקאַנטן מיטאַרבעטער פֿון „מעריב", דוד גלעדי, וואָס האָט מיך אָפּגעזוכט אויפֿן דריטן טאָג נאָך מײַן קומען און געהאַט מיט מיר אַן אינטערוויו, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ פֿרײַטיקדיקן נומער פֿון „מעריב": אַ גרויס אַרטיקל און אַפֿילו מיט פֿיר פֿאָטאָס פֿון זײַנע „העלדן" (פֿון פֿרוי סעגאַל מיט די קינדער און פֿון מיר). נאָכדעם — אַ כוואַליע פֿון וואַרעמע אָפּרופֿן, באַגריסונגען און פֿרייד-אויסדרוקן פֿון פֿיל, פֿיל פֿרײַנד און חברים, פֿון אויסלאַנד און אין ישראל, וואָס האָט מיך געשטאַרקט אין דעם אָנהייב פֿון מײַן באַנײַונג און ווידערגעבורט.

נאָכוואָרט

חשובער לייענער,

ווי דו זעסט שליסט זיך אָפּ מײַן דערציילונג דעם 6טן יולי 1956, אין דעם טאָג ווען איך האָב דערגרייכט דעם היפהער פּאָרט. ווען זײַן אַזעלכע וואָס וועלן פרעגן: „נו, יאָ, אָבער דאָס איז דאָך געווען מיט 29 יאָר צוריק... און וואָס איז געווען ווײַטער?

וויל איך טאַקע זאָגן, אַז ווען איך בין געקומען אין לאַנד, בין איך טאַקע געווען מיט קנאַפּע דרײַ צענדליק יאָרן יינגער, אָבער געמיינט האָב איך דעמלט, אַז איך בין שוין אַלט, ווײַל געהאַט הינטער זיך אַלץ וואָס פּאַרפּולט און איבער־פּילט. פאַר יעדן פאַל — פּסיכאָלאָגיש בין איך געווען אַזוי באַווירקט.

אָבער, נישט אַזוי איז געווען. שוין אויפן 3טן טאָג פון מײַן קומען אין לאַנד אַרײַן בין איך אַרויס פון מײַן צײַטווײַליקער היים, אַפּגעזוכט און אָפּגעפונען מײַנע אידייען־חברים; אַרײַן אין נײַעם לעבן מיט אַלע ספּעציפישע און קאָמ־פּליצירטע פאַר מיר פּראָבלעמען פון יענע טעג, — פּערזענלעכע און פאַמיליאַרע, און אַוודאי אויך מיט מײַן געזעלשאַפטלעכער אַקלימאַטיזירונג. דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען, ווי געוויינלעך, מיט אויפשטײַג און דערגרייכונגען און, ליידער, אויך מיט פאַרלוסטן. אָבער די געזעלשאַפטלעכע סביבה האָט מיך אַרומגענומען און אַלץ לײַכטער געמאַכט; בין איך אַרײַן אין איר, און אין דער פאַר מיר נײַער פּאָליטישער ספערע מיט מײַן גאַנצן ווען, אפילו ווען איך האָב געהאַט מיט וועמען און איבער וואָס צו שטרייטן.

און אויף דעם אַלעם האָב איך זיך נישט פאַרמאָסטן, און מײַנע שרײַבערישע פּרעטענסיעס זענען אַזוי ווײַט נישט געגאַנגען. דערפאַר אָבער וויל איך דאָ אויסדריקן מײַן טיף־אינערלעכן דאַנק די אַלע פרײַנד, חברים און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — אין לאַנד און אין אויסלאַנד — וואָס האָבן מיר מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט געהאָלפן רעאַליזירן מײַן נדר: צו דערציילן דער וועלט, דאָס וואָס כ׳האָב געהאַט צו דערציילן.

דאַנק איך די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין ישראל, ווי דעם ייִדישן שרייבער־פאַראיין, דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, דעם „ישראל־בוך", דעם קרן תל־אביב לספרות ולאמנות, און גאָר באַזונדער די אַנגאַזשירטע און באַטייליקטע פרײַנד און חברים פון אויסלאַנד, וועמען איך רעכן נישט אויס זייערע נעמען, צוליב באַשיידנקייט־טעמים.

און צום סוף אַ ליוב מײַנע אייגענע משפּחה־מענטשן, איטקען און די קינדער, וועלכע האָבן מיך מאָראַליש און מיט פאַרשטענדעניש געשטאַרקט פאַר מײַן מי און אַרבעט.

דער מחבר

אינהאַלט

אַריינפירס:

מרדכי צאַנין — צוויי מאָל געבוירן ווערן 7

משה לאָקעטש — פאָרשטעלן דעם מחבר 9

קאַפּיטלען:

פון קראָכמאַלנע ביז קאָלימאַ... 11

אַסטראַכאַן, דער ייִדישער טרערן־אינדזל
האַרבסט 1941 80

דער אַרעסט אין באַראַנאָוויטשע 97

מייַנע טורמע־פּאַרטנערן 117

סטאָלפּינסקי וואַגאָן 130

וואָס און ווער איז „דאַלסטראָי" ? 150

צוריק פון קאָלימאַ 170

דער מחבר — נאָכוואָרט 263